UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 106- Fall 1985 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/56r7m0v3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 106(1)

Publication Date
1985

Copyright Information
Copyright 1985 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 106

האַרבסט
תשמ"ו

AUTUMN
1985

אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
דניאל מאַלאַמעד, פרעזידענט • בערנאַרד ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER

469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט

זייט

שמע קולנו... / יידיש: ישראל גובקין — 3

בלומע לעמפעל / ניו־יאָרק: הערשעלע דער טוקערינס (דערציילונג) — 4

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק: לידער — 8

ס. נוטקעוויטש: „דאָס יידישע פאָלק איז געווען מיין שולע" — 9

משה שקליאַר: „שאַגאַלס וויטראַזשן"; „שטערן" — לידער — 14

לילי בערגער / פאַריז: פון דער סעריע — חומש מעשהלעך — 16

חנן קיעל / ניו־יאָרק: לידער — 24

לאָטי פ. מלאך: דער רבי און אַ קאַנטשיק (דערציילונג) — 26

משה עטינגער / ניו־יאָרק: לידער — 31

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ: לידער — 32

שרה ראַפּאַלין־ליינער: די אייביקע ירושלים — 34

חיים פּלאָטקין / ניו־יאָרק: לידער — 41

אַריה פאָזי: יידישקייט און וועלטלעכקייט — 42

יצחק אלחנן ראָנטש: אינדערפרי (ליד) — 53

חיים קעניגער / פאַריז: לידער — 54

דוד אָפּאַלאָוו / ניו־יאָרק: לידער — 55

שמואל וויס: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס" — 56

☆

# אינהאַלט

(המשך)

## שרייבערס און ביכער


זייט

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק: קאַדיש מאַלאָדאָווסקי — די פּאָעטעסע און עסייאיסטין — 59

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק: קריטיק און לויב — 63

יצחק קאַהאַן / מעלבורן: טראַגעדיעס — אַ שטאָף פאַר אַ גרויסן קינסטלערישן ראָמאַן — 68

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק: סאָל ליפּצינס ביבלישע טעמעס אין דער וועלט־ליטעראַטור — 73

חנן קיעל / ניו־יאָרק: די סימבאָלישע דראַמעס פון י. ל. פּרץ — 76

נייע ביכער — 81

פּ. נ.: ד"ר טוביה מייזעל ע"ה — 82

הסתדרות מודעה — 83

ראש השנה באַגריסונגען — 84-90


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון
נומ. 106
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גראַוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

41סטער יאָרגאַנג, נומער 106 • האַרבסט 1985 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## ה׳תשמ״ו 5746

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"

## שמע קולנו...

(פון מחזור)

הער אונדזער קול,
אדושם, אונדזער גאָט;
דערבאַרעם זיך,
און האָב רחמנות
אויף אונדז.

נעם אויף מיט רחמים
און מיט גוטן ווילן
אונדזער תפילה און געבעט.

זאָלן דיר זיין לרצון
די רייד פון אונדזער מויל
און דאָס פילן פון אונדזער האַרץ;
גאָט,
אונדזער פעלדז און דערלייזער.

פאַרוואַרף אונדז ניט פון זיך,
נעם ניט צו פון אונדז
דיין הייליקן גייסט.

אַל תשלכינו לעת זיקנה,
ככלות כוחנו
אַל תעזבנו.

פאַרוואַרף אונדז ניט
ווען זיקנה קומט אָן;
פאַרלאָז אונדז ניט
ווען די כוחות גייען אויס.

קער אונדז אום צו דיר
און מיר וועלן זיך אומקערן;
באַניי אונדזערע טעג
ווי אַמאָל.

זאָלן אונדזערע שונאים זיך שעמען
ווען דו וועסט אונדז טרייסטן
און העלפן.

מיר האָבן דאָך תמיד
געהאָפט אויף דיר.
הער אונדזער שטים
און ענטפער אונדז,
אדושם, אונדזער גאָט!

*יידיש:* **ישראל גובקין**

בלומע לעמפעל / ניו־יארק

# הערשעלע דער טוקערינס

(דערציילונג)

אמאל איז געווען א ייד מיט א יידענע, א גאטפארכטיק פארפאלק. זיי האבן געוווינט אין א הייזל ביים ברעג פון טייך אין שכנות מיטן באד און מיט דער קרעניצע פון וואנען דאס שטעטל האט געשעפט וואסער.

דער ייד איז געווען א בלעכער. ער האט די מלאכה געירשנט פון זיין טאטן, איניינעם מיטן שטיבל, מיט די בלעכן, צייבק און האמער. ער האט אויך געירשנט די ווייבער וואס זענען געקומען מיט זייערע צעלעכערטע טעפ, דער בלעכער זאל זיי פארלייטן. דאס זענען מערסטנס געווען ווייבער פון ארעמען שטאנד. האט איינע געהאט גאט אין הארצן, האט זי אים צוגעווארפן א פאר גראשן. אלא ניט — האט דער בלעכער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, דער וואס לעבט אייביק וועט שוין מוזן ממלא זיין. אפשר וועט ביי א רייכן פויער דער בלעכענער דאך זיך צעברעכן? אן ארעמער פויער האט דאך ניט קיין בלעכענעם דאך. דער וואס האט יא, לייגט א לאטע אויף א לאטע. פאר א טאג לאטעס לייגן קריגט דער בלעכער א טוץ אייער, א הון אויף שבת, א מעסטל קארטאפל, און זומער צייט, אויך א ביסל גרינס פון גארטן.

פון די פארדינסטן האט מען קיין מלבוש ניט געקאנט אויף זיך ארויפציען. שיך האבן זיך צעריסן. הויזן האבן זיך אויסגעריבן, און מען האט באדארפט א לייבל אויפן לייב, א קליידל פאר דער יידענע אין שול אריין צו גיין. ווינטער, ווען די שקצים האבן זיך געגליטשט אויפן טייך, האבן זיי אין איין וועגס אויסגעהאקט דעם בלעכערס שויבן, גלאט אזוי מקיים צו זיין אן אלטע מיצווה.

אזוי ווי דער ייד מיט דער יידענע האבן געוווינט אין שכנות מיט דער באד, איז די בלעכערקע באין ברירה געווארן א טוקערין. זי האט די מלאכה באטראכט פאר א הייליקער טואונג. מיט גרויס התפעלות האט זי געמאכט די ברכה על טבילת נשים. ווען זי האט אויסגערופן: כשר, כשר, כשר! האט זי בפירוש געהערט ווי א בת־קול פון דער הייך האט איר אפגעענטפערט: כשר, כשר, כשר... דעמאלט איז דאס ווייבל ארויסגעקומען פון דער מיקווה שיינענדיק ווי א מלאך וואס טראגט אין זיך דעם סוד פון ווערן.

אין שיינעם זומער נאך מיטאג, ווען די ווייבלעך זענען א היים געגאנגען, און אין באד האט שוין געטונקלט, איז די טוקערין אליין אויך אריין אין מקוה. שוין דאס פערטע יאר ווי זי לעבט מיט איר מאן, היט אפ אלע דינים, נאר די טראכט אירע רירט זיך ניט, ליגט פארפרוירן ווי א שטיין צו ווען די זון קומט ניט צו.

יענעם אוונט איז זי אריין אין שטוב אן אויפגעלייגטע. זי האט פארקאכט א קאשע פון גראבע גרויפן, אריינגעלייגט א פליגל פון א הון, א פיסל פון א קאטשקע, פארבראקט מיט גרינעם פעפער, מיט טרוקענע שוואמען, אונטערגעשלאגן מיט א גענדזן איי.

אין זכות פון שרה, רבקה, רחל און לאה, האט זי אויסגעליידיקט דאס פלעשל פון פאראיאריקן ווישניאק און דערלאנגט איר מאן ער זאל מאכן א ברכה. דער בלעכער וואס איז א גאנצן טאג געזעסן אויף אן אנגעהיצטן דאך, האט ממש געפילט ווי דער ווישניאק גיסט זיך צונויף מיט די הייסע זונשטראלן וואס ער האט איינגעזאפט. ער האט אויסגעציקלט די ברכה מיט א יום־טובדיקן ניגון. דערנאך האט ער א קוק געטאן אויף דער יידענע, וואס האט אקערשט אפגעציילט איר 25טן זומער, און אים איז געווארן הייס אין אלע אברים. דער ווישניאק האט געשפילט, און ער האט זיך צעזונגען מיט א געזאנג וואס האט געקוועלט אין אים: „איך צו דיר/און דו צו מיר/ טרינק דו/ און גיב מיר/.

און ווייל אין שטוב איז געווען הייס, און די לעצטע זונשטראלן האבן זיך געלייגט ביי די פיס — האט די טוקערין

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אייבערשטע קליידל, דאָס אונטערשטע קליידל איז ווי פון זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן.

יענע זומער־נאַכט איז די טוקערין פאַר־גאַנגען אין טראָגן. צו דער צייט האָט זי געבוירן דעם בלעכער זיין היים־באַגערטן זון. זיי האָבן אים גערופן הערשעלע, נאָך דער טוקערינס טאַטן, הערש בער, דעם דרדקי מלמד. זיין פרומקייט האָט פאַר־כאַפּט די פאַנטאַזיע פון שטעטל, און מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע. מ'האָט דערציילט, אַז איידער דער מלמד האָט זיך געזעצט צום טיש לערנען מיט זיינע חדר־יינגלעך, פלעגט ער זיך צום ערשט טובלען אין טייך. סיי זומער, סיי ווינטער, איידער די זון האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט מען אים שוין געזען גיין מיטן תפילין־זעקל צום טייך און פון דאָרט אין שול אַריין צו דאַווענען מיטן ערשטן מנין. ווינטער, ווען דער טייך איז געווען געפרוירן, האָט ער אויס־געהאַקט אַ לאָכקע און זיך אונטערגעטונ־קען. אָפט מאָל ווען דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָבן זיינע באָר־וועסע פיס צוגעקלעפּט צום אייז און געלאָזט אַ פאַרבלוטיקטן שליאַך נאָך זיך.

הערשעלע איז געוואַקסן מיט אַלע מעלות, געזונט און שטאַרק, שיין ווי דער טאָג און פאַרסודעט ווי די נאַכט. זיינע האָר זענען געווען קרויזיק ברוין, די אויגן גרוי, איינגעזעמט אין שוואַרצע וויעס. צו זעקס יאָר האָט ער שוין גענוצט מער ווערטער ווי זיינע טאַטע־מאַמע. ווו ער האָט די ווערטער גענאַשט, איז געווען אַ רעטעניש. ער פלעגט אָפט אַריינקומען אין באָד, זיך פאַרשטעקן אין אַ ווינקל, גענאָגט אַ צוקערל וואָס אַ ווייבל האָט אים געשאָנקען און זיך צוגעהערט צו די גרילן וואָס האָבן געגרילצט אין פאַר־באָרגעניש. הערשעלע קוקט אויף די באַקעטע ווייבער. זיין האַרץ שווילט מיט זיס און זויער ווי די צוקערקעס אין זיין מויל. אין גערדאַנק רירט ער אָן די ווייסע, נאַסע ווייבערישע לייבער. עפּעס זוכט ער און ווייסט אַליין ניט וואָס. ער לויפט אַהיים, נאָר די וויזיעס לויפן אים נאָך. זיי שווימען אַרום אין זיין דמיון און גע־פינען אַ תיקון אויף אַ פאַפּנדעקל, גע־צייכנט מיט אַן אויסגעלאָשענער קויל. ער באַלעבט די ווייבער אויף שטיקלעך בלעך. ער לאָזט ניט אויס די בריסטן, דעם בויך — און דעם סוד פון אַלע סודות.

די וויזיעס טראָגן זיך איבער אין חדר אַריין. שרה און הגר, רבקה ביים ברונעם, רחל און לאה. אויך ער וואָלט פאַר רחלען געדינט צוויי מאָל זיבן. און אויב צוויי מאָל פערצן וואָלט בייטיק געווען — וואָלט עס פאַר אים אויך ניט געווען צופיל. ער זעט רחלען מוטער־נאַקעט. זי קומט אַרויס פון מקוה אַ פאַרפלאַמטע: ראָזעווע ליפּן, ראָזעווע וואָרצלען. איר בליק איז אָנגעצילט אין אַן אומבאַקאַנטער ווייט. ער וויל וויסן וואָס, אָדער וועמען זי זעט. מאָלט ער אויס אַ בלום. די שוואַרצע בלום אויפן ווייסן פּאַפּיר רופט ביי אים אַרויס אַ כעס. ער מוז האָבן פאַרבן, ער מוז איבערטראָגן דעם קאָליר פון דער בלום אויף וועלכער זי קוקט. ער מוז רעפּראָדוצירן דעם ראָזעווען רייץ פון אירע וואָרצלען, דעם צויבער אין אירע אויגן. ער מוז. אָן פאַרב און אָן פּאַפּיר האָט זיין לעבן קיין ווערט ניט.

הערשעלע בייט אויס שטיקלעך בלעך פאַר קריידלעך פון אַלע קאָלירן. נאָר אויך דאָס באַפרידיקט אים נישט. קנעט ער אויס פון ליים פיגורן און שטעלט זיי אויס צו טריקענען. זיין פאָטער כאַפּט זיך וואָס דאָ קומט פאָר, נעמט ער צונויף די פיגורן, די שטיקלעך בלעך און די פּאַפּנ־דעקלעך און וואַרפט דאָס אַלץ אין טייך אַריין.

צוועלף יאָר איז הערשעלע אַלט געווען ווען זיין טאַטע איז געשטאָרבן. די מאַמע זיינע איז אַוועק פון באָד און אָנגעהויבן זוכן אַנדערע פרנסות. אַ פרנסה וואָס זאָל פּאַסן פאַר גאָט און פאַר לייט. כאָטש בעקעריי איז ניט אָנגענומען פאַר אַ גע־הויבענער מלאכה, פילט זי אָבער פאַר גאָט אין הימל איז עס קיין בושה ניט. זי גיט ניט קיין פאַלשע וואָג, רעכנט ניט איבער. שבת, ווען די אָרעמע לייט לאָזן זיך איבער די הייזער, האָט זי שוין שיש־קעס ברויט אָנגעגרייט פאַר זייערע אָפענע קויבערס. אמת, די אַרבעט איז אַ שווערע. זי באַקט ביינאַכט, אין דער פרי העלפט

איר דער זון צעטראָגן די ברויטן צו די קונדן.

איר מערכה האָט זיך אַ ביסל אַ הייב געטאָן ווען זי האָט אָנגעהויבן באַקן חלה אויף שבת. ס'איז געווען די צייט ווען יונגע ווייבלעך האָבן אויסגעטאָן די שייטלען און זיך באַוויזן אין גאַס מיט אָפּגעדעקטע האָר, מיט נאַקעטע אָרעמס און קליידער ביז צו די קני. אַזוי פאַרקאָכט זענען זיי געווען אין דער נייער מאָדע, אַז זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט צו באַקן חלה אויף שבת. דעמאָלט האָט די געוועזענע בלעכערקע גענומען אויף זיך די מיצווה צו באַשיינען דעם יידישן טיש, ניט נאָר מיט חלה, נאָר אויך מיט ראָזשינקע־וויין, ס'זאָל חלילה ניט געמאַכט ווערן אַ ברכה איבער יין נסך.

הערשעלע איז מיטגעגאַנגען מיט זיין מוטער פון הויז צו הויז. ער האָט געהאָלפן טראָגן די שווערע פעק. ער האָט זיך צוגעקוקט און איינגעהערט וואָס די גאַס האָט צו דערציילן. דערנאָך איז ער אַוועק צום טייך, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געדימיונט. וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ וויניקער האָט ער גערעדט. ער האָט אפשר יאָ גערעדט, נאָר ניט בקול רם. ער האָט גערעדט צו די בויגנס פּאַפּיר אויף וועלכע ער איז ניט מיד געוואָרן צו צייכענען און מעקן.

אין דער לעבעדיקער שפּראַך האָט ער ניט געקענט אויסדריקן זיינע צעשוומענע געפילן, צונויפנעמען ברעקלעך און זיי מאַכן גאַנץ. אויך איז ניט געווען צו וועמען צו רעדן. די יינגלעך אין זיין עלטער האָבן אים געשטעמפּלט פאַר אַ משוגענעם. ער האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל מיט זיין אויסטערלישער באַנעמונג. ס'טייטש, אַ יונג פון זיבעצן יאָר גייט אַרום באָרוועס, דאָס העמד צעכראַסטעט, די האָר איבער די אויערן, כאָטש גיי און פלעכט אים אויס צעפּ. אויך די מיידלעך האָט ער זייער וויניק אימפּאָנירט. אפילו דער כישוף אין זיינע אויגן האָט ניט געקענט ביישטיין זיינע באָרוועסע פיס.

הערשעלע האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן נאָטן. זיצנדיק אויפן שטיין, מיט די פיס אין וואַסער, האָט ער פאַרצייכנט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, דאָס קול פון דער קוקאַווקע, און דאָס סענסיטיווע טרילן פון דעם נאַכטיגאַל. הערשעלע האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג. ער האָט ליב געהאַט מוזיק, איז ער נאָכגעלאָפן די קלעזמער וואָס זענען געקומען שפּילן אויף חתונות. ער האָט ניט גערוט ביז ער האָט אויפגעכאַפּט דעם וואָלעך אויף אַן אַליין געמאַכטן פייפעלע. ער איז שוין געווען אַ גרויסער מחור, ראוי לחופה, האָט זיין מוטער געזאָגט. הערשעלע האָט געלאַכט. נאָר אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פרייכטקייט, געוואָרן פול און זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיין פנים, ווי מיקווה־טראָפּנס אויף אַ נאָר וואָס געכשרטע כלי.

די מיסטעריע פון די טבילה־ווייבלעך האָט אים קיין מאָל ניט פאַרלאָזט. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין זיין מהות און רק געמאָנט נתגלה צו ווערן אין זייער נאַטירלעכער שיינקייט. הערשעלע פאָלגט אויס זייער באַפעל. ער באַשאַפט זיי און צעשטעלט זיי. ער פאָרמט זיי אויס אין ליים, רונדיקט אויס זייערע גלידער, די העלדזער, די הענט, די פיס. ער שטעלט אויס די ליימיקע פיגורן אַנטקעגן דער זון. „געטשקעס", זאָגט די מאַמע, און ברעכט די הענט. ניט אַנדערש נאָר אַ דיבוק האָט זיך איינגענעסטיקט אין איר זונס נשמה. פון צייט צו צייט פאַרלייט ער אַ טעפּל, קריכט אַרויף פון אַ גויאישן דאַך. נאָר זיין הארץ איז ניט דערביי. ער זיצט אויפן דאַך און זינגט. זיין שטים באַצויבערט די שיקסלעך. ביי זיי זענען זיינע באָרוועסע פיס קיין מניעה ניט. טייל מאָל ווען ער בלייבט נעכטיקן אין שטאַל, צו זיין פרי ביי דער אַרבעט, שאַרן זיי זיך צו אים, זיי דעקן אָפּ זייערע גראָבע לייוונטענע העמדער און גיבן זיך איבער אָן פּרעטענציעס.

פאַר די פּאָר זלאָטעס וואָס הערשעלע קריגט פאַר זיין אַרבעט, קויפט ער איין גרויסע בויגנס פּאַפּיר, קויפט איין בלייערס, פּענדזלס און פאַרב פון אַלע קאָלירן. זיין חלום איז לייוונט, אַ פּאַליטרע. ער האָט אַזוי פיל צו דערציילן דעם נאַקעטן לייוונט. קלאַפּט ער דעכער, פאַרלייט טעפּ, נאָר פון שיך טראַכט ער ניט. די

מוטער קאָן מער קיין חלות ניט באַקן. די אויסטערלישע וועגן פון איר זון פאַרשאַפן איר בזיונות און טרייבן זי פרי פון דער וועלט.

הערשעלע בלייבט אַליין אין שטיבל ביים טייך. ווען ער האָט ניט קיין לייוונט, מאָלט ער אויף די ווענט, אויף די טירן, אויפן פּריפּעטשיק, אויף דער הרובע. ער מאָלט זיין טאַטן אויף אַ בלעכענעם דאַך. ער מאָלט זיין מאַמען ביי דער מולטער. ער מאָלט דעם טייך, דעם הימל, די ביימער, נאָר די ווייזיעס פון די טבילה־ווייבלעך שעפּן זיך ביי אים ניט אויס.

איין מאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג איז אַ פּריצטע מיט איר סוויטע פאַרבייגעריטן דעם וואַסער־ברעג. די פערד זענען געלאָפן און זיך אָפּגעשפּריצט זייערע רייטערס. זייער געלעכטער האָט צוגעצויגן הערשעלען צום פענצטער. די באַנדע רייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ דאַמע אין הויזן, מיט אַ פעדער אין איר הוט האָט באַמערקט די מאָלעריי אונטער דער סאַמע סטריכע פון בלעכערס דאַך. די מאָלעריי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעגנבויגן וואָס האָט געניָדערט פון דער הייך און אַרומגענומען די שויב, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשיינט אַ זון. הערשעלע האָט געקוקט און געזען ווי די דאַמע אין די געפּאַסטע הויזן, מיט דער פעדער אין איר הוט טיילט זיך אָפּ פון איר סוויטע, גיט אַ צי די לייצעס און דערנענטערט זיך צום הויז. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער גלייך אַריין אין שטוב.

אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט זי זיך גענומען דרייען איבער די ענגע צימערלעך. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער באַזונדערער מאָלעריי. זי האָט לאַנג באַטראַכט די ליימענע פיגורן. נאָך דעם ווי זי איז אַרומגעגאַנגען צוויי מאָל, אַהין און צוריק, האָט זי אַראָפּגענומען דעם הוט, אַ מיש געטאָן אירע גאָלד־רויטע האָר און מיט די הענט אויף די היפטן שטיין געבליבן פנים אל פנים מיטן בעל־הבית:

„ווער איז דער מאָלאַזש, דו?"

„יאָ, איך" האָט הערשעלע געענטפערט.

„ווי רופט מען דיך, שיינער מאָלאַזש?"

האָט זי אַ פרעג געטאָן האַלב באַפעלעריש, האַלב טראָציק.

הערשעלע שטייט פאַר דער פּריצטע שטייף ווי אַ סטאַטוע. ער האָט נאָך אין זיין לעבן אַזאַ שיינקייט ניט געזען, בפרט אַזוי נאָענט. ער האָט געקענט שפּירן איר אָטעם. דער ריח וואָס האָט געצויגן פון איר צו אים האָט געשמעקט ווי מירטן־לויב אויפן שלייער פון אַ כלה. „מיין נאָמען איז הערשעלע", האָט ער ענדלעך געזאָגט. אָן אַ פאַרוואָס האָבן זיך בײדע צעלאַכט.

„מיין נאָמען איז יאַדוויגאַ, יאַדוויגאַ קאַזשימנאָוואַ; איר, הערשעלע, רופט מיך יאַדזאַ."

הערשעלע שאַרט זיך היטערווײלעכץ. ביי דער וואַנט בלייבט ער שטיין. ער נעמט זיך אָן מיט קוראַזש און פרעגט צי זי האָט אויך ליב צו מאָלן?

„איך שפּיל מיך מיט פאַרבן; איר, מיין פריינד, האָט טאַלאַנט."

הערשעלע קוקט אויף איר מיט פרעגנדיקע אויגן. ער האָט קיינמאָל דאָס וואָרט ניט געהערט.

„איך ווייסט ניט וואָס דאָס וואָרט מיינט?— זאָגט זי לאַכנדיק—איר דאַרפט ניט וויסן. איר האָט עס, און דאָס איז גענוג." די פּריצטע שמייכלט. איר פנים פלאַמט. זי גייט צו צום פענצטער:

„איך מוז שוין לויפן," זאָגט זי. „מיין סוויטע וואַרט. איר לייענט אפשר פּויליש?" פרעגט זי שטייענדיק שוין ביי דער טיר.

„אַ ביסל"— ענטפערט הערשעלע.

„נו גוט, איך וועל צוריקקומען. מיר וועלן צוזאַמען שטודירן די גרויסע מייסטערס."

הערשעלע גייט איר נאָך. זי דרייט זיך אויס צו אים און דריקט אים אָפּ אַ קוש גלייך אויפן מויל. „איר זענט אַן אמתער געווינס פאַר מיר, אַן אַנטפּלעקונג, מוז איך זאָגן. איך וועל צוריקקומען. וואַרט אויף מיר."

* * * * *

הערשעלע האָט געוואַרט און זי איז געקומען, טאָג איין טאָג אויס איז זי געקומען, געבראַכט מיט זיך אילוסטרירטע

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# לידער

## די שליחות

געלאָדענע קעמלען
געפירט כלה־מתנות רבקהן,
געבענטשט האָט אברהם דעם וועג.
מדבּרדיק שווער—
געצויגן האָבן זיך די טעג.

אין יענער געבענטשטער שעה
אָנגעקומען איז רבקה
צום קוואַל—
אָנגעטרונקען דורשטיקע
פון ווייטן מדבר־וועג.

אליעזר געטאָן האָט זיך בוקן,
געטאָן האָט ער דאַנקען
דער שיינער רבקהן
פאַרן קרישטאָל־קלאָרן וואַסער,
וואָס האָט דערקוויקט דורשטיקע שליחים.

אליעזר,
איבערגעגעבן כלה־מתנות
פון פאָטער אברהם,
געבוקט האָט זיך רבקה
אונטער אָפענעם הימל
אויפן באָדן פון חומש־לאַנד:
פאַרזיגלט האָט זיך
דער בונד פון די שטאַמען —
לעולם ועד.

## לייענענדיק שמואל־א'

דער אַכטער זון, דער ליבלינג,
צוגעטיילט כבוד דעם פאָטער
ישי, געפרייט זיך האָט דער פאָטער
און געצערטלט זיין ליבלינג.

מיטן פאַסטוך־ייִנגל געיובלט האָבן
די בערג, דאָס פעלד, די שעפעלעך,
גרין־צעבליטע לאַנען פאַר שעפעלעך,
אין זוניקע טעג געפרייט זיך האָבן

מיטן שפילן אויפן חליל פון פאַסטוך־ייִנגל
געוועבט הערלעכע ניגונים אין חלל —
געשטילט אומעט אין זיין חלום,
אומעט אין האַרץ פון פאַסטוך־ייִנגל.

ביים אויפגיין פון דער מאָרגן־זון
קומען סטײַעס פייגל אָן צופליען,
באַפליגלען דאָס פעלד אין גליען —
פאַרבלייכט באַכט־שאָטנס די מאָרגן־זון.

וויגן זיך שעפעלעך אין געטלעכער זעט,
צופן גרעזער אויף גרינע בערג,
טרינקען טוי אויף גאָטס ווערק,
קרייזן פלאַטערן פון ווינטס גלעט.
אין חלל פינקלט שוין —
צייכן פון מלכות קרוין....

---

ביכער, קאַטאַלאָגן, קאַנוועס, פענדזלס
און דער עיקר— זיך אַליין.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליבע וואָס נאָך דער טויט אַליין האָט געקענט לעשן. ער האָט זי געמאָלן אַ נאַקעטע אויפן פאַר־שפרייטעכץ פון בעט. ער האָט זי געמאָלן אויף קאַנווע, געצייכנט אויף פאַפיר, גע־פורעמט אין ליים, אויף פלאַכטעס בלעך. אַזוי ביז איר מאַן איז פאַרפאָרן אין זיין עלעגאַנטער בריטשקע, מיט צוויי סיווע פערד נאַשפּיץ. ער האָט אַ שטופּ געטאָן די האַלב־צעבראָכענע טיר און מיט איין שאָס פון רעוואָלווער זיי ביידן דערהרגעט.

מאַי, 1985

ס. נוטקעוויטש

# „דאָס יידישע פאָלק איז געווען מיין שולע“

## (צום טויט פון מאַרק שאַגאַל)



מאַרק שאַגאַלס טויט, דעם 28טן מערץ 1985, האָט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע און נישט־יידישע וועלט. מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט אַז דער 97 יאָריקער קינסטלער איז אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין דער גאַנצער וועלט. אין שייכות דערמיט האָט זיך ביי מיר, אונטערבאַוווּסטזיניק, דערוועקט אַ פאַרלאַנג אויפצומישן אין זיכרון ווי אַזוי און אין וועלכע באַדינגונגען איך האָב זיך „באַקענט“ מיט מאַרק שאַגאַלן?

פון מיינע פריע יוגנט־יאָרן (15־16) געדענק איך גוט געשעענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, שיסערייען אין מיין שטאָט, לאָדזש, ווען פוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, און בילדער פון מאַרק שאַגאַל.

די געשעענישן פליען אין מיין זכרון נישט אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, נאָר ווילדערהייט לויפן זיי אַרויף און אַראָפּ

---

## די פאַסטושקע

פאָר רבקה באַסמאַן

די זון האָט אויסגעגאָסן
דאָס האַרץ אין פאַרבן,
שפּרייט זיך איבערן הימל
געטלעכער וויין.
אין יענעם פאַרנאַכט
געטריבן האָט
די פאַסטושקע
גענדזלעך
צום באַרג מיט שטערן.

מיטן צויבער־שטעקעלע
אין האַנט
פּרייט זיך די פאַסטושקע
קוקנדיק אויף
אַלאַבאַסטער־שנעבעלעך
וואָס שעמערירן
וואָס וויקלען זיך
אין שטראַלן פון דער זון.

מיטן כישוף־שטעקעלע
אין האַנט
זינגט די פאַסטושקע
איר הערלעך ליד:
— פרילינג קומט צופליען
אויפן פליגל־פערד *)
צעבליט זיך דאָס לעבן
צעצוויט די גאַנצע ערד
ווען פרילינג קומט צופליען
אויפן פליגל־פערד.

*) פעגאַז

און טוישן זייערע ערטער פון דערשיינען.

מיט שאַגאַלס פּערזענלעכקייט האָט מיך באַקענט דער וויכטיקער ידישער קינסטלער אַרטור שיק, וועלכער האָט געהאַט זיין קונסט־אַטעליע בשכנות מיט אונדזער דירה אויפן צווייטן הויף פון קאָנסטאַנטינער גאַס 6 אין לאָדזש. אַרטור שיקס אַטעליע איז ווינטער געווען וואַרעם און צוריקקומענדיק פון שולע ווינטער־צייט איז דאָס געוואָרן מיין באַליבט אָרט פון פאַרברענגען, ווייל שיק האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ וווּנדערלעכער וועלט פון קינדער־מעשיות און מערקווירדיקע מענטשן וואָס זיינען צו אים געקומען אַלס געסט.

צוויי פון זיי טיילן זיך ספּעציעל אויס: פאַן לודוויק גלאַנץ און משה בראָדערזאָן. דער פאַן גלאַנץ איז געווען אַ פּאָליאַק, און קומען פלעגט ער מיט אַ ייִדיש מיידל וואָס האָט ליב געהאַט צו דעקלאַמירן פּוילישע און רוסישע פּאָעזיע. גאַנץ אָפט האָט מען געטרונקען אין דער אַטעליע שטאַרקן ליקער און דער פאַן גלאַנץ האָט מיט זיין באַסאָווע שטימע געזונגען אָפּערע לידער.

די געסט־אַרטיסטן האָבן צווישן זיך גערעדט פּויליש און רוסיש. קיינמאָל, דערמאָן איך זיך, האָט מען קיין יידיש נישט גערעדט. ווען איך פלעג קומען אין אַטעליע האָט אַרטור שיק מיך באַגריסט מיט אַ שנעל אין נאָז, אויסרופנדיק: און איצט וועט מען הערן פון דער גרויסן קריטיקער, סערזש... ער האָט אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּירענער טעקע אַרום צוואַנציק בילדער מיט משונהדיקע חיות און מענטשן און נאָך מער משונהדיקע באַוועגונגען. אַלע קאָלירטע מיט פאַרבן וואָס האָבן פאַרבלענדט. דאָס זיינען געווען בילדער פון מאַרק שאַגאַל.

די עטלעכע מענטשן, אַלע מאָלער, האָבן געלאַכט און טייל האָבן פּראָטעסטירט, אַז דאָס וואָס מען ווייזט שאַגאַלס בילדער איז אַ „חילול השם" פאַר קונסט, ווייל דאָס איז נישט קיין קונסט. ס'איז אַ „פּאַטשקעריי" און האָט נישט קיין שייכות צו קונסט.

— האָט איר שוין געזען אַ קאָזע וואָס האָט אַ מיידלס פּנים?

— אָדער אַ מענטש וואָס דער קאָפּ איז פאַרדרייט אויף צוריק?

— ער קאָן נישט צייכענען, איר זעט עפּעס אַ מלאך מיט אַ צעבראָכענעם פליגל?

נאָר שיק און בראָדערזאָן זיינען געווען ערנסט באַזאָרגט און צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט ווערטער און אויסטייטשונגען, וואָס איך האָב ערשט יאָרן שפּעטער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי רעאַליזם, סורעאַליזם און אַזעלכע נעמען ווי פּיקאַסאָ און אַנדערע.

בראָדערזאָן האָט דערציילט וועגן פּרץ מאַרקישעס נייַ בוך, „די קופּע", און אין זכרון זיינען פאַרבליבן שורות, וועלכע איך געדענק ביז היינט צו טאָג: —

„צוויי צילינדערס
אויף די פּיס, און
אויפן קאָפּ אַ שטיוול
מיט אַ רויטן שטערן"...

דער דיכטער בראָדערזאָן האָט אָנגעהויבן ממש אַ מלחמה וועגן די נייַע צייטן וואָס קומען אָן, אַז רעוואָלוציעס וועלן ענדערן די אינהאַלטן און סטילן פון לעבן: צילינדערס וועלן געטראָגן ווערן אויף די פּיס...

טאַקע דאָס וואָס מאַרק שאַגאַל פירט אַדורך אין דער מאַלעריי. מענטשן האָבן חיהשע אייגנשאַפטן וואָס הערשן איבער זיי, און ווער זעט דאָס? פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען זיינען ביז איצט געווען כמעט ווי פאַרשלאָסן פאַרן מאָלער און זיין קונסט. שטעלט זיך פאָר, האָט געפּריידיקט שאַגאַל, ווען אנדזערע חלומות, מיסטעריעס און אונטערבאַוווּסטזיניקע אידעען וועלן געפינען אַ תיקון אין די פאַרבן אויפן לייוונט, וויפיל רייכער, וויפיל טיפער וואָלט אונדזער קונסט געווען!

מיט ממש אַ ווילדן אימפּעט האָט זיך שאַגאַל אַ נעם געטאָן צו נייַע פּראָיעקטן פון מאָלעריי און זיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג ביז אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי, דער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר פאַר בילדונג, האָט איינגעלאַדן שאַגאַלן צו זיין דער קאָמיסאַר פאַר קונסט און אויך פּראָפעסאָר פאַר היימלאָזע קינדער אין מאָסקווע, וועלכע די פּאָליציי

האָט צונויפגעטריבן פון די גאַסן, קעלערן און בוידעמער. דאָס זיינען געווען גליקלעכע טעג פאַר שאַגאַלן, אויסגעפילט מיט נייע פרוכטבאַרע פּראָיעקטן, אָבער אין דער זעלבער צייט געשטערט פון די באָלשעוויסטישע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע האָבן געדורשט נאָך פּראָפּאַגאַנדע און „פּאַרטיי־נוצן".

* * * * *

שאַגאַלס וועג איז פול געווען מיט שטעכיקע דערנער. וויטעבסק איז געווען אַ פאַרשלאָפענע שטאָט. די עלטערן זיינען געווען קרעמער פון אַ שפּייז־געוועלב וואָס האָט קוים געגעבן פּרנסה און דער אומרויקער שאַגאַל האָט זיך געראַנגלט מיט פערזענלעכע אידעען וואָס ער האָט אָפּט געביטן, צום פאַרדראָס פון זיינע עלטערן. אָבער איינגעשפּאַרט איז ער געבליבן ביים פאַרלאַנג צו מאָלן און צייכענען. ער האָט ענדלעך דערגרייכט אָנצוקומען אין אַ צייכן־שולע אין וויטעבסק און אפילו אין פּעטערסבורג, די הויפּטשטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד, וווּ מ'האָט אים פאַרשפּאַרט אין תּפיסה. אַלס ייד האָט ער נישט געהאַט קיין דערלויבעניש דאָרטן צו וווינען.

דערווייל איז געוואַקסן זיין פּאָרטפּאָליאָ פון בילדער. וואָס איז געווען די טעמאַטיק פון זיינע בילדער? דורכויס ייִדישע און צווישן זיינע ערשטע בילדער געפינען זיך: „שבת", „אַ לוויה", „אַ חתונה", „ליבע", „אַ ייד איבער וויטעבסק", און אַנדערע.

שוין אין די ערשטע בילדער שלאָגט שאַגאַל אָן דעם טאָן פון זיין צוקונפטיקער באַציונג צו קונסט. אומעטום איז דאָ שטימונג. אַ מין מיסטיציזם און פאָלקסטימלעכקייט און, פאַרשטייט זיך, אויך פּסיכאָלאָגישער אייגנאַרט. באַזונדערס דריקט זיך אויס זיין שטימונגספולקייט אין די באַוועגונגען פון זיינע כאַראַקטערן. זיי שטייען, זיצן אָדער אפילו פליען גראָטעסק. זיי זיינען אַנדערש, נישט רעאַליסטיש געמאָלן און זיי ווירקן אויף אונדז אַנדערש, און „ריידן" אַנדערש, מער צו אונדזערע געפילן ווי צו אונדזער „זעאונג."

אין 1910 איז שאַגאַל צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין פּאַריז. די פרייקייט פון פּאַריז האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק און ער האָט, ווי ער דריקט זיך אויס, אָנגעהויבן אַנדערש צו זען...

אָבער אייגנטלעך איז ער געבליבן דערזעלבער. פיר יאָר שפּעטער, אין 1914, ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער ממש צוריקגעלאָפן קיין וויטעבסק, אַהיים. נאָך פיר יאָר זיין אין פּאַריז האָט וויטעבסק אויסגעזען פאַרערעמט און פאַרהונגערט, מיט אַנטיסעמיטישע אויסברוכן פון שיכורע פויערים און זעלנער, וואָס האָבן ראַבירט ייִדיש האָב און גוטס.

באַלד איז אָבער אָנגעקומען די רעוואָלוציע פון מערץ 1917. שאַגאַל איז געוואָרן מאָביליזירט. ער האָט באַגריסט די רעוואָלוציע, אפילו געוואָרן „פּאַטריאָטיש" און אַ שטימונג פון האָפענונג האָט אים באַהערשט.

דער קונסט־מאָלער האָט אָבער אין אים נישט גערוט. אויף שטיקלעך פּאַפּיר האָט ער געמאָלן צענדליקער טיפּן פון סאָלדאַטן און אָפיצירן און די מאָלערייען באַהאַלטן אין רוק־זאַק, ביז זיין נאָמען איז דערגאַנגען קיין מאָסקווע און, ווי שוין דערמאָנט, האָט לונאַטשאַרסקי באַשטימט שאַגאַלן אַלס קאָמיסאַר איבער קונסט.

פון יענער צייט שטאַמט די מעשה מיט מאַרק שאַגאַלס ייִדישע נוח, וואָס איז איין טאָג פאַרשוווּנדן פון שטוב און מען האָט אים געפונען אויפן דאַך, זיצנדיק אויפן קוימען מיט אַ מערל אין דער האַנט. דאָס איז געווען דער ייִדישע נוח וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פידעלע און איז דערנאָך פאַראייביקט געוואָרן ווי דער „פידלער אויפן דאַך."..

געווען איז עס אַ שווערע צייט פאַר אַלע ייִדן אין וויטעבסק. דער טאַטע האָט פאַרלוירן דאָס הערינג־געוועלב. די קאָמוניסטישע הערשערס האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די נישט רעאַלע, נישט לאָגישע מאָלערייען פון טיפּן מיט גרינע אָדער רויטע פּנימער, מיט משונהדיקע באַוועגונגען, אויסגעדרייטע קעפּ, צי גאָר פליענדיקע אין דער לופטן, מענטשן אין קאַפּאָטעס. שאַגאַל האָט געלעבט ווי אין חלום און געהאַט זייער ווייניק באַרירונג מיט דער אַרומיקער וועלט און רעאַלי־

טעט. און דער שטאַרקסטער געפיל זיינער איז געבליבן די אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז כמעט אַלע זיינע יידישע טיפּן זיינען געמאָלן מיט אַ טלית אָדער טראָגנדיק אַ תורה, ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן זיין צוזאַמענהאַנג מיט די צוויי אָביעקטן.

בעת די עטלעכע יאָרן פון רעוואָלוציע איז שאַגאַל דערוויל צוגעצויגן געוואָרן צו מאָלן דעקאָראַציעס פאַרן ניי־געגרינדעטן יידישן מלוכה־טעאַטער און אויך רוסישן באַלעט.

סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען און קריטיק האָבן סיי מיט ליבע, ווי אויך מיט רוגזה געשריבן און גערעדט וועגן די גרינע בערד און פאַרדרייטע אָפּגעהאַקטע קעפּ... שאַגאַל האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס האָט אומעטום געברויזט אַנדערשקייט, אָבער נאָר צו זיין קונסטשאַפן איז מען געבליבן ביי די אַלטע פאַר־רעוואָלוציע אָפּשאַצונגען?

ס'איז אים ענג געוואָרן דאָס לעבן און ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד און צוריק געפאָרן קיין פראַנקרייך און אויך באַזוכט ישראל (דאַן פאַלעסטינע) וואָס האָט אים שטאַרק באַאיינדרוקט.

פאַריז האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און גרויס פריינדשאַפט. מיט יאָרן שפּעטער האָט אַנדריי מאַלראָ, דער קולטור־מיניסטער פון דע גאָלס רעגירונג פאַרבעטן שאַגאַלן צו מאָלן דעם סופיט פון דער פאַריזער אָפּערע און הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן שוין באַזוכט די אָפּערע מיטן איינציקן ציל צו זען שאַגאַלס מאָלערייען.

דאָס גלייכן, שאַגאַלס גלאָז־וויטראַזשן אין הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים און די סעריע פון גלאָז־וויטראַזשן וואָס ער האָט געמאָלן פאַר דער קאַטעדראַלע אין מעץ. צווישן זיינע הונדערטער בילדער און אילוסטראַציעס פאַרדינט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט די סעריע פון תנ"ך־בילדער און אויך יידישע כאַראַקטערן.

שאַגאַל איז געווען אַ מאָלער פון לייכטע און פריילעכע טעמעס: פליענדיקע ליבהאָבערס, שמייכלענדיקע באַשעפענישן, טאַנצנדיקע פידלען, צירק־רייטערס אין רייצנדע קליידער און פאַרביקע פערד.

געבוירן אין אַן אָרעמער פאַמיליע פון הערינג־הענדלער, גלייביקע חסידים מיט מיסטישע מעשיות און היפשלעך באַאיינפלוסט פון רוסישן פאָלקלאָר און באַהערשט פון דער יידישער פאָלקסשפּראַך, האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצן ייד מיט אַ גרויסער ליבע צו זיין פאָלק און קולטור.

אַ טיפער קולטור־קוואַל איז ווי אויסגעטריקנט געוואָרן, אָבער די ירושה זיינע וועט אונדז דינען ווי אַן אוצר צום לערנען אונדזערע דורות פון היינט און מאָרגן.

* * * * *

דעם זעלבן טאָג ווען כ'האָב געענדיקט שרייבן דאָס אַרטיקל, האָב איך באַקומען דעם מאַי־יוני נומער פון „צוקונפט" מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון יצחק לודען אונטער נומען: „די גרויסקייט פון מאַרק שאַגאַל". דערציילט ער דאָרט וועגן דעם באַקאַנטן קאָנפליקט פון מאַרק שאַגאַל מיט ישראל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם פלאַץ וואָס דער הדסה־שפּיטאָל האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע גלאָז־וויטראַזשן און לעצטנס מיט זיין פאָרוואורף וועגן נעגירן זיין אויסשטעלונג אין פאַריז מצד די ישראלדיקע שרייבערס.

די פּראַקטיקע וויטראַזשן פון הדסה־שפּיטאָל וואָס שילדערן די צוועלף שבטים זיינען פאַרדוקט אין אַזאַ אָרט, אַז עס ברענגט ממש שאָדן זייער קונסט. דאָס איז דורך שאַגאַלן אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרדרוס ווי אַ גרינגשעצונג צו אים און זיין ווערק.

אין יאָר 1977 האָט דער „לוווּר" אין פאַריז איינגעאָרדנט אַ שאַגאַל־אויסשטעלונג וואָס האָט געהאַט אַ הילכיקן דערפאָלג און אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט. אין אַ בריוו צום שרייבער יצחק לודען שרייבט שאַגאַל:

„מיר דאַכט זיך, אַז קיינער פון דעם לאַנד ישראל האָט מיין אויסשטעלונג ניט געזען"... און דאַנקענדיק לודענען פאַר זיינס אַן אַרטיקל גיט צו שאַגאַל: „אייער

צוגאַנג צו קונסט און צו מיר איז מיר נאָענט. אַ דאַנק. איר פילט אַז מיין שולע איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס איך האָב באַטירלעך געוואָלט אַרויסהייבן, ווי עס פאַסט פאַר דעם ביבלישן פאָלק. אָבער באַטירלעך און פשוט, ווי עס זיינען געווען אנדזערע עלטערן.״

* * * * *

אין דעם טאָג ווען מאַרק שאַגאַל איז געבוירן געוואָרן, דעם 7טן יולי 1887, אין וויטעבסק, האָט זיך איבער דער שטאָט געטראָגן אַ שרעקלעכער שטורעם, מיט רעגן, דונערן און בליצן. וויטעבסק האָט אָנגעהויבן ברענען און מען האָט דער מאַמען מיט איר נאָר־וואָס געבוירענעם יינגעלע געטראָגן אין בעט צו דער צווייטער זייט שטאָט...

שרייבט מאַרק שאַגאַל אין זיין ביאָגראַפיע, אַז ער זאָל האָבן געבוירן געוואָרן אַ נישט־לעבעדיקער... נאָר ער אַליין האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און דערלעבט צו פייערן זיין 97סטן געבוירנטאָג...

מאַרק שאַגאַל איז באַערדיקט געוואָרן אין דעם פראַנצויזישן שטעטל סיינט פאָול דע וואַנסי, ווו ער האָט מיט זיין פרוי וואַלענטינאַ (וואַוואַ) בראָדסקי, געלעבט די לעצטע צוואַנציק יאָר.

לעאָ לענעמאַן, שרייבער און קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״, נאָענטער פריינד פון מאַרק שאַגאַל, האָט געזאָגט „קדיש״.

ער איז געבוירן געוואָרן אין שטורעם, געלעבט און געשאַפטן ווי אַ ריז, און שטיל איינגעשלאָפן אויף אייביק.

אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, קולטור און קונסט, פאַרנעמט מאַרק שאַגאַל אַן „אויבן אָן אָרט.״



משה שקליאַר

# שאַגאַלס וויטראַזשן

איך ווייס נישט,
ווי עס זעט היינט אויס
דיין אַלטע שטאָט וויטעבסק —
שאַגאַל,
וואָס כ׳האָב פאַרלאָזט
מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק
אונטער דעם גרויזאַמען געקנאַל
פון שטאָל און אייזן,
אין סאַמע ברען פון קריג.
נאָר ווען איך האָב אַראָפּגענידערט
אין „הדסה״-היכל —
אין דער נייער שול —
באַצירט מיט דיינע ליכטיקע וויטראַזשן,
געדוכט האָט זיך,
כ׳בין אַריבער בלויז אַ קליינע בריק
און ווי מיראַזשן
הייבן אין זכרון אָנגעהויבן קרייזן
בילדער פון אַמאָל.

***

אַמאָל, אַמאָל — — — —
ווי ס׳האָט געפירט אַ נישט-געהערטער קול
די שבטים צוועלף
אַריבער וואַסערן פון ירדן,
איך פיר מיין בליק
צעשפּאָלטענעם אויף העלפט
דורך בלוי און רויטע פאַרבן
און פאַרהאַלט אים
אויף אַ פלעק פון גרין
דורך דורשטיקער זון צעצונדן.
באַלד ווערן אַלע פאַסטעכער —
די זין
פון שבטים אוראַלטע פאַרשווונדן,
און ס׳בלייבט איבער בלויז די ציג,
מיין גוט-באַקאַנטע ציג,
וואָס האָט שטיל געצופּט דאָס שטרוי
פון נידריקע וויטעבסקער דעכער,
זוכנדיק איר שטאָל.

ווען מענס גורל האָסטו איר פאַרטרויט,
דער ציג —
שאַגאַל?

***

אַמאָל, אַמאָל — — —
איך הער מיין מאַמעס קול
אין שרייענדיקע הענט,
וואָס רייסן זיך אַרויס פון פייער.
און פּלוצעם ציטערט אויף
די שול די נייע,
ס'צעפּאַלן זיך די ווענט
און מיר אַנטקעגן
גייט שבט יהודה
וואָס איז אַראָפּ פונעם וויטראַזש,
און ס'ווערן פול די וועגן
מיט אַ דורותדיקן מאַרש
פון די אַנטרונענע פון אַלע פלאַמען,
פון געטאָס,
שייטערהויפנס
און פּאָגראָמען.
זיי שפּרייזן איבער תהומען
ווי איבערן ים־סוף פון תנ"ך — — — —

געענדיקט אַלץ.
כ'האָב אויפגעוואַכט
אין קליינעם זאַל
און ווידער בין איך
צווישן די וויטראַזשן דיינע —
מאַרק שאַגאַל.

1963

## שטערן

שטערן שטערנען אויף מיין שטערן
אַזוי שטיל,
נישט צו זען זיי, נישט צו הערן,
בלויז איך פיל —
ס'שיינען אויף מיר וויטע וועלטן
און די שיין
אויף מיין שטערן אויפגעהעלטן
כ'טראָג אַליין,
און די שטערן כ'גיי אַנטקעגן
אומגעשטערט
ביז פאַרלוירן כ'ווער אויף וועגן
און פאַרצערט — — —

לילי בערגער / פּאַריז

## פון דער סעריע: חומש-מעשהלעך

# אַלץ צוליבן ווייב, אָדער — דער ערשטער סיכסוך צווישן מענטש און גאָט

נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן אָדמען, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: ט'־האָסטו דיר! אַ באַשעפעניש אין אייגענעם געשטאַלט! ווער ווייסט וואָס אַזאַ איינער קאָן זיך מיינען?! צי וועט אַזאַ אָדמען אַמאָל נישט פאַרגלוסטן צו האַלטן זיך פאַר זיינס גלייכן און געוועלטיקן וועלן איבער הימל און ערד, ווי ער וואָלט אַליין אַ גאָט געוועזן?

גאָט האָט שוער ניט חרטה באַקומען וואָס ער האָט פונעם שטויב פון דער ערד אַ מענטש אויסגעפורעמט. נאָר וואָס אָפּגע־טאָן איז אָפּגעטאָן. און דער אַלמעכטיקער האַר האָט כהרף עין צוגעטראַכט אַ פּאָרטל: באַגיין וועט ער זיך מיטן דאָזיקן אָדמען אַזוי, אַז ס'זאָל אים פון קיין פויגל־מילך נישט פעלן, נאָר טאָן וועט ער אַלץ כדי אים צו האַלטן אין אומוויסנקייט, און שרעקן וועט ער אים טאָן שרעקן מיט אַזעלכע שרעקענישן, אַז ער זאָל נישט

---

***

געזען כ'האָב פאַלן אַ קאָמעט
צי גאָר אַ שטערן
מיט שווינדל־שנעלקייט פון די הייכן.
געווען איז שפּעט,
נאַכט,
און אין די פינצטער־טייכן
געזען כ'האָב אים פאַרשווונדן ווערן
ווי אַ בליץ.
איז ער פאַרשווונדן?
ביז איצט
איך טראַכט —
געווען אַוודאי ס'איז אַ צייכן
אַרויסגעשיקט מיליאַסן יאָרן צוריק
אין וויטן שפּעטער,
אָדער גאָר אַ ווונק,
אַ בליק
פון יענער אייביקייט
צו וועלכער קיינער
האָט נאָך נישט
דערקלעטערט.

***

לאָז צורו די שטערן —
האָט צו מיר גערעדט
מיין צווייטער איך,
דער נישט־פּאָעט —
ווי קען מען זיין אַזוי אַלט־מאָדיש?
שטערן,
טרערן,
גרוי
און בלוי,
ס'האָט געזונגען נאָך אַזוי
יצחק לייבוש,
משה לייב...

נו, איז וואָס,
מיין גוטער פריינד,
שטערן האָבן דאַן געשיינט
און זיי שיינען ווייטער,
פּרץ'ס לידער, משה לייבס
דויערן דורך צייטן,
ווי די שטערן,
ווי די טרערן,
וואָס וועלן נישט
פאַרגעסן ווערן.

וואַגן צו פאַרזוכן דעם טעם פון וויסן. אָ, דעמאָלט איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן! אין אומוויסנקייט וועט ער געהאָרכזאַם און אונטערטעניק זיין.

אַ צופרידענער פון זיין איינפאַל האָט גאָט געגלעט זיין לאַנגע, ברייטע באָרד און מער שוין קיין חרטה נישט געהאַט וואָס ער האָט אָדמען באַשאַפן. וואָרעם וואָס פאַראַ פּנים וואָלט דען געהאַט זיין וועלט אָן דעם מענטש? ווער וואָלט אים געדינט, געלויבט און געבוקט זיך פאַר אים? וועמען קאָן מען אַזוי באַפעלן און ווער קאָן אַזוי באַפעלן אויספירן ווי אַזאַ אָדם?

און גאָט האָט אָנגעהויבן פאָטערלעך זיך צו פאַרנעמען מיט אָדמען. איינגעקוואַרטירט אים אין אַ גאָרטן אַ שיינעם, וואָס ער האָט געפלאַנצט פאַר זיינעטוועגן אין ע ד ן און אָנגעזאָגט, אַז די פרוכטן פון אַלע ביימער מעג ער עסן, נאָר נישט פון די ביימער, וואָס אין מיטן גאָרטן; וועט ער חס־וחלילה פאַרזוכן די פרוכט פון טאָ יענע צוויי ביימער, וועט ער, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, שטאַרבן.

און דאָס שפּיצל האָט זיך איינגעגעבן.

אַז אָדם האָט דערהערט אַזעלכע רייד, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן: שטאַרבן גאָר איצט! אַזאַ מחיהדיקער גאָרטן! אַ נחת צו לעבן און דאָ גאָר אַזאַ געפאַר. צוליב עפּעס אַ שיין עפּעלע וועט ער חס וחלילה גיין פון דער וועלט. ניין, ער וועט זיך נישט צורירן, ער וועט נישט צושמעקן!

און אָדם האָט געווייכט פון דער ווייטנס פון די צוויי ביימער, וואָס אין מיטן גאָרטן.

איז גאָט צופרידן געווען פון זיין אָדמען און ווייטער געטאָן פאַר אים גרויס חסד, וואָרעם געזען האָט ער, אַז דעם מענטש איז אומעטיק צו זיין אַליין. וואָס נאָך איז דען אַ מענטשן אַזוי שווער איבערצוטראָגן ווי איינזאַמקייט? האָט גאָט געבראַכט פאַר אָדמען אַלע חיות פון דער ערד און אַלע פייגל פון הימל ער זאָל פון צווישן זיי זיך אויסקלייבן אַ פאַרטנער לויט זיין געשמאַק. אָבער אָדם האָט זיך געבלאָזן, געהאַלטן זיך אין גרויסן, קיין שום באַשעפעניש איז אים נישט אָנגעשטאַנען. וואָסי? ער איז אַבי ווער? איז ער דען געגליכן צו עפּעס אַ חיה אָדער אַ בהמה? האָט אים דען גאָט נישט געמאַכט אין זיין געשטאַלט, כמו אַן אויטאָפּאָרטרעט?

גאָט דער באַשעפער האָט אפילו איינגעזען, אַז ס'איז אַ ביסל חוצפּהדיק, אָבער אָדם איז פּאָרט אָדם, אין זיין גלייכעניש באַשאַפן, און האָט נאָכגעגעבן. תיכף ומיד אַ שלאָף אַ שטאַרקן געבראַכט אויף אים, אַ ריפּ פון זיין לייב אויסגעשניטן, אויסגעמייסטערעוועט פון איר חוהן, דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו אָדמען: ט'האָסטו דיר אַ דיינס גלייכן. זעסט, ביי מיר איז אמתע דעמאָקראַטיע, קאָנסט אויסקלייבן וואָס דו ווילסט נאָר.

אָדם האָט אפילו אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, וואָס האָט געזאָלט מיינען, אַז אָך און וויי איז צו אַזאַ דעמאָקראַטיע, ווען מען מוז נעמען וואָס מען רוקט דיר אונטער דער נאָז. קאָנסט אויסקלייבן! ווי ס'וואָלט געווען פון וואָס צו קלייבן. נאָר צופרידן איז ער פּאָרט געווען, פּאָרט אַ באַשעפעניש אין זיינער און אין גאָטס געשטאַלט. און אָנגערופן האָט ער זיין פאַרטנערין אישה, כדי זי זאָל וויסן, אַז פון אַן איש איז זי גענומען געוואָרן און צו אים געהערט זי און דאַרף אים געהאָרכזאַם זיין.

אָבער אַן אישה ווי אַן אישה, זי האָט ליב אומעטום אַריינצושטעקן די נאָז, דאָ כאַפּן אַ שמועסל, זיך דערוויסן אַ נייעסל, דאָ ווידער עפּעס צוטראָגן, דאָרט עפּעס איבערדערציילן. האָט חוה אָנגעהויבן אַרומדראָלעווען אין גאָרטן פון עדן און שליסן באַקאַנטשאַפטן. וואָס דען? זי וועט זיך האַלטן ביי דער פאָלע פון אָדמען דעם לעקיש? אירע שונאים זאָלן האָבן איין מאַן און איין העמד! סתם אַ מאַן איז ווי מיט אַ טשינאָווניק, טרוקן, גרוי, אָן אַ ביסל פּאָעזיע. זי, חוה, וועט נישט זיין קיין שטוב־זיצערקע. זי וועט זוכן געזעלשאַפט.

זוכנדיק חברותה, האָט חוה באַגעגנט די שלאַנג (די שלאַנג איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אנשטענדיק, פיין באַשעפעניש און נישט געקראָכן אויפן בויך). און געווען איז זי, די שלאַנג, ממזר־קלוג, פאַרשטאַנען דורך און דורך די דריידלעך פון גאָט. האָט זי שעלמיש אַ פרעג געטאָן דער דאַמע פון גאָרטן, ווי עס האַלט דאָרט מיט די צוויי ביימער, וואָס אין סאַמען

מיטן. חוה, נישט קאָנענדיק איינהאַלטן קיין סוד, — צוריקגעשמועסט, האָט זי זיך געטראַכט, וואָס איז דאָ אויסצובאַהאַלטן? האָט זי באריכות דערציילט, אַזוי און אַזוי.

די שלאַנג האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, דערנאָך שטילינקערהייט איבערגעגעבן, איינרומענדיק דער דאַמע פון גאָרטן אויפן אויער ווי אַזוי גאָט פירט זיי פאַר דער נאָז.

חוה האָט שיער נישט געפּלאַצט פון פאַרדרוס. אַזוי גאָר! אַריינגענאַרט זיי! וואָס מיינט ער זיך, גאָט? זיינע שטאָטנאַראָנים זענען זיי? אַ מענטש דאַרף וויסן וואָס גוט און וואָס שלעכט!

דער ווייבערשער נייגיר האָט זי אַ שפּאַר געטאָן. זי האָט זיך געלאָזט הענדום־פּענדום צום בוים, וואָס אין מיטן גאָרטן, אָפּגעריסן אַן עפּל און געשלונגען די ביסנס. איי, אַן עפּל, ס'האָט טויזנט טעמים, ס'צעגייט אין אַלע אברים; אָט עפּענען זיך שוין אירע אויגן, און אָסור זאָל איר זיין, צי ס'קאָן שאַטן.

זי האָט זיך ווידער געלאָזט הענדום־פּענדום צו אָדמען און אָנגעהויבן אים צורעדן: נאַ, אָדם־קרוין, פּאַרזוך, אַן אמתער טעם גן־עדן, ס'זאָל מיר זיין וואָס ס'קאָן דיר פאַרשאַטן, אָסור צי דו וועסט דערפון שטאַרבן, וועסט זיך נאָר דערוויסן וואָס גוטס און וואָס שלעכטס הייסט.

און אָדם איז ווייטער זיך געזעסן אונטער אַ פייגנבוים אַ מרוקוואַטער, געפינטלט מיט די אויגן און מורא געהאַט צו נעמען די פּרוכט אין מויל. ער קוקט ווי חוה שלינגט גיריק די ביסנס, די סלינע קומט אים אַזש אין מויל, און וואַגט נישט טועם צו זיין. אַזאַ פּחדנות האָט שוין חוה נישט געקענט פאַרטראָגן און איז אַרויס מיט ביין מאָס רייד, דאָ אים אויסגעלאַכט, דאָ ווידער צוגעשטאַנען אויפן ווייבערישן שטייגער: בהמה איינער, לעקיש, טויגעניכטס, גאָט נאַרט דיך אַריין אין זאַק און דו לאָזט זיך! אדמשי, זיי אַ מענטש, נאַ, פּאַרזוך, וועסט דערפילן דעם אמתן יידישן טעם, ס'וועט דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן, ווי מיר, האַרץ מיינס, פאַלג אַ ווייב.

און אָדם האָט געפאָלגט. הן צוליב פרעסטיזש, דאָס ווייב זאָל אים נישט האַלטן פאַר קיין פּחדן, והן אויך צוליב נייגיר, האָט ער גענומען דעם עפּל און געגעסן. און דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן זיך ביידע דערוווּסט, איז אַז זיי זענען נאַקעט, אַזוי נאַקעט ווי דער מלך פון אַנדערסענס מעשהלע. און זיי האָבן נישט נאָר געשעמט זיך, נאָר אויך מורא באַקומען. גיי ווייס וואָס גאָט קאָן אָפּטאָן מיט אַ נאַקעטן מענטש. איז דערווייל נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי זיך אויסצובאַהאַלטן.

אָבער גאָט האָט דאָס אַלץ אונטערגעקוקט (אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, גאָט, אַרומצושפּאַצירן אין שאָטן פון די ביימער אויסבאַהאַלטענערהייט און אונטערקוקן דעם מענטש), געמאַכט זיך תמעוואַטע, כלומרשט ווייסט ער גאָרנישט, און אָנגעהויבן ציען פאַר דער צונג. אָדם האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז טויטבלאַס געוואָרן, וואָרעם ער איז בטבע געווען אַ שטיקל פּחדן. האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויפן ווייב, אָנגעהויבן שטאַמלען בזה הלשון: האָסט מיר געגעבן, האַר מיין האַר, אַ ווייב, און דאָס ווייב האָט מיר געגעבן די פּרוכט פון בוים, האָב איך געטאָן איר ווילן, ווי איך טו דיין ווילן.

חוהן האָט אפילו שטאַרק פאַרדראָסן אַזאַ פּחדנות פון אָדמען, פון דעסטוועגן האָט זי אים נאָכגעטאָן און אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף דער שלאַנג.

צו דער שלאַנג האָט זיך גאָט שוין נישט מטריח געווען. זי וועט אויך זיכער געפינען אויף וועמען אַרויפצוּוואַרפן דאָס, וואָס זי האָט אַליין אָפּגעטאָן. האָט גאָט געטראַכט און געטראַכט און דערטראַכט זיך, אַז אויב איינער וואַרפט אַרויף אויפן אַנדערן, פאַרדינען זיי אַלע דעם פּסק־דין. און גאָט האָט זיי אַלע פאַרמשפּט אויף דער שטראָף וואָס מיר ווייסן.

פון דעמאָלט אָן איז אויס מיט אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

אוי, האָבן אָדם און חוה געבענקט נאָכן גן־עדן! און די דאָזיקע בענקעניש האָבן זיי בירושה איבערגעגעבן זייערע קינדער און קינדס־קינדער לעולם ועד.

# נוח׳ס טענות צו גאָט

יונג און פריש איז דעמאָלט געווען די ערד און מענטשן אויף איר נאָך וויניק, נאָר פיל אָן אַ שיעור איז געווען אויף איר שלעכטס.

האָט גאָט דער באַשעפער פון הימל און ערד געזען דאָס דאָזיקע און אַ חרטה אַ גרויסע איז אים באַפאַלן וואָס ער האָט דעם מענטש באַשאַפן. אַ כבוד אַ גרויסן האָט ער אים אָנגעטאָן דעם מענטש, אין זיין אייגענער גלייכעניש אים געמאַכט. און וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? פירט זיך אויף גראָב ווי אַ בהמה, און ווילד ווי אַ חיה, פאַרשוועכט זיין געטלעכע געשטאַלט. צו וואָס האָט אים, גאָט, געטויגט די גאַנצע טירחה? וואָס פאַראַ ברואים! וואָס מער זיי מערן זיך, אַלץ מער פאַרפאַסקודזשען זיי זיין שיין וועלטל.

דאָ האָט גאָט מיט זיין געטלעך אויג אַרומגעכאַפּט זיין גאַנץ גרויס ווערק, וואָס ער האָט אין זעקס טעג באַשאַפן און געקוואָלן פון נחת: אוי, אַ וועלטל אַ שיינס! אַזאַ יאָר אויף מיר און מיינע מלאכים, אַ מחיה צו קוקן דערויף, אַזאַ הימל מיט זון, מיט שטערנס, אַזאַ גרינע ערד מיט ימען, בערג, פעלדער און וועלדער — אַ פרייען שטיקל אַרבעט אָפּגעאַרבעט! מייסטערהאַפט! נישטאָ קיין מבינים וואָס זאָלן קענען אָפּשאַצן.

נאָר דער מענטש! דאָס דאָזיקע באַשעפעניש איז נישט געראָטן. נישט עס זאָל צו גאָרנישט טויגן, נאָר עפּעס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם, אַן אומרו, ס׳זוכט, נישטערט, איינס דאָס אַנדערע קריכט אַריין אין די געדערים, גרייט די בעבעכעס זיך אַרויסצולאָזן, דער טייוול ווייסט וואָס אין אים שטעקט, און ווער ווייסט וואָס עס קאָן אים נאָך איינפאַלן; קען נאָך אַמאָל אַ תל מאַכן פון זיין, גאָטס, גאַנצער וועלט באַשאַפונג.

וואָס מער גאָט האָט זיך אַנטציקט מיט זיין וועלט, אַלץ מער איז ער געוואָרן אומרויק פון וועגן דעם מענטש. און דאָס האָט געזאָלט זיין דאָס העכסטע פון מיין באַשאַף! נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

אַזוי טראַכטנדיק האָט ביי גאָט אין מוח אַ פיק געטאָן אַ געדאַנק: כ׳וועל אָפּמעקן דעם מענטשנס געביין פון דער ערד און פטור אַן עסק. מ׳דאַרף קענען זיך צוריקציען פון אַ שלעכט געשעפט.

אַזוי האָט גאָט באַשלאָסן צו ברענגען אַ מבול אויף דער ערד. ס׳איז אָבער לייכט צו זאָגן אָפּמעקן דאָס אייגענע ווערק. און ווען ס׳איז נישט אַזוי איי־איי, טוט נישט ווי דאָס האַרץ אָפּצווישן דאָס וואָס ער, גאָט, האָט אַליין פון שטויב אויסגעפורעמט? און טאָמער קאָן נאָך דעם מענטשנס האַרץ געלייטערט ווערן? און טאָמער זענען צווישן די פאַרדאָרבענע אויך פאַראַן גערעכטע? ער, גאָט, קאָן אויך אַ טעות מאַכן; בראשית האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז גוט — כי טוב; איצט — אַלע מענטשן שלעכט, ס׳איז ווי להבדיל ווי מענטשן טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס שוואַרץ אָדער ווייס.

אין דער הייסער מיבוט האָט זיך גאָט דערמאָנט אין נחן, דעם זון פון למכן. דער דאָזיקער נח איז שוין קיין יונגערמאַנטשיק נישט געווען, וואָרעם 600 יאָר זענען אים געזעסן אויפן קאַרק; פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ פלייסיקער און אַ־בעטזאַמער אַקערמאַן, פאַרדינט זיין ברויט מיטן שווייס פון זיין פנים, אויף קיינעמס און קיינעמען נישט אָנגעשטאַנען. און כאָטש ער האָט ליב געהאַט די כוסה און צומאָל צוגעשיכּרט, איז ער געווען דער גאָטספאָרטיקסטער פון זיין דור.

האָט גאָט זיך געוואָנדן צו נחן און קורץ און שאַרף אַרויסגעלייגט פאַר אים די גאַנצע מעשה; אַזוי און אַזוי: די ערד איז פול מיט אומרעכט פון וועגן די מענטשן; ער וועט מער זיך מיט זיי נישט צאַצקענען; ער ברענגט אַ מבול און באַסטאַ! נאָר אים, נחן מיט זיין געזינדל, וועט ער אָפּראַטעווען, זאָל ער זיך תיכף ומיד מאַכן אַ תיבה פון פימסנהאָלץ, דאָס איבעריקע זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויף אים, גאָט.

נח האָט אויסגעבאַלושעט די אויגן און געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוירן שעפעלע. איין קלייניקייט, מאַך די אַ תיבה זי זאָל קענען אַריינעמען אַזאַ רומל צווײ־פּיסיקע און פיר־פּיסיקע. ער איז דען אַ בוימייסטער? אפילו נישט קיין סטאָליער.

אַן אַרכיטעקט וואָלט מען געדאַרפט, אַ פּלאַן!

אַז גאָט האָט געזען נחס צעטומלטקייט, האָט ער גלייך אויפן אָרט אים אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון דער תיבה: דריי הונדערט איילן די לענג, פופציק איילן די ברייט, דרייסיק איילן די הויך און אַ גיבל־דאַך פון אויבן, און דער אַריינגאַנג פון דער זייט, און דריי שטאָק, און באַזונדערע קעמערלעך פאַר די פאַרשידענע באַשעפענישן. און אַז מען האָט אַ גרייטן פּלאַן איז גענוג זיבן טעג פאַר דער מלאכה.

נח האָט געשוויגן און געאיילט זיך, געגרייט די תיבה אין געהיים, קיינער זאָל נישט וויסן, ס'זאָל ניט ווערן קיין מהומה, קיין שטופּעניש און דרענגעניש, און אין איילעניש אויסגעמייסטערט אַ תיבה מיט אַלע פּיטשעווקעס. נח האָט געקוקט אויף איר און געשעפּט נחת, נאָר גאָט האָט אים אונטערגעיאָגט, און אַז ער האָט איינגעקוואַרטירט דאָס ווייב, די זין מיט די ווייבער, די פּאָרלעך פון אַלע מינים חיות און פייגל, האָט גאָט אַ צעפּראַל געטאָן אַלע פענצטער פון הימל און אַלע קוואַלן פון תהום, און אָפּן געלאָזט פערציק טעג.

150 טעג האָט דאָס וואַסער געהויבן זיך העכער און העכער ביז ס'האָט פאַרדעקט די בערג און די העכסטע שפּיצן פון די ביימער. און אונדזער נח זיצט זיך אין די שטעקשיך אין דער תיבה און די תיבה שוועבט זיך איבערן שפּיגל פון וואַסער, ווי להבדיל אַ קאָסמישע שיף אין רוים.

אָבער מאַרצעפּאַנעס ווערן אויך צוגעגעסן, בפרט קיין דאגות האָבן אים, נחן, נישט געפעלט; אַזאַ געזינדל צו האָבן אויפן קאָפּ! די ווייבער האָבן אָנגעהויבן אונטערצוקרעכצן, אָנגעהויבן צו ליידן אויף דער ים־קרענק, וואָרעם די תיבה האָט זיך געוויגט. נח האָט זי געמוזט פאַ־קערעווען צום באַרג אַררט און פאַרהאַלטן זי אַ ביסל מען זאָל קענען אָפּעטעמען.

ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען מיט די מענטשן און אַנדערע באַשעפענישן אויף דער ערד האָט נח נישט באַשריבן. ער האָט אפילו געטראַכט צו פירן אַ טאָג־בוך, נאָר דערנאָך איז אים דער קאָפּ נישט געווען דערצו. ווען ער האָט געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער, האָבן זיך ביי אים די האָר געשטעלט קאַפּויער אויפן קאָפּ, ס'האָט זיך אים נאָר געדוכט, אַז עמעצער ציט אויס פון וואַסער די הענט און וויל זיך אָנטשעפּען אין דער תיבה; אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַנדערע דאגות; אַז מ'האָט אַרום זיך אַזאַ קאַפּעליע, איז נישטאָ קיין צייט צו שטיין ביים פענצטער און קוקן. צוגעקוקט זיך צו דעם אַלעמען האָט נאָר גאָט אַליין, געקוקט, געשאָקלט טרויעריק מיטן געטלעכן קאָפּ און געטראַכט זיך זיינע טראַכטענישן.

ערשט אחר המעשה האָט זיך גאָט אַרומגעזען, אַז די גאַנצע שפּיל איז אומזיסט געווען. זיך מודה זיין אָבער אַז באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, איז נישט קיין געטלעכע זאַך, וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן און שאַ, שטיל. גאָט האָט אויך בילכערע זאַכן אויפן קאָפּ. ראשית כל איז אים געקומען אַ מזבח, פאַרן חסד וואָס ער האָט געטאָן צו נחן. און נחן האָט מען לאַנג קיין פינגער אין מויל נישט באַדאַרפט שטעקן. ס'איז אים טאָקע געווען קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ, אומגעקומען אַזוי פיל פון זיינע לאַנדסלייט, אָבער ער מיטן בני־בית איז פאָרט געבליבן לעבן און דער מבול האָט דאָך צוזאַמען מיט די מענטשן אומגעבראַכט דאָס שלעכטס. האָט נח, נאָך איידער ער האָט אַ טראַכט געגעבן וועגן אייגענעם נפש, אויסגעבויט אַ פיינעם מזבח און געבראַכט צו גאָט בראַנדאָפּפערס פון אַלע זיינע חיות און בהמות.

גאָט האָט זיך ווייטער אַרומגעקוקט, גענומען אַריינטראַכטן טיפער אין דער זאַך און ווייטער געשוויגן. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט די געשמאַקע בראָטנס פון נחס בראַנדאָפּפערס, האָט זיך אים די צונג אויפגעבונדן: דאָ מיט אַן אָנצוהערעניש, דאָ דיפּלאָמאַטיש מודיע געווען נחן, אַז מער וועט ער די ערד נישט פאַרשעלטן און קיין מבול נישט ברענגען, ס'האָט נישט געלוינט, וואָרעם די טראַכטונג פון מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון דער יוגנט אָן.

נח איז שיער פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען, איינגעהאַלטן דעם כעס פון דרך־ארץ וועגן, דערנאָך זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויס מיט לשון:—

ווו איז לאָגיק? — האָט ער געטענהט צו
גאָט — איז דעם מענטשנס טראַכטונג
שלעכט פון זיין געבוירן אָן, טאָ צוואָס
האָט געטויגט דער מבול? פאַרוואָס האָט
גאָט נישט צוגעטראַכט אַן אַנדער פאַרטל?
און וואָס־זשע וועט ווייטער זיין? אָט גיב
אַ קוק אויף מיינע דריי בנים! שטעלן זיך
שוין אונטער אַ פיסל איינער דעם אַנדערן;
מיין חם האָט קרענקלעכע אַמביציעס,
אַנדערש קאָן ער נישט באַשטיין נאָר פון
אים זאָל אַרויסקומען דאָס שטאַרקסטע
פאָלק; די אַנדערע צוויי, שם און יפת,
זענען אויך נישט קיין גרויסע צדיקים,
זיי ווילן ניט אַנדערש ווי זיך צעשפּרייטן
איבער דער גאַנצער ערד, אַלץ וועט זיי
ווייניק זיין; קוקן שוין אויף זיך ווי זיי
וואָלטן גרייט געווען ביי די נעז זיך צו
רייסן. וואָס וועסטו דעמאָלט טאָן, אַל־
מעכטיקער הערשער? וועסט זיך צוקוקן
און דערנאָך וועסטו ווידער... די שעה
זאָל קיין שעה נישט זיין!

האָט גאָט געזען, אַז ביי דעם גערעכטן
מאַן איז מער קיין צוטרוי אין האַרץ צו
אים נישטאָ. מ'דאַרף דעם דאָזיקן נחן
צוואַרפן עפּעס אַ פּעט בזינדל, עפּעס
אַזעלכעס וואָס זאָל ווי אַ זייל אונטער־
שפּאַרן דעם צעבראָכענעם גלויבן אין זיין
געטלעכקייט, און צוגעזאָגט צו שליסן אַ
בונד מיט יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש,
וואָס ער וועט שוין קיינמאָל דורך אַ מבול
נישט אומברענגען.

נח האָט געקוקט זייטיק אויף גאָט און
זיך צעשריען, גאַרבישט ווי זיין טבע: —
ווערטער, ווערטער, צוזאָגן און ליב האָבן
קאָסט קיין געלט נישט, גאַראַנטיעס זענען
נויטיק נאָך דעם אַלעמען!

האָט גאָט געזען, אַז דער דאָזיקער נח
זיינער לאָזט זיך נישט בלאָזן אין דער
קאַשע, ער קאָן נאָך חס וחלילה דערפירן
צו אַ שטרייק קעגן זיין געטלעכער הער־
שאַפט, און אונטערגעצייכנט דעם בונד
מיט אַ פייערדיקן בויגן אין וואָלקן.

אַז נח האָט אַרויסבאַקומען פון גאָט אַזאַ
קאָנטראַקט, אַ געחתמעטן מיט אַ פייער־
דיקן זייל, האָט ער ראשית כל זיך געריבן
די הענט פאַר שימחה, דערנאָך זיך גלייך
גענומען פלאַנצן אַ ווייינגאָרטן, און בעת
מעשה אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'וואָלט גע־
ווען אַ יושר זיך צו נעמען צו די אַטאָמ־
ניקעס, וואָס ווילן ברענגען אויף דער
ערד אַ מבול פון פייער; ער וועט זיי אַזוי
צושפּאַרן צו דער וואַנט ווי ער האָט צו־
געשפּאַרט גאָט, זיי וועלן ווי ער מוזן מיט
אים מאַכן אַ קאָנטראַקט.

בינו לבינו האָט דער ווייינגאָרטן אַרויס־
געגעבן אַ גרויס גערעטעניש, נח האָט זיך
אָנגעשיכּורט, איינגעשלאָפן, ווי אַ בער
אין ווינטער, און דערנאָך אין אַלעמען
פאַרגעסן.

# ווי אַזוי אַברהם אָבינו האָט געוואָלט ראַטעווען סדום

ווען גאָט האָט געשיקט די צוויי מלאכים
צו אַבּרהמען אים אָנזאָגן די גוטע בשורה,
אַז זיין ווייב שרה וועט אים געבוירן אַ זון,
האָט ער די שליחים אין איין וועגס גע־
געבן אַ צווייטע שליחות: אַראָפּכאַפּן זיך
קיין סדום און אויספּרוּוון די מענטשן פון
דער רישעותדיקער שטאָט, וואָס די גע־
שרייען און געוואַלדן פון איר רייסן זיך
אין הימל.

האָבן די צוויי פאַרשטעלטע מלאָכים
זיך ראשית אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער ער־
שטער שליחות, אַרויס פון אברהמס הויז
און אין געהיים פאַרקערעוועט אין דער
ריכטונג צו סדום. און הגם אברהם האָט
זיי גאָר פיין אויפגענומען, דערנאָך זיי
אַרויסבאַגלייט, האָבן די שליחים זיך גע־
האַלטן רעזערווירט, אויסגעהיטן זיך נישט
צו לאָזן פאַלן קיין איבעריק וואָרט, די
צווייטע שליחות איז דאָך זיי אָנגעטרויט
געוואָרן אין געהיים, און אַז קאָנספּיראַציע
איז קאָנספּיראַציע. האָבן זיי זיך אַוועק־
געשטעלט אויפן בערגל און געקוקט זיי־
טיק צו סדום, ווי סדום וואָלט זיי לחלוטין
נישט אָנגעגאַנגען, אָט קוקן זיי סתם אַזוי.

בינו לבינו האָט זיך גאָט מיישב געווען:
ער וועט נישט אויסבאַהאַלטן פאַר זיין
ליבלינג אברהם, וואָס ער רעכנט צו טאָן
צו סדום, נאָר אַרויסלייגן אַלץ שוואַרץ
אויף ווייס איז אויך נישט כדאי. האָט
גאָט בלויז אַ שושקע געטאָן אים אויפן

אויער, אַז דאָס געשריי וועגן סדום און עמורה איז גרויס, און זייערע זינד זענען שווער און ער, גאָט, שיקט אַהין זיינע שליחים.

אַברהמען האָט מען קיין פינגער אין מויל נישט באַדאַרפט אַריינלייגן. פון גאָטס ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. האָט דער גאָטספאָרכטיקער מאַן אויף דער הייסער מינוט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער קאָן דאָ אויסנוצן זיין פּריווילעגירטע פּאָזיציע ביי גאָט און זיך איינשטעלן פאַר אַן עדה יידן, זינדיקע טאָקע, אָבער פאָרט אדמס קינדער. און טאָמער זענען דאָרט פאַראַן אויך ערלעכע מענטשן? אָט אַ שטייגער וווינט דאָרט זיין קרוב לוט, אַ מענטש אַ בריליאַנט, אַן אָרטלעכער מאַן. זאָל לוט אומקומען צוליב די זינד פון אַנדערע? נאָר צו דערמאָנען בלויז לוטן וואָלט אַברהם געדאַרפט זיין אַן אַ ברעקל חוש פאַר דיפּלאָמאַטיע. גאָט וואָלט עס געקענט אויסטייטשן, אַז ער, אַברהם, גייט זוכן פּראָטעקציע בלויז פאַר אַן אייגענעם. בעסער וועגן לוטן צו מאַכן אַ שוויג!

האָט אַברהם הכנעהדיק געבוקט זיך און אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון אַ מליץ־יושר: נישט שוין־זשע וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן? טאָמער זענען דאָ פופציק אומשולדיקע אין דער שטאָט? נישט שוין־זשע וועסטו זיי אומברענגען און נישט פאַרגעבן די שטאָט פון וועגן די פופציק אומשולדיקע?

און אַז גאָט האָט אַ פאַרטראַכטער געשוויגן, האָט אַברהם פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געטראָפן אין פינטל, געוואָרן דרייסטער און צוגעשטאַנען היימישלעך, ווי אַ פאַן־בראַט: חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך, צו טייטן דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן.

און ער האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט פירגעהאַלטן וועגן יושר און גערעכטיקייט, אַז גאָט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין זיינע פלענער, צום ערשט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גענומען זיך פאַרענטפערן, באַלד זיך געכאַפּט, אַז ס'פּאַסט נישט אַזוי פאַר זיין געטלעכן מאַיעסטעט, אויפגעהויבן דעם ווייסן קאָפּ און פּייערלעך פאַרזיכערט אַברהמען, אַז אויב ס'וועלן זיך געפינען פופציק אומשולדיקע אין סדום, וועט ער פון זייערטוועגן פאַרגעבן דער שטאָט און דאָס גאַנצע אָרט.

און אַז אויסגעפּועלט שוין דאָס עיקרדיקע, האָט אברהם אָנגעהויבן אַראָפּדינגען פון די פופציק; נישט מיט איין מאָל, צו ביסלעך, מיט טאַקט און שכל, פריער געבעטן מחילה וואָס ער, שטויב און אַש, דערלויבט זיך אַריינצומישן אין גאָטס געשעפטן און ווידער אַ פרעג געטאָן וואָס גאָט וועט טאָן אויב צו די פופציק וועלן פעלן פינף? צי וועט ער, דער אַלמעכטיקער, צוליב פינף צעשטערן די שטאָט?

צוריקציען זיך, האָט זיך גאָט געטראַכט, איז נישט סוחריש און צוליב פינף לוינט נישט, און איז באַשטאַנען נישט צו צעשטערן סדום צוליב פינף און פערציק אומשולדיקע.

אברהם האָט לאַנג נישט געטראַכט און מיט אַ מינע ווי דער געדאַנק וואָלט אים איצט אין דער הייסער מינוט אַריינגעפלויגן אין קאָפּ, אַ זאָג געטאָן: אפשר בעסער צו שטעלן אויף אַ קיילעכדיקער צאָל? פון פינף און פערציק ביז פערציק איז בסך־הכל פינף?

און גאָט האָט ווידער נאָכגעגעבן זיין ליבלינג; אַז ס'גייט אים אין אַ קיילעכדיקער צאָל, טאָ זאָל זיין, ער וועט נישט אומברענגען די שטאָט וועגן די פערציק גערעכטע וואָס וועלן דאָרט זיין.

דערזען, אַז ער איז אויף אַ גוטן וועג און אַז מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צו פועלן ביי גאָט, האָט אַברהם אָנגעהויבן אַראָפּצודינגען צו צען, וואָרעם קיין אילוזיעס וועגן סדום האָט ער זיך נישט געמאַכט. אָבער צוטרעטן גלייך צום ענין וואָלט געווען נישט דיפּלאָמאַטיש. האָט אַברהם ראשית כל געלויבט און געדאַנקט גאָט פאַר די חסדים, וואָס ער טוט צו מענטשן, וואָס זענען פול מיט זינד, געמאַכט אַן אָנצוהערעניש צו די סדומער זינדיקע, וואָס צוליב זיי וועלן נעבעך דאָרטן ליידן אומשולדיקע, דערנאָך פלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט גרויס זאָרג ווי צו זיך אַליין: וואָס וועט זיין, אויב ס'וועלן אין סדום נאָר זיין דרייסיק גערעכטע?

גאָט האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און געשוויגן. אברהם האָט פאַרבראַכן די הענט און אין פאַרצווייפלונג אויסגע־

רופן: ווּעסטו דען לאָזן אומברענגען דרייסיק אומשולדיקע?

גאָט האָט אויף אַ רגע פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער דינגעניש, געקוקט מיט רחמנות אויף זיין ליבלינג, וואָס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט געקענט אַ שטיינערן האַרץ רירן און אים געגעבן אַן ערן־וואָרט אַז ער וועט נישט אומברענגען דאָס אָרט וועגן די דרייסיק.

אין אברהמען איז אַריין אַ בייע נשמה, און אַז ס׳איז לייכטער אויפן האַרץ, איז אויך לייכטער זיך צו דינגען און אברהם האָט כהרף־עין אַראָפּגעדונגען אויף צוואַנציק.

צי וועלן זיך אָבער געפינען צוואַנציק ערלעכע אין סדום? ער, אברהם, וועט נישט שווערן פֿאַר דעם. ווייניק האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן די סדומער? האָבן זיי דען נישט געפּרוווט זיינעם אַ לאַנדסמאַן אָפּשניידן די פּיס, כדי אים צוצופּאַסן צו אַ קינדעריש בעטל בעת ער האָט געבעטן ביי זיי אַ נאַכטלעגער איבערצונעכטיקן? סדום איז סדום, אָבער ראַטעווען דאַרף מען פּאָרט די אומשולדיקע. און אַזוי טראַכטנדיק האָט אַברהם פֿאַרפֿירט מיט גאָט אַ שמועס וועגן קאָלעקטיווער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויפגעוויזן מיט אַ פּסוק צו וואָסער אומגערעכטיקייט דאָס קאָן דערפירן, ובכן, טאָמער ס׳וואָלטן געווען נאָר צען ערלעכע אין סדום וואָלט דען נישט יושרדיק געווען זיי צו ראַטעווען?

גאָט האָט זיך דערמאָנט וואָס די פראַנצויזן זאָגן: „נאָבלעס אָבליזש”, און איז באַשטאַנען נישט צו צעשטערן סדום אויך וועגן די צען. און כדי אברהם זאָל אים מער נישט פֿאַרדען די ציין, איז ער געוואָרן נישט.

אָבער קיין צען אומשולדיקע איז אין סדום נישט געווען. בלויז איין איינציקער לוט האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר די הייליקע שליחים וואָס די סדומער האָבן געוואָלט דערהרגענען.

שווער, זייער שווער איז אברהמען געוואָרן אויפן האַרץ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן איבערפאַל אויף גאָטס שליחים. אַזוי זיך קאָמפּראָמיטירט פֿאַר גאָט! קיין צען צומאָל נישט פון אַ גאַנצער שטאָט. אַ חרפּה און אַ בושה זיך צו ווייזן פֿאַר גאָט. און ווי וועט ער ווידער קאָנען זיך משתדל זיין פֿאַר עמעצן? שוין אָפּגערעדט אַז פֿאַר זיך גופא וועט פריקרע זיין צו בעטן אַ טובה. נאָר דאָס ערגסטע איז קאָמפּראָמיטאַציע. אַ שיינעם פּנים האָט ער איצט ביי גאָט!

שרה, זיין ווייב, האָט געזען דעם צער פון איר מאַן, געוואָלט אים אָנלערנען און געמוסרט: רעכט אויף דיר! מיש זיך נישט אין נישט דיינע געשעפטן! זיי נישט קיינעמס אַדוואָקאַט! פופציק, פינף און פערציק, פערציק, דרייסיק, צוואַנציק, צען! אַ דינגעניש פֿאַר פרעמדע מענטשן, וואָס דו קענסט זיי נישט און ווייסט זיי נישט. ט׳האָסטו דיר, אפילו קיין צען נישט, שטעל זיך איין פֿאַר זיי! אַז מען שטעלט נישט איין, פֿאַרשפּילט מען נישט!

אַברהם האָט אויסגעהערט זיין ווייב און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אין דער ברייט: נישט אינגאַנצן פֿאַרשפּילט. טרייסטן זאָלן מיר זיך טרייסטן וואָס איינער אַ גערעכטער איז יאָ געווען.


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

## G. FRYDMAN

פֿאַרוואַלטונג „חשבון”

Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## אַקוואַרעלן

אויף יענער זייט באַרג צעלויכטענעם
וויגן זיך דומפּיקע קלויסטער־גלאָקן;
מיינע גילגול־טויבן, דערשראָקענע
בלי־יאָרן
פלאַטערן אין מוזיי פון זכרון.

אין וואַסער־מיל גזרטן בלוטיקן לעגענדעס
פלאַמיקע רויזן,
געפליסטער פון ביימער־שאָטנס געדיכטע,
אין האַרץ פון דער פוילישער געשיכטע.

אויגן פאַרנעפּלטע שיכּורן טוי
פון רויש־ליכטיקן וואָלקן־בעכער;

ווי אַ רעגנבויגן ציט זיך אונדזער הויף
מיט פאַרגאָפטע פענצטער
און קרומע דעכער.

דער ווייסער באָטשאָן אויפן קוימען
היין און קריק
הוידעט מיינע טרוימען.

מיינע בלי־יאָרן, גליקלעך־דערשראָקענע,
הענגען אויף דער מאַמעס האַלדז
ווי רויטע קרעלן
אין חלום־מוזיי
פון מאַרק שאַגאַלס אַקוואַרעלן.

## אין מוזיי

דעם קינסטלער חיים גאָלדבערג

קוזמיר־שטעטל איינגעוויגט און איינגעשטילט,
דער מאָלער דרעמלט אין זיין אייגן בילד,

שוויגנדיקע יידן אין צעשפּילטן טראַכט
צינדן אָן דעם דיכטערס פיבערדיקע נאַכט.

די קלעזמער פון טעאַטער אויף די טישן
גרימפּלען פאַלאַנעזן פאַר די נישן.

זיידעס טאַנצן אין שייטערדיקע פלאַמען,
אין געטאָ פליט דאָס טיכל פון דער מאַמען.

קוזמיר־שטעטל — טיר און פענצטער זיבען צפּן;
קופּעס מיסט — פייגל־לידער איינגעשלאָפן.

וואַסערטרעגער שעפּן קאַנעז פולע טרערן,
אויף די סלופּעס וויינען די לאַמטערן.

אין כאַלופּע טונקלט אויסגעצאַנקטער גלי,
דער שוסטער דרעמלט מיטן שטיוול אויפן קני.

אַ בלינדער פידלער שפּילט ניגונים מידע,
אומעטיק דער מאָלער מאָלט די בידע.

ער טאַנצט אַ ברוגז־טאַנץ אין בלעטערוואַרג
מיט סומנע יידן אויפן אַלטן מאַרק.

דער מאָלער אין בלוי־גאָלדענעם שאַריי
מיטן קזמיר־שטעטל חלומט אין מוזיי.

## פּוילישער פּייזאַזש

דעמבעס היימישע אין דאָרף, אָסיענדיק־צעשפּילט,
בענקען נאָך אין אמעטיק־פאַרטראַכטן שוויגן;
דאָס אָראַנדזש־גאָלד וויינט אויף בלעטערדיקע צווייגן
מיט וואָראָנעס שוואַרצע, הונגעריקע, אינעם בילד.

פּאַליאַנעס הוילע וויגן איין די זאַנגען נאָכן שניט,
סאָקאָלן טראָגן זיך אין נאַסן, ווינטיקן זאַוויי;
רויט־געפלעקטע סטאַדעס הויערן אין מיין מוזיי,
אויגן שעפּסענע גלאָצן אויפן דאָרפסגייער, דעם זשיד.

כאַלופּעס קרומע טובלען זיך אין וואַסערדיקן ראָוו,
פון בודעס רייסן זיך די אויפגערייצטע הינט,
זיי בילן אויף דער פייגל־טשאַטע, בייסנדיק דעם ווינט,
ריימאַנטס פויערים כראָפּען אין געבענטשטן שלאָף.

מיין זיידנס סילועט כ׳דערקען אין פייערדיקן ראַנד,
די מיל אַן אָפּגעסמאַליעטע דעמערט אויפן וואַנט.

## לאָטי פ. מלאך

# דער רבי אַן אַ קאַנטשיק

(דערציילונג)

יעדן זמן, שוין צום ווּיפלטן מאָל, האָבן די בעלי־בתים פון שטעטל אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה און באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען עפּעס אַ ליטישן מלמד קיין מיהאַווע, אַ מלמד מען זאָל אים קענען רופן לערער און ער זאָל טאַקע לערנען מיט די קינדער אַלע לימודים, כדי מען זאָל זיי ניט דאַרפן שיקן אין דער גוישער שול אַריין. וויפל איז דער שיער צו האַלטן קינדער ביי אַ דרדקי־מלמד־ ווי לאַנג? אַז מער ווי חומש מיט רש״י איז ער זיי ניט מסוגל צו געבן, אויף קיין בלאַט גמרא פאַרמעסט ער זיך אפילו ניט. טאָ גייט אַ שטייגער און רופט שמחה מלמד, לערער. אַז דאָס גאַנצע אַלט־פרענקישע מלמדות ליגט אויף אים אויסגעגאָסן.

די יידן אין שטעטל, אָדער בעסער געזאָגט, אין דאָרף, האָבן עס אפשר ניט געוווּסט. זיי זיינען געווען אַ היפּש ביסל באַאיינפלוסט פונעם דייטשמערישן „יודאַאיזם״, וואָס האָט זיך געצויגן אַהער נאָך פון דער מענדעלסאָן־עפּאָכע. אגב, האָבן זיי אויך געמיינט, אַז זיי לעבן שוין דאָ אין דער בוקאָווינע, פון קדמונים, אַזוי איינגעוואָרצלט זיינען זיי געווען אין דעם אַרום: אין די בערג, אין די טאָלן, מיט די ערלים די היימישע גויעס און די יידישע אָרעמקייט.

דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדער מין אָרעמקייט: ריינע שטיבעלעך מיט געלגאָלדענעם זאַמד די ערד־דילן באַשאָטן; ציכטיקע בעטן מיט הויכע קישנס; אויסגעוואַשענע און אויסגעפּרעסטע בגדים און — הונגעריקע קינדער.

דער אמת איז, אַז עס זיינען טאַקע דאָ געווען עטלעכע משפּחות, וועלכע האָבן אפשר געשטאַמט פון קדמונים. דאָס זיינען געווען די גרונט־באַזיצערס, די ברויערייַ־האַלטערס און די האָלץ־ליפעראַנטן. דאָס זיינען געווען צוויי אויסגעצווייגטע, גרויסע משפּחות וואָס האָבן זיך צווישן זיך משדך געווען און האָבן מיטן יידישן דאָרף קיין שום מגע־ומשא ניט געהאַט. זיי האָבן גערעדט דייטש, האָבן געהאַלטן פראַנצויזישע „גוווערנאַנטקעס״ און געלערנט זייערע קינדער טעניס און קלאַוויר־שפּילן. יידישע דערציִונג איז זיי אפילו אויפן רעיון ניט געקומען.

אַך, יאָ, פון „יודאַאיזם״ האָבן די עלטערע נאָך עפּעס וואָס געוווּסט. אַ סימן האָט איר וואָס אויף ימים־נוראים האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון ווין אַ גלאַט אָפּגעראַזירטן חזן אין אַ פראַק, מיט רויטע בעקלעך, אויסגעשניררעוועטע וואָנצעלעך און אַ פיינע אָפּערעטן־שטימע. דער מיטעלער דור, שוין אָפּגערעדט פון יוגנט, זיינען געווען פאָלנע דייטשן...

דערקעגן דאָס יידישע דאָרף האָט זיך דאָ אָנגעהויבן מיט איינצלנע וואַנדערערס, וועלכע זיינען דאָ אַהער געקומען אין שפּעטן מיטלאַלטער, געטריבן פון די פאַרשיידענע גזירות. און באַזעצט געוואָרן איז עס ערשט נאָך די רעוואָלוציעס פון 1847-48, ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרץ און האָט „צוגעזאָגט״ יידן גלייכע רעכט. דעמאָלט האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער מדינה זוכן ערי־מיקלט, און טייל פון זיי האָבן עס געפונען, אָט דאָ, צופוסנס פון די קאַרפּאַטן.

דאָס דאָרף האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח — אַ לאָנקע, צעשניטן אין דער מיט דורך אַ לויפנדיק, קלאָר וואַסער — דער טייך סערעט. דאָ, אין דער בוקאָווינע בכלל און אין דאָרף בפרט האָט זיך אויסגעפורעמט גאָר אַ באַזונדער יידיש לעבן.

שמחה מלמד האָט געהאַט אַן עכט־דייטשישן נאָמען — האַלער האָט ער געהייסן. און געשריבן האָט ער זיין נאָמען מיט צוויי למדן, אַזוי ווי מען שרייבט אויף דייטש. נאָר ווער האָט עס געדענקט צי ער האָט בכלל ווען עס איז געהאַט אַ פאַמיליע־נאָמען, אַז ער אַליין האָט זיך געזען ווי שמחה מלמד, און זיין ווייב, רייזל, האָט אים גערופן „מיין שמחה זאָל

לעבן.״ די טעכטער, אײדעמס און אײניקלעך האָבן זיך גערופן: שמחה דעם מלמדס.

יעדן זמן, נאָך דעם ווי די בעלי־בתים האָבן אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס אָפּצוזאָגן דעם דרדקי־־מלמד, האָט מען געזען שמחהן שפּאַנען אַ טריומפירנדיקן מיט זײַנע תלמידים צו אַ נײַעם חדר.

די קינדער זענען געווען צעשאָטן איבערן גאַנצן שטח, אָט אַזוי ווי מען וואָלט אויסגעשאָטן אַ גרויסן עמער מיט קאָלירטע בעבלעך און יעדער בעבעלע קײַקלט זיך איבער דער לאָנקע צו שמחה מלמד אין שטיבל אַרײַן, ווו עס וועט הײַ־יאָר זײַ דאָס חדר. שמחה מלמד האָט געהאַט אַ קלײן הערביקל אויף דער לינקער זײַט פּלײצע, אַ דאַר העלדזל און אַ שיטער בערדל — אַזוי שיטער, אַז מען האָט געקאָנט אָפּציילן יעדער האָר אויף זײַן גאָמבע. זײַנע אויגן, אַרויסגעשטאַרצטע פון קאָפּ, זײַנען געווען הכנעהדיקע, געטרײַע. און מיט אָט די אויגן האָט ער געוואַכט איבער יעדן קינד.

נעמט אַ שטײגער, הײנדל, משה מענדלס: ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, וואָרעם דאָס ייִנגל האָט אַ שאַרף מוח׳ל, אַ פּיקח, נאָר לערנען וויל ער זיך ניט. צו וואָס זאָל ער זיך לערנען, אַז ער איז דער בעסטער שפּרינגער איבער דער גאַנצער לאָנקע. און מחמת מען רופט אים הײנדל, האָט ער זיך אויסגעלערנט קרײַען, און ווען מען זאָל זיך אפילו געווען שטעלן אויפן קאָפּ, האָט מען קײן מאָל ניט געקענט דערקענען צי קרײַט ער, צי קרײַט עס טאַקע אַ האָן.

פון דער צווײטער זײַט זיצט בײַ אים צינדל, זײַן אײניקל פון דער עלטערער טאָכטער. ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, מחמת צינדל איז נאָך אַ אַ יונג קינד און ער האָט אַ טבע זיך צו פאַרהיקען. און ווי נאָר שמחה באַמערקט דאָס, דערלאַנגט ער אים אַ ביסעלע וואַסער און אַ פּאָר לאַשטשענדיקע גלעט איבערן רוקן, גײט עס אים גלײַך איבער, צעזינגט זיך צינדל בײַם לערנען אַז ס׳איז אַ חיות פאַרן זײדן. וואָס וואָלט שמחה ניט אָפּגעגעבן דערפאַר, ער זאָל קאָנען דאָס קינד אָפּגעוווינען פון היקען?

נעבן הײנדלען, דער צווײטער, זיצט זײַן ברודער מאָקיע. ער איז פּונקט דער היפּוך פון הײנדלען: אַ קורצער, אַ גראָבער מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַרויסגעשטאַרצטע שפּיציקע צײן. ער וואָלט נאָכבעך זײער שטאַרק געוואָלט לערנען, האָט ער אָבער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און שמחה מוז זען דעם קינד מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן. וואָרעם מאָקיע איז זײער מקנא זײַן ברודער הײנדל.

בויע מיט זוליען דאַרפן זיצן צוזאַמען — אַזוי האָט די מאַמע אָנגעזאָגט. האָט אָבער דער עלטערער, בויע, אַ טבע צו דערלאַנגען דעם קלענערן סטיסקעס אין די זײַטן און ער געפינט אַלע מאָל דעם געהעריקן „פאַר וואָס״. אַזוי לאַנג, אַזוי ברײט, ביז שמחה האָט געמוזט אַרײַנזעצן צווישן זײ בײדע פּינחס פּיוויש לײבס, אויך ניט קײן צדיק, אָבער פּאָרט שוין אַן עלטער ייִנגל.

מעכל בלומעס כאָוועט זיך אין גאַנצן אַלײן. און ווי עס זעט אויס כאָוועט ער זיך גאַנץ נישקשהדיק. ער איז אַ פּעטינקער, מיט גרויסע זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים און אַ באַרשט מילך־ווײַסע האָר אויפן קאָפּ. ער גײט ביז שפּעט אין ווינטער באָרוועס. מעכל איז דעם פרײערדיקן מלמדס קינד. ר׳ מרדכי מלמד האָט די „טשוכאָטע״, מוז בלומע אַרומגײן איבער די מערק האַנדלען מיט די גויים און שמחה גיט אַכטונג אויף מעכלען. מעכל ווײסט אַז מען גיט אויף אים אַכטונג און פילט זיך גאַנץ זיכער.

אַזוי האָט זיך בײַ שמחה מלמד אָפּגעצײכנט יעדער קינד מיט זײַן באַזונדערער כאַראַקטעריסטיק, און ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַז די כאַראַקטער־שטריכן פון די קינדער זאָלן זיך ניט אָנשלאָגן אײנס אָן ס׳אַנדערע, נאָר פאַרקערט, זאָלן זיך דערגאַנצן.

פרי, פאַר נאַכט, האָט שמחה אָפּגעלאָזט דאָס קלײנוואַרג אַהײם און זיך ערשט גענומען צו די בר־מיצווה־בחורים. בלויז ציע איז געבליבן וואַרטן אויף איר ברודער, פּינחס. מען האָט געלערנט די סדרה חיי שרה. „...ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה״: און יצחק האָט געבראַכט רבקהן אין זײַן מוטערס שרהס געצעלט און האָט זי גענומען פאַר אַ ווײַב. זאָגט רשי... — וואָס זאָגט רש״י? האָט אַלטער,

יהודה גאָטעסמאַנס ייִנגל, געפרעגט. ער דאַרף זי דאָך ערשט נעמען פאַר אַ כּלה, ווי־זשע קומט עס?...

ביי שמחה מלמד האָט געפלאַמט דאָס פּנים. ווי אַזוי פאַרטייטשט מען דעם דאָזיקן פּסוק פאַר די קונדסים? די ליפּן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן, ווי ביי אַ זייגקינד. אַלטער האָט געוווּנקען צו די אַנדערע ייִנגלעך און דווקא געוואָלט דער רבי זאָל אים פאַרטייטשן: וואָס־זשע זאָגט רש"י? און געקוקט דעם רבין גלייך אין די אויגן אַריין.

שמחהס שיטערע באָרד האָט זיך געטרייסלט פון כּעס. דער קנאָפּ אויפן האַלדז איז אים געלאָפן אַרויף און אַראָפּ. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט דעם חוצפּהניק דערלאַנגען, נאָר אַ ייִד טאָר ניט דינען קיין עבודה־זרה און זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הילפלאָז ביי דער זייט.

רייזל איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געשטריקט אַ זאָק. ס'האָט געשטראַלט פון איר צניעות און מנוחה. זי האָט דאַכט זיך גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט.

ציע פּיווויש לייבס איז איצט אַלט געווען אַכט יאָר. זי איז געזעסן רייטנדיק אויף דער הויכער שוועל מיטן אָפענעם חומשל פאַר זיך און זיך צוגעשאָקלט צום ניגון. ס'איז געווען אַ זעלטן וואַרעמער טאָג אין שפּעטן האַרבסט. די טיר איז געשטאַנען ברייט צעעפנט און די בלויקייט פון הימל האָט איינגעדרימלט אין אירע אויגן.

פּלוצלינג האָט רייזל זי אויפגעוועקט, ווי פון שלאָף: „גיי, ציעטשקע קרוין, ברענג אַריין אַ ביסל פריש וואַסער פון קוואַל דאָס האַרץ צו דערקוויקן. וועסט האָבן אַ גרויסע מיצווה, טאָכטער, די ייִנגלעך לערנען תּורה". דאָס וואָס זי האָט אויך געלערנט, האָט זיך ניט גערעכנט.

— איכ'ל, איכ'ל, איכ'ל — איז מעכל אָפּגעשפּרונגען פון טיש. האָט אויסגעכאַפּט דעם עמער און דאָס גאַנצע „אויסטייטשן" איז צערונען געוואָרן.

— גייט ביידע — האָט רייזל אַ קוק געטאָן אויף שמחהן.

ווען ער איז ניט שמחה מלמד וואָלט ער איצט צוגעגאַנגען צו זיין ווייב רייזל און וואָלט איר אויסגעקושט די צנועהשע חכמה פון אירע אויגן. אַזוי שוין גאָטגעבענטשטע דרייסיק יאָר שטייט זיך ביי זיין זייט און העלפט אים אַרויס פון אַלע שווערע פאַרלעגנהייטן. טאַקע איר און נאָר איר, האָט ער צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז מצליח מיט זיין חדר. און ווען ס'ווייזט זיך אויס, אַז דער הימל איז ביי דער ערד, אַז ער בלייבט חלילה אָן אַ קנעלונג, טוט זיך זיין רייזל אָן דאָס נייע, פערקאַלענע קליידל, וואָס זי האָט זיך אַליין אויפגענייט, און גייט זיך דורך אַ ביסל צו די שכנים, גלאַט אַזוי, אַ שיינער טאָג אין דרויסן...

נאָך דעם טרעפן זיך די ווייבער אין דער פרי ביים אַרויסטרייבן די בהמות אויף דער פּאַשע: וואָס וועלן זיי לויפן און אָפּזאָגן שמחה מלמד? וואָס ווייסן זיי ס'אַראַ שלימזל זיי וועלן אַריינקריגן אויף זיין אָרט. — באשר בכן, די „נגידים" געפעלט ניט? זאָלן זיי שיקן זייערע זינדלעך צום זשאַדעווער רב, אָדער צום סאַדעגערער רבין...

סיי ווי וועלן די קבצנישע קינדער ניט דערציען אין חדר לענגער ווי ביז בר־מיצווה. דערנאָך וועט מען זיי שיקן... אָ, יאָ, מען וועט זיי שיקן קיין טשערנאָוויץ, קיין ראַדעוויץ, ניט כּדי צו לערנען תּורה, נאָר כּדי צו ווערן זאָקן־שטריקערס, שניידערס, קעלער־יונגען (געווען אַזעלכע רעסטאָראַנען), דינסטמיידלעך און וועשערינס. — און יעדן זמן האָט שמחה געהאַט אַ נייע געוואַרעטעניש אין זיין חדר.

איין מאָל, ס'איז געווען פרייטיק, אין דרויסן האָט גענומען אַ פּרעסטל און דאָס איז געווען זייער גוט, ס'האָט אַ ביסעלע איינגעפרוירן די בלאָטעס. פרייטיק איז געגאַנגען אַ סדרה פאַרהערן: פאַרהערן די פּרשה פון דער וואָך, די הפטורה, זומער פּרקי־אָבות, און ווינטער שיר־השירים — אַזוי האָט זיך דאָס דאָרף געפּירט. פרייטיק איז שוין שמחה מלמד געווען שבתדיק אויפגעלייגט. ער איז זיך געזעסן אין זיין הילצערנעם פאָטערשטול, ווי אויף אַ היסב־בעט און האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צו אַ קאַפּיטל תּנ"ך אָדער צו אַ פּירוש רש"י, האָט זיך שמחה מלמד ניט געהאַט וואָס צו שעמען לגבי

די גרעסטע למדנים. דערקעגן האָט ער געהאַלטן, אַז תלמוד איז ניט פֿאַר קיין יונגע קינדער. דעריבער איז ער געבליבן דאָס גאַנצע לעבן אַ דרדקי־מלמד.

פרייטיק איז דער חדר געווען איבער־געפּאַקט. פֿאַר ציען איז ניט געווען קיין פּיצל פּלאַץ, אפילו ניט אין אַ ווינקל, זיך אוועקצוזעצן. אגב, ציען פֿאַרהערט מען ניט, באשר בכן זי וואַרט אויף איר ברו־דער, פּינחס? איז ווען מען גייט עס אָן, צי זי האָט יאָ ווו צו זיצן, צי ניט? ציע איז אָבער געווען זייער דערפֿינדעריש: האָט זיך געפֿונען אַ פּלאַץ אויפֿן אונטערשטן ברעט פֿון לאַנגן, גרויסן טיש, זיך דאָרט איינגעקאָרטשעט און אַנידערגעזעצט.

שיר־השירים האָט גאָר באַזונדער צע־פֿייערט די מוחלעך פֿון די קינדער: ערשטנס, רעדט זיך דאָרט וועגן שעפּעלעך און ציגעלעך און דאָס האָבן זיי ליב. צווייטנס, גייט מען תיכף נאָך שיר־השירים אַהיים און ס'איז נאָך האַלבער טאָג אין דרויסן. דערקעגן ציען האָט גע־לאָקט דער ניגון פֿון שיר־השירים. עפּעס האָט דער דאָזיקער ניגון געטאָן צו דעם געמיטל פֿון מעלאַנכאָלישן קינד, וואָס איז געווען אַזוי גלעטנדיק, אַזוי היילנדיק, אַזוי צוזאָגנדיק.

... „ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין: ניט אַזוי ווי די אומות־העולם קושן זיך פֿון האַנט צו האַנט אָדער פֿון אַקסל צו אַקסל, נאָר ער זאָל מיט אונדז ריידן פּה־אל־פּה, אַזוי ווי בשעת מתן־תורה"... טייטשט דער רבי.

פֿרעגט ציען, וואָס דאָס איז אַזוינס אומות־העולם? אָדער ווער עס זיינען די אומות־העולם? פֿרעגט זי בחרם. דער־קעגן האָט זי יאָ געוווּסט דעם באַטייט פֿון מתן־תורה. און ס'איז געווען דער אומ־באַגרענעצטער כוח פֿון קינדערישער פֿאַנ־טאַזיע, וואָס האָט געקאָנט, זיצנדיק דאָ אויפֿן ברעט, צווישן בריקנדיקע פּיסלעך און נאַסע שיכלעך אַרויסרופֿן אין איר מוח'ל די בילדער פֿון שיר־השירים. נאָר אויף איין זאַך האָט זי זיך יאָ אָפּגע־שטעלט: ווי אַזוי זעט אויס אַ טערקלטויב? ווייטער איז איר אַלצדינג „קלאָר"...

ציע האָט ניט געהערט ווען די יינגלעך האָבן געענדיקט דאָס לערנען, פֿאַרמאַכט און אַ קוש געטאָן די ספרים און האָבן בלויז געוואַרט אויפֿן ווונק, אַז מען מעג שוין... גיין אַהיים — הייסט עס.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט ציעס קולכל פֿון אונטערן טיש: הנך יפה רעיתי הנך יפה... די יינגלעך האָבן אַרויסגע־פּלאַצט מיט אַ געלעכטער. שמחה האָט זיך אָנגעבויגן, אָנגעטאַפּט דאָס קינד ביים אַקסל און זי אַרויסגעצויגן פֿון אונטערן טיש. ס'האַרץ האָט אים אַזש פֿאַרקלעמט פֿון ליבשאַפֿט און רחמנות. ער וואָלט זי גענומען אויף דער שויס און זי איינגע־טוליעט, טאַקע, ווי אַ טייבעלע. אָבער חברה יונגען האַלטן זיך ביי די זייטן פֿון געלעכטער און זי שטייט אַ פֿאַרשעמטע, דאָס פּנימל ווערט רויט און בלאַס, די הענטלעך אַראָפּגעלאָזט, הילפֿלאָז. האָט זיך שמחה אַ נעם געטאָן צו די יינגלעך:

— אַנו, בחורים, לאָמיר נאָר זען צי וועט איר מאָרגן זיין אַזעלכע גרויסע חכמים, ווען דער דיין קומט פֿאַרהערן?

דערהערט אַז דער דיין, ר' שמש פֿריד־לאַנד, וועט קומען פֿאַרהערן, איז זיי שיר ניט דער שבת פֿאַרשטערט געוואָרן. מ'האָט זיך אַרויסגערוקט ווי קאַטינקעס.

ציע איז ניט געגאַנגען אַהיים מיט איר ברודער פּינחס. זי האָט זיך פֿאַרנומען איינע אַליין, מיטן קירצערן וועג, איבער דער קלאַדקע. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אָן דעם פּאַרענטש און האָט אַראָפּגעקוקט צו די פֿישלעך, וועלכע האָבן געשטיפֿט אין דעם מיט שטראַלן דורכגעלויכטענעם וואַסער. זי האָט דער־קענט אָן זייער יאָגן זיך איינס נאָך ס'אַנ־דערע, אַז זיי זיינען הונגעריק. און זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי איז אויך הונגעריק.

פֿרייטיק איז געווען גאָר אַ באַזונדערער טאָג פֿון הונגער ביי די יידישע קינדער פֿון דאָרף. ציע מיט פּינחסן זיינען געווען צווישן די געציילטע קינדער, וועלכע זיי־נען געגאַנגען אַ האַלבן טאָג — פֿון 8 ביז 12 — אין דער דייטשישער שול און גלייך דערנאָך זיינען זיי געלאָפֿן אין חדר אַריין צום פֿאַרהערן. ווען־זשע האָבן זיי געזאָלט עסן? און וואָס האָבן זיי געזאָלט עסן, אַז פֿון דער וואָך איז ניט געבליבן קיין ביסן ברויט און דעם מאַלאַי (קורוץ־ברויט) האָט די מאַמע אפילו ניט געהאַט אַריינ־געדרוקט אין אויוון?

אין די גוטע צייטן פלעגט די מאַמע, נאָך חלה נעמען, „אַראָפּגנבענען“ אַ שטיקל טייג און מאַכן פאַר די קינדער אַ פלאַם־פלעצל; אַך ווי די קינדער האָבן דאָס ליב געהאַט. אָבער איצט אין אַ שווערער צייט, ווען די מלחמה איז געגאַנגען אין דער לופט און דער הונגער האָט געשאַרפט זיינע ציינער, זיינען די קינדער געלאָפן אין שול אַריין הונגעריקערהייט און מקנא געווען די שוואַבישע קינדער, וועלכע האָבן געעפנט פיין־פאַרפאַקטע פעקעלעך אָנבייסן.

ציע ווייסט ניט ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען אויף דער קלאַדקע און זיך דורכגערעדט מיט די פישלעך: „סקערביקל, גיב אַ קוק, דאָרט קריכט אַ ווערעמל, כאַפּ עס... וואַרט, דו נאַריש פישל, ביז די פליג וועט זיך אָפּשטעלן אויפן וואַסער, וועסטו זי דעמאָלט כאַפּן...“ פלוצלינג האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, דער פאָרענטש האָט זיך אָפּגעבראָכן צוזאַמען מיט איר און שוין, מער ווייסט זי ניט. זי ווייסט אפילו ניט צי ס'האָט עפעס פּאַסירט און פּאַרוואָס מען האָט זיך דאָ אַזוי צונויפגעלאָפן? זאָל עס זיין דערפאַר וואָס מען האָט זי געכאַפּט זינגען שיר השירים ויפן קול? די מאַמע האָט זי געלערנט, אַז אַ מיידל זינגט נישט אויפן קול ווען עס געפינען זיך מאַנצבילן אין שטוב...

איבער איר איז געשטאַנען דער טאַטע. אין גאַנצן אַ נאַסער, זיין רויטע באָרד האָט אויסגעזען, ווי די פעדערן פון זייער רויטן האָן. שמחה מלמד האָט איר געווישט די האָר אויפן קאָפּ און האָט איר אַריינגעהויכט זיין וואַרעמען אָטעם אין אירע הענט. אַ רחמנות איז בלויז געווען אויף דער מאַמען. זי איז געשטאַנען מיט פאַרוויינטע אויגן און זיך געבעטן ביי איר רחמים: טאָכטער, כשרע נשמה מיינע, נעם אַ ביסעלע איינגעמאַכטס... ציע האָט זייער געוואָלט צוליב־טאָן דער מאַמען, נאָר זי האָט עפעס ניט געקאָנט פונאַנדערנעמען די ציינדלעך און עפענען דאָס מויל.

אין דער זייט איז געשטאַנען פּינחס, אין גאַנצן אַ פאַרשולדיקטער און האָט נערוועז געצויגן מיט דער נאָז. וואָס האָט ער דען געטאָן, וואָס? ער איז בלויז אַהיימגעקומען אָן איר. ער קאָן זיך ניט שטענדיק מיט איר אַרומפירן...

פלוצלינג האָט עפעס נאָכגעלאָזט און זי האָט קוים הערבאַר אַ מורמל געטאָן: מ אַ מ ע. דער אייביק שטרענגער פאָטער, מיט דער בייזער רויטער באָרד, האָט אויסגעשריען: „פרימצע, מיר האָבן אונדזער טאָכטער, מיר האָבן אונדזער קינד. יידן, לאָמיר גומל בענטשן.“

נאָך קיין מאָל האָט ציע ניט געזען איר רבין אין אַזאַ ליכט, אין אַזאַ התלהבות, ווי בעת ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ קול, ווי אַ וויינענדיק פידעלע: שעשה לנו נס, אַ, נס גדול, במקום הזה...

ציע האָט געפילט אַז זי האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ גוואַלדיקע זאַך, עפעס אַזאַ מין זאַך וואָס אַ מיידל טאָר ניט טאָן... נאָר גענוי וואָס האָט זי בשום־אופן ניט געקענט פאַרשטיין.

ווען אַלע שכנים זיינען זיך שוין געווען פונאַנדערגעגאַנגען, דער טאַטע מיט פּינחסן האָבן בלויז באַוויזן אויף זיך אַרויפציען פרישע העמדער לכבוד שבת און זיינען אַוועק צום מנין דאַווענען, האָט די מאַמע געכאַפּט אויף זיך דאָס זיידענע טיכל, מיט אַ ברייט ווייס פאַרטעך פאַרדעקט די וואָכעדיקע קליידער און געבענטשט ליכט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום בעט ווו ציע איז געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן און האָט זיך צוגעהערט צי דאָס קינד אָטעמט. פלוצלינג האָט ציע זיך אויפגעזעצט, געפאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז און זיך צעוויינט:

— נאַמע, מאַמע, איך וועל שוין מער ניט... —

— וואָס וועסטו שוין מער ניט? — איז דער מאַמען איינגעפאַלן דאָס האַרץ. — טאָכטער, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט; זאָג, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? —

— געזונגען — האָט ציע געכליפּעט — געזונגען אויפן קול שיר־השירים און אַלע אין חדר האָבן געלאַכט פון מיר...

די מאַמע האָט אויפגעהויבןביידע הענט צום הימל: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו ליבער! איך דאַנק דיר, שרעק מיך, רבונו־של־עולם, נאָר שטראָף מיך ניט...“

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לידער

## דער גייסט

יעדער באַרג האָט זיין טאָל,
יעדער טאָל האָט זיין באַרג,
די ערד מיט שטח איז ניט קאַרג —
נאָר דער מענטש קריגט וועגן,
אַ פענעץ גרענעץ.

ביי דער גרענעץ שטייען זעלנער מיט ביקסן
זיי וואַכן, היטן און שיסן
דעם מענטשנס גוף —
אָבער זיין גייסט,
גאָטס אָפּבילד,
קענען זיי ניט צאַמען:
ער פליט צו די באחרית הימים
איבער
קאָנטינענטן, לענדער און ימים.

## ר׳איז ניט געווען

בלוט יללות
שטומע עדות
איבער קברים
אָן מצבות —
ברידער גריבער
ניזוק פיבער
איז מיין וועלט:

געווען אַמאָל גאָטס יצירה
געזאָלט צו זיין איר אַ שמירה
מיט זיין זייל פון וואָלקן,
מיט זיין זיין פון פייער—
אַ לא יונם ולא ישן
אַ וועכטער, אַ היטער,
דעם דרותדיקן שייער.

טויטע גאַסן
טויטע שטיבער
ניזוק פיבער
אין ווייַנענדיקע גריבער.
ער איז ניט געווען;
ער האָט ניט געזען;
וואָס דאָרט איז געשען!:
וויאַזוי און פאַרוואָס
האָט ער פאַרלוירן
זיין רחמנדיקע מאָס?...

## אָפּשפּרעכעניש

ווער וויל וויסן
ווער וויל פרעגן
פאַרוואָס מיין טאָג
איז צעריסן?
פאַרוואָס ער קרענקט געבויגן
כאָטש דער שטורעם
איז פאַרפלויגן
און די זון, דער רעגנבויגן,
שיינען ווידער
מיט פרייד פון שלום.

דער שד זאָל נעמען
דאָס ניט וויסן! —
דעם שוידער פון די קרימעניש,
זיין בייזן צאָרן
דעם אומזיסטן
און דאָס צעבלאָזן
אויף אַלע וויסטן,
אויף פוסטע וועגן,
און מיר צוריקגעבן
מיין טאָג, אַ געגעזן.

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## די ציגיינערקע

די ציגיינערקע, פון וויטן עגיפּטן
האַלטנדיק מיין דלאָניע
אין איר ברוינער,
מורמלט נבֿואותדיק
כּיראָמאַנטישע אמתן
פון מיינע גאָט־געבענטשטע יאָרן
טרעפעניש
פון צעקניפּלטן גורל.

אויף די ווענט און שוועלן
פאַרקאַלכטע שאָטנס
לויט די קנייטשן פון די ווינקלען
באַשפּריצט מיט דעם שלאָף
פון נאַקעטן פאַרנאַכט.
די ליכטיקייט שוין אָפּגעצופּט.
דער סך־הכל פון טאָג,
אָפּגעפּליקט.
איך,
שטיפעריש
דער מיט־שפּילער

אין איר האַנט.
פאַרהענגלעך, שווינדלט־טרעפּ
צעשפּאָלטן די שטילקייט
פון די שאָטנס
און פאַרקאָפּטשעטע שפּיגלען.
די זוניקע פלאַמען
זינקען טיפער אין אירע אויגן.
אין איר פלאַטער פון צייכנס —
אַ נעץ
פון צוגעשפּונענע בלינדע ווערטער.

נאָר די ראָב
אויף איר אַנטבלויזטן אַקסל
צופּט

די זומערשפּרינקלעך
פון איר מדבר־זאַמדיקן פּנים
ווי די שוואַרצע גייסטער
פון אירע קרובֿים, קראָען.

1985, שיקאַגאָ

## דער האָניק פון שטערן

א.
ווען דער ברוין־זוניקער
פלינקער רייטער איז פון די פּריירי
ווי מיט פליגל
אַראָפּגעפלויגן פון זיין ווייסן אָגער
ביים סלופּ פון ברונעם
זיך אָפּגעשטעלט
און דורשטיק געקושט די הויט פון וואַסער
האָבן אַלעמענס אויגן און אַלע רגעס
פון אָנהייב־מאָרגן
פון שלאָפנדיקע בלומען
זיך אויפגעוועקט —
אַלע עופות און דערשראָקענע גענדז,

קי און פערד, שעפסן און הינט
אין יענער שעה
פון תכלתדיקער בלויקייט
דעם וויטן און ברייטן פליין
צעעפנט
מיט אַ גאָלדענער זון,
דעם היציקן אָרום
אויפגעוועקט פון נאַכטיקן שטאַרבן.

ווי פון אַ שלייער
דער טאָג, אַן אויסגעהיילטע ווונד
איז גאַנץ געוואָרן
ביי די ברעגן פון וואַלד

ווו ביימער פון אַלערליי סאָרטן
פאַר היימען און הייזער,
בנינים פאַר רעגן און חלומות
ביי די בליציקע וואַסערפאַלן
געצעלטלט;
און קינדער ווי בלומען
סיי ווינטער, סיי זומער
אין די אַלע צעוואַקסענע אייביקייטן
אויף בערג און אין די טאָלן
געטלעכע טרויבן, שוואַרץ-אויגיקע
יאַגעדעס,
דער פאַרמעג פון זומער,
אויפצוקלייבן.

ב.

פון אַלע גראָזן האָט געשפּראָצט נבואות.
פון יעגערס פיילן
רויטע סימנים און ריח
פון הירשן און לעמפּערטן.
אַלץ איז געוואַקסן קאָנטענט.
אייגנס.
ניט פרעמד.
די ערד און פערד.
ווערטערייען. אינדיאַנישע מוזייען
און דאָס ליבע-ליד, היי
שוואַרצאַפּלדיק
און גאָלדיק
ווי זאַנגען
ווי דאָס וויסטעניש, די בענקעניש
ענדלעך געפאַנגען.

דער ברוין-זוניקער פלינקער רייטער
האָט אויסגעשניצט פידלען
פון אַלע יונגע ביימער —
די לבנה פאַר אַ ווייב גענומען.
די פעלדער זענען פולער געוואָרן
אין די אַלע רגעס פון אָנהייב-זומער;
און טאַנצנדיקע בערן
האָבן שמחהדיק געשלונגען
דעם האָניק פון די שטערן.

1985, סאַנטאַ פעי

# אַ וואַלדנאַכט פון נעכטנס

אין נאַכטיקן קרוג
שוואַרצקייט
מיט פינצטערניש באַהויערט
ווערט חלום דער ווונדער —
און ווונדער?
באַגער.
אַ ווייסע זעגל, מיין העמד,
צום פאַרכישופטן ברעג
און דער מאָרגן, אַ מכשף,
מאַגיש צעבליט דימענטענע ליכט.

און ווו חלום, איז נאַכט,
מיט מיסטישע פעלדזן.
קינדשאַפט און הימלען בלויע.
געטין לונאַ צינדט אָן אין גרינעם שניי
נייע לידער.
ווו איך זאָל מיין קאָפּ ניט לייגן,
דאָס ליד —
הימליש און אייגן.

ווי אַ גייזער באַבליצטער
אין זילבערנע שטראָמען
מיט שווימענדע בלויע הירשן
צו וועלכן ס'האָט גענאַרט מיך מיינע אויגן.
איז ליבלעך, דער חלום, ווונדער און באַגער
מיט צייכנס פון אַנטפּלעקטע סעקונדן
אין אַ וואַלדנאַכט פון נעכטנס.

1985, שיקאַגאָ

שרה ראַפאַלין-ליינער

# די אייביקע ירושלים

ירושלים, ווי ישראל בכלל, איז אַן אַקטועלע טעמע וואָס גייט ניט אַראָפּ פון סדר־היום, אַ טעמע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דער פרעסע, אויף דער טע־לעוויזיע און ראַדיאָ, סעמינאַרן, סימפּאָ־זיומס, פרעסע־קאָנפערענצן, אינטערנאַ־ציאָנאַלע דיסקוסיעס, דיפּלאָמאַטישע הינ־טערקוליסן, אין וואַטיקאַן, אין דער יו־ען, אין סטייט־דעפּאַרטמענט און אין „ווייסן הויז".

אין דער וועלט איז אַלץ „שלום און אָרדענונג", נאָר ירושלים שטערט זייער רו. די וועלט פאַרגינט ניט און וויל מיט כוח אָדער דורך פאַרשיידענע שפּיצלעך אַוועקרייסן ירושלים פון די יידן.

צו באַגרייפן ווי געהעריק די באַדייטונג פון ירושלים און וואָס זי מיינט פאַר אונדז יידן, איז כדאי און צייטלעך אַריינצוקוקן אין דער אוראַלטער געשיכטע פון דער שטאָט, וועלן מיר ערשט דאַן פאַרשטיין, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר; פאַרוואָס איר נאָמען רופט אַרויס אַזאַ ציטער, אַזאַ חרדת־קודש אין דעם יידנס האַרץ; וואָס אייגנטלעך באַדייט זי פאַר אונדז, און וואָס פאַר אַ ראָלע האָט זי געשפּילט אין פאַרלויף פון די אַלע דורות און ביז היינ־טיקן טאָג.

ירושלים איז פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק פון די ערשטע אָנהײבן פון אונדזער געשיכטע. זי האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן צעטל פון ליידן און טיילט דעם זעלבן גורל, ווי דאָס יידישע מאַרטירער־פאָלק. בייזע ווינטן פון דער וועלט האָבן אויף איר שטורמיש געבלאָזן, ווינטן פון טומאה און טיוולאָנישער שנאה צו ישראל. וויפל מאָל איז זי פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט צוזאַמען מיטן פאָלק; אָבער זי האָט געהאַט די „חוצפּה" ניט צו וועלן אונטער־גיין. אַ געפּייניקטע, פאַרוווּנדעטע, אָבער אַ שטאָלצע האָט זי טראָציק איבערגע־חזרט: „לא אָמות כי אחיה".

האָבן יידן זיך געגרייסט און שטאָלצירט מיט איר און זי באַזונגען מיט אַ רעלי־גיעזן ציטער און זי פאַרהייליקט.

דער אָנהייב פון דער געשיכטע פון ירושלים איז פאַרטונקלט און איינגעהילט אין אַ נעפּל. פון די אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען [(טעל־על־אַמאַרנאַ 1887) און אוגאַריט (1928)] דרינגט מען אַרויס אַז ירושלים איז שוין געווען אַ וויכטיקער ישוב מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

אינטערעסאַנט, אַז דער נאָמען ירושלים ווערט אין חומש בכלל ניט דערמאָנט. אָבער אַן איזאָלירטער עפּיזאָד, פאַר־טונקלט אין די סודות פון פּרעהיסטאָריע, וואָס איז יאָ רעקאָרדירט אין חומש (בראַ־שית יד) פירט אונדז אַריין אין דער אַטמאָספערע פון ירושלים, אין איר גייס־טיקן קלימאַט, גלייך ביים אָנהייב פון אונדזער פּאַטריאַרכאַלן פּעריאָד. אַ מיט־טעריעזער מלכי־צדק גייט אַרויס באַגע־גענען אונדזער שטאַם־פאָטער אבר(ה)ם מיט ברויט און וויין, ווען ער קומט צוריק פון דער דערפאָלגרייכער מיליטערישער קאַמפּאַניע, נאָכדעם ווי ער האָט באַזיגט די 4 מלכים (כדרלעומר און קאָמפּאַניע) וואָס האָבן געהאַלטן געפאַנגען זיין פּלי־מעניק לוט, און אַברהם און מלכי־צדק שליסן צווישן זיך אַ בונד פון פריינד־שאַפט.

מיר ווייסן ניט ווער דער מלכי־צדק איז, מיר ווייסן ניט זיין יחוס און ניט זיין אָפּשטאַם. ער האָט אָבער יחוס־עצמו און טראָגט צוויי קרוינען: דער חומש זאָגט לאַקאָניש, אַז ער איז מלך שלם און כהן פון אל עליון, ד"ה: דער הויפּט־גאָט פון זיין געטער־פּאַנטעאָן.

די פאָרשערס, די יודעי־דבר, אידענטי־פיצירן שלם מיט ירושלים.

דאָס ערשטע מאָל וואָס עס ווערט דער־מאָנט דער נאָמען ירושלים איז אין ספר יהושע. ביי כבוש ארץ־כנען נעמט יהושע איין יריחו, חברון, לכיש עגלון; ער באַזיגט דעם קעניג אַדוני־צדק, מלך ירו־שלים, אָבער די שטאָט פאַרבלייבט אין די הענט פון אירע ביז־איצטיקע איינ־וווינער, די יבוסים.

ערשט ביים אורשפּרונג פון דער מלכות תקופה (הגם ניט ביי שאולן), אין די צייטן פון דוד המלך, ווערט ירושלים דירעקט פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק, און שליסט איין אין זיך דריי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע.

דוד המלך דעראָבערט די שטאָט, ער פירט אַריבער די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון דער מלוכה, און אַלע מלוכהשע אָנגעלעגנהייטן פון דער ביזאיצטיקער צייטווייליקער רעזידענט, חברון, און ער קרוינט ירושלים אַלס די הויפּטשטאָט פון זיין קעניגרייך, עיר הבירה, ער רופט זי אָן אפילו מיט זיין נאָמען: „וילכד דוד את מצודת ציון“ — עס מיינט: די פעסטונג פון ירושלים... „וישב דוד במצודה ויקרא לה עיר דוד“ (שמואל ב, ה׳ ט).

דאָס איז געווען אַ געניאַלער אַקט פון אומגעהויערער פּאָליטישער וויכטיקייט, וואָס האָט אים געהאָלפן צו צעמענטירן די ביז איצט לויז־פאַראייניקטע שבטים אין איין גאַנצער, פּאָליטישער איינהייט, אין איין פאָלק. דורך מאַכן ירושלים פאַר דעם מלוכהשן צענטער, באַפעסטיקט דוד זיין פּאָליטישע פּאָזיציע ווי דער מלך פונעם גאַנצן פאָלק.

ירושלימס געאָגראַפישע פּאָזיציע האָט צו דעם צוגעהאָלפן. ערשטנס, ווייל זי געפינט זיך אין צענטער פון לאַנד, אין מיטן צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שבטים, און צווייטנס, ווייל זי איז געווען אויסערן תחום פון יעדער נחלה, וואָס די שבטים האָבן באַקומען, ווען יהושע האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד.

די גמרא זאָגט אין מסכת יומא (דף יב ע״א): „ירושלים לא נתחלקה לשבטים.“ דערפאַר באַלאַנגט ירושלים צום כלל ישראל און קיין שבט, אָדער קיין משפחה קען ניט זאָגן אַז ער האָט אַ גרעסערן חלק אין איר.

דוד המלך פירט אויך אַריבער קיין ירושלים דעם ארון־הברית מיט די לוחות, וואָס איז געשטאַנען זיבט עלי הכהן אין קרית־יערים. דער ארון־הברית האָט סימבאָליזירט דעם בונד צווישן פאָלק און זיין גאָט. ער טוט עס אין אַ פייערלעכער צערעמאָניע, דראַמאַטיזירט דורך געזאַנג, טענץ און רעציטאַציעס פון זיינע אייגענע שאַפונגען (תהלים). ס׳איז געווען אַ פאָלקס־יום־טוב, וואָס האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. אַזוי קריגט ירושלים איר היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע חשיבות און ווערט דער צענטער פון מלכות ישראל.

ווען שלמה המלך, דודס זון, נעמט איבער די מלוכה און בויט אויף דעם בית־המקדש, ווערט דער סטאַטוס פון ירושלים נאָך מער דערהויבן, ווי דער גייסטיקער צענטער, צו וועלכן די אויגן פון גאַנצן פאָלק זיינען געווענדט, און אַזוי איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער אַקט פון שלמה המלך. דאָס בויען פון בית־המקדש האָט געדויערט זיבן יאָר; עס זיינען באַנוצט געוואָרן די טייערסטע מאַטעריאַלן (צעדערבוימער פון לבנון, גאָלד און זילבער) און דער בנין איז באַוואונדערט געוואָרן צוליב זיין פּראַכט און רייכקייט. אימפּאָזאַנט און איינדרוקספול איז אויך געווען דער חנוכת־הבית, וואָס האָט זיך געצויגן צוויי וואָכן. שלמה האָט דורך תפילות געהייליקט דעם טעמפּל צו גאָט און איבערגעפירט דעם ארון־הברית אין ,קודש־הקדשים.

דער בית־המקדש איז געבויט געוואָרן אויפן הר המוריה, וואָס האָט אַ געוואַלטיקן יחוס: דאָרטן איז פאָרגעקומען די עקידת־יצחק — דער סימבאָל פון יידישן מאַרטירטום.

אין די צייטן פון שלמה המלך האָט ירושלים, ווי גאַנץ ארץ־ישראל, גענאָסן פון שלום. שלמה האָט ניט געדאַרפט פירן קיין מלחמות, האָט ער געקענט ווידמען זיינע כוחות און פעיקייטן צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד עקאָנאָמיש; ער האָט אַנטוויקלט דעם אינטערנאַציאָנאַלן מסחר, געבויט אַ קאָמערציעלן פלאָט; זיינע שיפן זיינען דערגאַנגען ביז אינדיע און אופיר. ער האָט געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די גרויסמאַכטן פון יענער צייט, און דאָס לאַנד האָט גענאָסן פון אינטערנאַציאָנאַלן אָנזען און פּרעסטיזש. „ויגדל המלך מכל מלכי הארץ לעושר וחכמה“ (דברי הימים ב, ט־כב). די שטאָט איז געוואַקסן אין באַפעלקערונג, אין פּראַכטיקע בנינים און פּאַלאַצן און דערגאַנגען צו דעם הויכפונקט פון איר גדולה. שלמה האָט זי געמאַכט צו „מקדש מלך ועיר מלוכה.“

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער יידישער וועלט־באַנעם; דאָ, אין ירושלים, ווערן געשאַפן און פאַרטיפט אונדזערע אייביקע רעליגיעזע, קולטורע־לע און הומאַניטאַרע ווערטן פון מענטשן־ליבע, פון יושר און צדק. דאָ, אין ירו־שלים, האָבן געלעבט, געשאַפן און גע־ווירקט גרויסע פערזענלעכקייטן, גייסט־מענטשן, וואָס האָבן געלערנט און געווויי־טיקט צוזאַמען מיטן פאָלק. מיר באַגע־גענען שוין דאָ די נביאים. זיי שטייען אויף דער וואַך אָפּצוהיטן סאָציאַלע גע־רעכטיקייט; זיי לערנען דאָס פאָלק די עטישע געזעצן פון דער תורה, צו העלפן דעם אָרעמאַן, צו באַשיצן דעם שוואַכן און הילפלאָזן. די נביאים זיינען געווען דאָס געוויסן פון פאָלק. זיי פלעגן וואָרע־נען און מוסרן, ווו נאָר זיי האָבן געזען עוולות; ווי די שליחים פון גאָט פלעגן זיי זיך ניט אָפּשרעקן אפילו פאַר די מלכים אַליין. ווייזט אויס, אַז פרייהייט פון וואָרט האָט שוין דעמאָלט געהערשט ביי יידן.

דאָ אין ירושלים הייבט זיך אָן אויס־צוקריסטאַליזירן די ריינע יידישע אמונה, דער ריינער מאָנאָטעיזם; מען הערט די דערהויבענע און עקזאַלטירטע נבואות פון עמוס (שומרון), הושע, ישעיהו, מיכה און אַנדערע, וועלכע רופן צו ירושלים, צום הר ה׳ אַלע אומות, צו ציון, אַלס דער צענטער פון דעת ה׳, פון וואַנען גאָטס וואָרט שטראָמט אַרויס, און דער גאָט פון ישראל ווערט דער גאָט פון דער מענטש־הייט. יהדות גייט אַרויס פון די ענגע, לאָקאַלע און ריין־נאַציאָנאַלע גרענעצן און ווערט אוניווערסאַל; די יידישע אמונה קריגט איר אוניווערסאַלן, אַלמענטשלעכן פאַרנעם. דאָ ווערט געשאַפן דער תנ״ך, וואָס איז ביז היינטיקן טאָג אַ „בעסט־סעלער״ אין דער וועלט און פאַר אונדז אַ מורה־דרך, אויף וועלכן דער גרויסער תלמודישער בנין שפאַרט זיך אָן.

אין ירושלים ווערט פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט די וויזיע פון אייביקן שלום פאַרן אַלמענטשלעכן גליק: „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה.״ דער רוח־ירושלים שוועבט אין דער לופטן און ווערט אַ באַגריף, וואָס מיינט צדק, שלום, גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט.

„ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״
ישעיה א׳ כ״ז).

ציון וועט דורך גערעכטיקייט דער־
דערלייזט ווערן...

„ושמתי משפט לקו וצדקה למשקלת.״
(ישעיה כח־יז).

איך וועל מאַכן גערעכטיקייט פאַר אַ
מעסט־שנור...

אוודאי האָט ירושלים פאַרלאָרן אַביסל פון איר גלאָריע נאָך שלמהס טויט. ווען די מלוכה האָט זיך געשפּאָלטן אויף יהודה און שומרון; ווען די צפונדיקע שבטים האָבן זיך אָפּגעריסן און געגרינדעט אַ מלוכה פאַר זיך, האָבן די מלכי שומרון (צוליב פּאָליטישע טעמים) זיך באַמיט אָפּצורייסן די יידן פון ירושלים און האָבן קעגן איר אויפגעשטעלט אַנדערע שטעט מיט תנכישער חשיבות: בית־אל, שומרון, מצפה, דן... אָבער עס איז זיי ניט געלונ־גען. ירושלים איז פאַרבליבן די עיר־הקודש, פאַר וועלכער ס׳איז באַשטימט אַ ספּעציעלער פּלאַץ אין יידנס האַרץ. אפילו שפּעטער, אין דער העלעניסטישער תקופה, ווען עס זיינען אויפגעקומען אַנ־דערע וויכטיקע צענטערס, האָט ירושלים אַלץ אָנגעהאַלטן איר צויבער און צוצי־הונגס־קראַפט.

דער שטאַרקער און וויכטיקער ישוב אין אַלעקסאַנדריע, מצרים, וואָס האָט גע־האַט אפילו אַן אייגענעם טעמפּל אין העליאָפּאָליס, דער מקדש חוניו, כאָטש פאַרוואָרצלט אין דער גריכישער קול־טור, איז דאָך געבליבן לאָיאַל צו דעם איינציקן צענטער אין ירושלים; ער האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט איר. פון צייט צו צייט פלעגן זיי עולה־רגל זיין קיין ירושלים און שיקן מתנות צום בית־המקדש.

ירושלים האָט דורכגעמאַכט פאַרשיי־דענע גילגולים, זי האָט געהאַט תקופות פון אויפקום און אויפשוווּנג, גלאַנץ און גלאָריע, בנין און יצירה; אָבער אויך ירידות, אומקום, חורבן און פאַרניכטונג. און יעדעס מאָל שטייט זי אויף ווידער צום לעבן, ווי דער פעניקס, דער מיטאָ־לאָגישער פויגל, וואָס ווערט פאַרברענט און שטייט אויף פון זיין אַש ווידער צום לעבן.

די שטאָט האָט געהאַט דריי אויפטרייסלענדיקע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס:

דער חורבן פון ערשטן בית־המקדש דורך בבל (586 פאַר דער איצטיקער ציַיטרעכענונג).

דער חורבן פון בית שני דורך רוים (אין יאָר 70). טיטוס הרשע האָט צעשטערט ארץ־ישראל, פאַרברענט דעם בית־המקדש, פאַרשוועכט און חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן אַ גרויסן טייל פון פאָלק אין גלות אַריין.

די דריטע קאַטאַסטראָפע איז געווען דאָס פאַלן פון דער ביתר פעסטונג אין בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד, וואָס האָט געלאָזט די שטאָט כמעט ייִדן־ריין (135).

ירושלים איז געווען אין די הענט פון פאַרשידענע פעלקער און פאַרשידענע רעליגיעס, געצנדינער, גריכן און רוימער, קריסטן, ביזאַנטיער און קרייצטרעגער, מוסולמענער, מאַמעלוקן, טערקן, ענגלענדער און אַראַבער. אַלע האָבן זיך געריסן פאַר דער שטאָט און אין די רייסערייען איז פאַרגאָסן געוואָרן טייכן ייִדיש בלוט. אַלע האָבן זי געוואָלט אַרויסרייסן פון ייִדישן זכרון, אָפּמעקן יעדן זכר פון בית־המקדש און אָפּמעקן די שטאָט פון דער ייִדישער מאַפּע.

אַדריאַנוס קיסר האָט נאָכן פאַלן פון ביתר געביטן אפילו איר נאָמען אַלס נקמה. ער האָט אויפגעשטעלט אַ געצנדינערישע שטאָט און זי אַ נאָמען געגעבן עליאַ קאַפּיטולאַנאַ, צו פאַראייביקן זיין נאָמען עליוס אַדריאַנוס אין שותפות מיטן נאָמען פון זיין אָפּגאָט קאַפּיטולאַנאַ־יופּיטער, און האָט אַריבערגעפירט די הויפּטשטאָט פון ארץ ישראל פּראָווינץ קיין צעזאַריאַ (קיסריה). די פרעמדע פעלקער האָבן צעאַקערט די שטאָט, פאַרוואַנדלט דעם הר־הבית אין אַ באַרג מיסט און איבערגעלאָזט די שטאָט פאַרוויסט און פאַרפינצטערט, ווו פוקסן זייַנען אַרומגעלאָפן (לויט דער אגדה פון רבי עקיבא).

ווען געוויסע שונאים האָבן זיך אפילו באַמיט אויפצובויען ירושלים, איז עס אַלץ געווען אָן דערפאָלג, עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן, ווי די חז״ל טייטשן אויס די טייל פון תוכחה אין פרשת בחוקותי (ויקרא כ״ו־לב): „ושממו עליה אויביכם״ — דאָס ייִדישע לאַנד וועט שטיין וויסט און וועט זיך אָפּזאָגן צו ווערן אַנטוויקלט דורך אירע שונאים.

עס קומט אויס, אַז די שטאָט איז פאַרבליבן געטריי צו איר פאָלק, ווי זי וואָלט אויסגעשפּיגן די פרעמדע דעראָבערער. ניט אומזיסט ווערט זי אָנגערופן „קריה נאמנה״ — די געטרייע שטאָט (איינע פון אירע 70 נעמען), זי איז געבליבן געטריי צו אירע זין און טעכטער, פּונקט ווי זיי זענען געבליבן געטריי צו איר ביז היינטיקן טאָג.

דער רמב״ן האָט נאָך אין 12טן יאָרהונדערט דערקלערט מיט אַזוי פיל כוונה, אין הייליקער תמימות פון בטחון און צדקות, אַז כל זמן ישראל איז אין ארץ־ישראל, איז פאַראַן אַ ישוב; אין דעם מאָמענט אָבער, ווען ישראל איז געגאַנגען אין גלות, איז ארץ־ישראל געבליבן אַ מדבר.

ווען ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער לאַנד, זייער טעריטאָריעלע און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, די ערדישע ירושלים, די מלוכהשע, מיט אירע פיזישע אייגנשאַפטן און געאָגראַפישע גרענעצן, מיט אירע וואָכעדיקע, טאָג־טעגלעכע מדינהשע פּראָבלעמען און זאָרגן — ירושלים של מטה — האָבן זיי אויפגעהאַלטן אין זייער האַרץ און בשמה און אין זייער געדעכעניש די הימלשע ירושלים, די גייסטיקע, ווי אַ שטאָט פון חכמה, תורה און וויסן, פון קולטור און יצירה, פון נשמה־יתירה־דיקייט — ירושלים של מעלה.

ייִדן האָבן זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון ירושלים של מטה, נאָר די רישעות פון דער וועלט און די ייִדן־שנאה האָט זיי ניט צוגעלאָזן צו איר, האָבן זיי געזוכט טרייסט אין ירושלים של מעלה און האָבן אין איר געגלויבט. און געבענקט האָט מען נאָך ביידע געשטאַלטן פון ירושלים. דוכט זיך צוויי פאַרשידענע באַגריפן, 2 מאָדוסן וואָס זיינען וויַיט איינער פון דעם אַנדערן, צוויי קעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן, הימל און ערד; אָבער אין דער אמתן באַהעפטן זיי זיך ביידע, גייען אַריבער דעם תחום איינער אין צווייטן, דאָס רעאַלע און דאָס אידעאַלע, ווי גוף און נשמה, וואָס דערגאַנצן זיך אין איין שלי־

מותדיקער האַרמאָניע; ביידע דאַרפן מאַכן ירושלים פאַר עיר שלם — עיר שלמה, אַ גאַנצע אַ פּערפעקטע.

זיינען יידן געגאַנגען אין גלות אַריין, האָבן זיי מיטגענומען די שכינה מיט זיך (שכינתא בגלותא — ווי די מיסטיקער לערנען). איז די שכינה אויך געווען נע־ונד און אָפּגעריכט גלות, פונקט ווי דאָס פאָלק, און געוואַנדערט איבער דער וועלט און געקלאַפּט אין פרעמדע טירן, צוזאַמען מיט די יידן.

האָבן יידן זיך באַמיט אויפצוהאַלטן ירושלים של מעלה; האָט מען געבויט פאַר איר ציטווייליקע היימען אין דער פרעמד, האָט מען אויפגעשטעלט צענטערס אין סורא, פומפדיתא און נהדעא (בבל), שפּעטער אין וואָרמס, מאַינץ און שפּייער, קאָרדאָווא און טאָלעדאָ; נאָכדעם אין ווילנע, לובלין, סלאָבאָדקע און וואָלאָזין; אומעטום אַ „מקדש מעט" — אַ „בית היוצר לנשמת האומה" ווי ביאַליק רופט עס אָן, אַ הויז וואָס האַלט אויף די יידישע נשמה. מיר ווייסן וואָס עס איז ליידער פון זיי געוואָרן.

און אויב יידן האָבן ניט געקענט לעבן אין הייליקן לאַנד, האָבן זיי געוואָלט כאָטש שטאַרבן אין ארץ ישראל. אַ ביישפּיל — רבי יהודה הלוי, וועלכער, פאַרשיכורט מיט חיבת־הארץ, האָט אַזוי הערלעך געזונגען זיין ציון־ליד: (ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך), און זינגענדיק אַזוי האָט ער זיך געלאָזט אויפן געפערלעכן וועג צוצוקומען צום הייליקן לאַנד, צו קושן די ערד פון ירושלים. דאָרט, דערציילט די לעגענדע, איז ער צעטראָטן געוואָרן פון אַן אַראַבישן רייטער אויף אַ פערד.

אַ סך פון די וואָס האָבן ניט געקענט שטאַרבן אין ארץ־ישראל, האָבן זיך באַזאָרגט מיט אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד אין קבר אַריין. יצחק לייבוש פרץ האָט עס אַזוי וווּנדערלעך באַשריבן אין זיין פּאָעמע „די דריי מתנות". דער ייד האָט קאַלט, סטאָיש צוגעזען ווי די רויבער נעמען עווק זיין גאָלד, זיין זילבער, זיין מיט שווייס אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן, אָבער ער ציטערט אויף מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה, ווען זיי רירן אָן דאָס זעקעלע ערד; ער ראַנגלט זיך מיט זיי עס צו באַשיצן און ווערט דורך זיי דערהרגעט.

קען אַ גוי דאָס פאַרשטיין און באַגרייפן? „איש זר לא יבין". אַזוי האָבן יידן געלעבט, געהאָפט און געדאַוונט; אונדזערע תפילות, סליחות און קינות זיינען פול מיט נאַציאָנאַלע מאָמענטן און שפּיגלען אָפּ די צערפולע בענקשאַפט נאָך ירושלים. זיי האָבן ניט אויפגעהערט איבערצוחזרן די אַלטע, פּאַטעטישע שבועה פון תהלים קלז: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני."

דורות נאָך דורות האָבן יידן פייערלעך אויסגערופן, מיט עקסטאַז און כוונה: „לשנה הבאה בירושלים" אין די הייליקסטע מאָמענטן פון אונדזערע ימים־טובים, פסח ביים סדר און יום־כפור נאָך נעילה.

אַזוי האָט זיך אויפגעהאַלטן לעבעדיק דער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער געפיל אין דער פאָלקס־נשמה. שמעון דובנאָוו, דער היסטאָריקער, רופט עס אָן: „דער סוביעקטיווער ווילן און נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין פון פאָלק", וואָס האָט געדינט ווי אַ פאַקטאָר אויפצוהאַלטן זיין איינִיקייט.

* * * * *

ירושלים — דער נאָמען, ווי די פילאָלאָגן ווילן האָבן, הייסט עיר השלום, די שטאָט פון פרידן. ירושלים איז באַקרוינט מיט 70 נעמען און יעדער נאָמען דריקט אויס יידישע ליבשאַפט, קעגנזייטיקע טריישאַפט, וויזיע, הייליקייט און שיינקייט. „ירושלים של זהב", וואָס נעמי שמר האָט פאַרפאַסט, און וואָס איז געוואָרן באַליבט ווי אַ צווייטער הימן, איז נאָר אַ טייל פון דעם כתר מלכות איבער דער אייביקער שטאָט, וואָס רופט צו שלום. פרויען פלעגן טראָגן אַזעלכע גאָלדענע שפּילקעס, וואָס האָבן געהייסן ירושלים של זהב, און רבי עקיבא האָט געשאָנקען אַזאַ שפּילקע צו זיין באַליבטער רחל.

ירושלים ווערט באַצייכנט מיט די אויסדרוקן: „כלילת יופי", „יפה נוף", „משוש כל הארץ" — די שמחה פון דער וועלט.

די אגדה דערציילט (קידושין מ"ט ב') אַז צען מאָס שיינקייט איז געגעבן געוואָרן צו דער וועלט, 9 מאָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר ירושלים און איין מאָס פאַר דער וועלט.

לײדער זאָגט די זעלבע אגדה, אַז צען מאָס יסורים איז אַראָפּ אויף דער וועלט, פון וועלכע גאַנצע 9 מאָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר ירושלים.

ירושלים ווערט באַשריבן ווי דאָס האַרץ פון ארץ־ישראל און פון יידישן פאָלק. ווי דאָס האַרץ, דער צענטראַלער אָרגאַן פון לעבן טראָגט און פילט דעם ווייטיק פון יעדן אבר אין גוף, אַזוי טראָגט אויס ירושלים אויף זיך אַלע יסורים פון לאַנד און אַלע פּיינען און ליידן פון פאָלק.

וואָס איז דער כותל המערבי? — אַן איבערבלייבעניש פון דעם מערבדיקן טייל פון מויער אַרום בית המקדש. — אַ וואַנט פון שטיינער, אַ ריזיקע וואַנט; גרויסע שטיינער, צווישן זייערע שפּאַלטן — ווילד גראָז. די טרערן־וואַנט פון יידישן פאָלק, אָבער זי שטייט ווי אַן עדות פון די אַלע יאָרן פון יידישער אמונה און בטחון. וויפיל יידישע טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן פאַרן כותל אין די אַלע יאָרן! וויפיל שווערע געמיטער און סודות זיינען פאַרטרויט געוואָרן צו דער שטיינערנער וואַנט!

מען זאָגט, אַז די שטיינער זיינען פאַרגליווערטע טרערן. וויפל צער און ווייטיק האָבן יידן איבערגעלעבט אין אונדזער צייט ווען דער וועג צום כותל איז פאַר זיי געווען פאַרשפּאַרט; ווען ירושלים איז געווען צעטיילט און צעריסן, ווי דאָס ליד זאָגט: „ובלבה חומה" — אין איר האַרץ אַ וואַנט — דער מאַנדלבוים טויער; און ביידע טיילן האָבן געלעכצט איינע צו דער אַנדערער, ווי די הערצער פון צוויי געליבטע, געוואַרט אויפן מאָמענט זיך צו פאַראייניקן, און געחלומט זייער חלום פון ווערן איינס.

דער גרויסער טאָג איז געקומען: — „זה היום... נגילה ונשמחה בו." אין דער 6־טאָגיקער מלחמה, 1967, האָבן די העלדישע בחורים פון צה"ל, אונטער אַ האָגל פון אַראַבישע קוילן, זיך אַריינגעריסן דורך דעם שער אריות, דעם לייבן־טויער, אין דער אַלט־שטאָט, צום הר־הבית. זיי האָבן געקעמפט ווי לייבן, באַפרייט דעם כותל, פאַרנומען די אַלט־שטאָט און פאַראייניקט ביידע טיילן פון ירושלים יאַן איין אומצוטיילבאַרער שטאָט; ווי דער תהילים זאָגט: „עיר שחוברה לה יחדיו" — אַ שטאָט וואָס באַהעפט זיך אין איינעם. און דער נס איז געשען. שחוברה לה יחדיו" — אַ שטאָט וואָס באַ־ דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישער מאָמענט. „אשרי העין ראתה כל אלה" — גליקלעך איז דאָס אויג וואָס האָט דאָס געזען, און דער דור וואָס האָט עס דערלעבט.

מוטי־מרדכי גור, דער אָנפירער פון די פאַראַשוטיסטן, האָט צוויי מאָל אויסגעשריען: דער הר־הבית איז אין מיינע הענט! מער האָט ער ניט געקענט ריידן, און הרב שלמה גורן, דער דעמאָלטיקער מיליטערישער רב און גענעראַל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן הר־הבית, און מיטן שופר־בלאָזן האָט ער אָנגעזאָגט אַלע טיילן פון דער וועלט די ענדגילטיקע באַפרייאונג פון ירושלים, און דאַן אין אַ שטילן טאָן געזאָגט דעם „אל מלא רחמים" פאַר אונדזערע געפאַלענע סאָלדאַטן.

די תקיעות־שאַלן האָבן דורכגעשניטן די לופט, די אַרויפגעצויגענע ווייס־בלויע פאָן האָט געפלאַטערט אין דער לופטן, און די קלאַנגען פון התקוה האָבן אָנגעפילט די לופט; יידן, אַלט און יונג, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ באַגייסטערטן טאַנץ ביי דעם כותל. מען האָט געזונגען און געוויינט, זיך געקושט און געהאַלדזט, פאַרגעסן אַלע קריוודעס; אַ מין אחדות ווי ביים מעמד הר סיני — „עם אחד בלב אחד" — אחדות ביי יידן, דאָס אַליין איז אַ נס, און די יונגע צנחנים (פאַראַשוטיסטן) אויסגעמאַטערטע פון די שווערע שלאַכטן, האָבן זיך געריסן צום כותל, ווי וועלנדיק אויסדערציילן די שטיינער זייערע קאַמפּס־איבערלעבונגען און אויסלאָדן זייערע געפילן; זיי האָבן געוויינט מיט טרערן פון פרייד און באַגייסטערונג.

חיים חפר, דער באַליבטער פּאָעט פון ישראל, שרייבט אין זיינער אַ פּאָעמע (כ'ציטיר פון אויסוויניק): ווי קומט עס אַז וועלכע גברים זאָלן וויינען ווי קינדער? די וואַנט האָט געזען גאַנצע אַרמייען פאַרבייגיין; די וואַנט האָט געזען אימפּעריעס אויפגיין און אימפּעריעס פאַלן, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געזען פאַראַשוטיסטן וויינען. דאָס איז דערפאַר, ווייל די יונגע 18־20 יאָריקע בחורים, געבוירענע אין

דער צייט פון דער באַניטער מדינה, דורכגענומענע מיט אַחריות פונעם עבר און עתיד, טראָגן אויף זייערע אַקסלען צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע.

דאָס אַלץ איז געשען דעם 28טן אייר. אייר איז אַ געבענטשטער חודש: די מדינה איז אויפגעשטאַנען ה׳ אייר און אַלט־ירושלים מיטן כותל זיינען באַפרייט געוואָרן אין אייר. 28 איז בגימטריה כח, אפילו דער טאָג איז סימבאָליש כח — פיזישער און גייסטיקער, גבורה און קדושה צוזאַמען, כח פאַר ירושלים, פאַר דער מדינה, פאַרן פאָלק ישראל. דער גרויסער טאָג פון יום ירושלים וועט פאַרבלייבן אויף אייביק אין אונדזער געשיכטע, און ירושלים — אויף אייביק אין יידישע הענט.

זינט איר באַפרייאונג איז ירושלים אויסגעוואַקסן אין באַפעלקערונג און אַנטוויקלונג; אַ טראַנספאָרמאַציע, ממש אַ מעטאַמאָרפאָזע איז פאָרגעקומען, וואָס האָט געבראַכט ברכה פאַר אַלע אירע איינוווינער, יידן ווי ניט־יידן צוגלייך.

איז דאָך שיין און גוט — פאַרוואָס־זשע איז שלעכט? ווייל די וועלט איז ניט צופרידן און קען זיך ניט באַרואיקן.

די ניינצן יאָר וואָס ירושלים איז געווען אין די פאַרכאַפערישע הענט פון הוסיינען, דעם מלך־אביון פון ירדן, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט קיין יידן מתפלל צו זיין ביים כותל, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַלע שולן, פאַרשוועכט דעם הר־הזתים בית־עולם — דעמאָלט איז געווען שאַ שטיל, די וועלט האָט געשוויגן; ס׳האָט זיך ניט געהערט קיין פּיפּס פון פּראָטעסט. אָבער ווען ירושלים איז באַפרייט געוואָרן ניט מיט ווייניק פאַרלוסטן, און איז אַריבער אין יידישע הענט; ווען זי ווערט געבויט און געפעסטיקט; גראָד איצט איז דער וויכוח אַרום ירושלים אַרויפגעשווומען פון דאָס ניי אויפן וועלט־פאָרום און דאָ און דאָרט רעדט מען וועגן איר אינטערנאַציאָנאַליזאַציע.

דער אייביקער קאַמף צווישן „רוים און ירושלים" איז ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען. אויב ניט רוים — איז „יו־ען".

טראָץ דעם גייט מען אָן מיט בויען דאָס לאַנד. ירושלים, עיר מלכים ונביאים, ווו אונדזערע מלכים האָבן געקיניגט און נביאים האָבן צעטראָגן גאָטס וואָרט, פאַרלאָזט דורך צוויי טויזנט יאָר, האָט ווידער אויפגעלעבט און געוואָרן די עיר המלוכה — די שטאָט פון דער רעגירונג, פון כנסת, פון בית־הנשיא, פון רבנות הראשית, פון בנייני האומה, פון היכל־הספר און העברעישן אוניווערסיטעט.

כי ימין ושמאל תפרוצי (ישעיה נד־ג) די שטאָט האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט נייע שכונות. אין תנ״ך ווערט זי באַצייכנט פון טאָפּאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, ווי אַ שטאָט אַרומגערינגלט מיט בערג: „ירושלים הרים סביב לה", ווי אַ דימענט איינגעפאַסט אין גאָלד, אַ צירונג וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער וואַרעמער זון אונטערן בלויען הימל (ווי פּאָעטן באַצייכענען זי). איז היינט געוואָרן אויף יעדן באַרג אַ נייע שטאָט באַזעצט מיט יידן.

ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה שטראַלט אַרויס מיט איר ליכט און קדושה (און אויך מיט אירע פּראָבלעמען און זאָרגן) צו אַלע שטעט אַרום איר און צו אַלע יידן, ווו זיי זאָלן ניט זיין.

GREETINGS FOR THE NEW YEAR

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

חיים פלאַטקין / ניו־יאָרק

# לידער *)

## אַ תּפֿילה

שענק מיר די רו
וואָס איך גאַר צו געפֿינען —
ווייז אָן מיר אַ וועג
צו אַ נייעם באַגינען.

מיינע פֿרילינגס די פֿאַרלוירענע,
צעבראָקלטע זיילן,
באַשער מיר ניי־געבוירענע
אויף די פֿאַרבליבענע מיילן.

און באַגלייט זיי מיט קלאַנגען
פֿון מיינע לידער צעטראָגן;
און ווו כ׳בין נישט דערגאַנגען
זאָל מיין האַרצקלאַפּ דאָרט שלאָגן.

געפֿין מיר די רו וואָס נעסט אין אַ גלויבן,
אָ, בורא!
לאָז מיך בלייבן אַ שטויבעלע
אויף דיינע הימלשויבן.

## פֿאַרלאָז מיך נישט, זכרון

וויפֿל מיר איז נאָך באַשערט
זאַמלען שנירלעך טעג אויף יאָרן —
פֿאַרלאָז מיך נישט,
מיין זכרון.

פֿאַר יעדן אָדער פֿון מיין האַרץ
ס׳איז כּישוף דיין באַריר,
צעבליצטסטו פֿאַר מיין אויג
דיין פֿילפֿאַכיקן קאָליר.

מיין באַשערטע נאָענטקייט
אַ שעה ביי דיין אָפֿענער טיר
איך וועל נישט פֿאַרבייטן
אויף אַ יאָר אָן דיר.

נאָך ווערטער וואָס גליען אויף ליפּן
האָט ווער עס אַמאָל דיר געזאָגט? —
ביסט דער בראשית־זייגער
אין האַרץ וואָס שלאָגט.

זכרון־אוצר — ליכט פֿאַר מיינע אויגן —
פֿון די וויטסטע זונען:
ווי איך שטיי און גיי
גייט מיר נאָך מיין מאַמעס פּנים.

אויף דער טאַטע מיט פֿאַרבלוטיקטער באַק:
אַ שטיק באָרד האָט אַ האַלערטשיק
אויסגעריסן.
און די גראָשנדיקע ליכטלעך אויפֿן
שבת־טיש —
עדות פֿונעם צוגעטיילטן ביסן.

מיט דיר מיין זכרון־קאָמפּאַס,
אַ ים בילדער געדענק איך קלאָר:
זיי אויסצומאָלן
איז מיר נייטיק נייע זיבעציק יאָר.

ברענגסט מיך צום שטעטעלע, צו
אונדזער שטיבל
מיט טרעפּלעך פֿון פֿאַרשימלטע ציגל.
אָן דיר וואָלט איך געשטאַנען,
ווי אַ בלינדער ביים שפּיגל.

## איך זוך

פֿאַר דעם אומרו אין מיר —
מיין גורלדיקן סיאַמער צווילינג —
שוין לאַנג ווי איך זוך

*) פֿונעם בוך „מיט אָפֿענע אויגן“, וואָס איז פֿאַריקן יאָר דערשינען אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תל־אביב, ישראל.

אַריה פּאַזי

# יידישקייט און וועלטלעכקייט

## 1. דער חזיון פון אַחדות

אין תנ"ך און אין תלמוד ווערן גע־בראַכט אַ סך פאַרטיפטע אָנמערקונגען וועגן דעם עיקר פון דער תורה. פאַראַן אָבער אין דער תורה איין פּסוק, וואָס די חז"ל האָבן באַשטימט, אַז דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים און וואָס אויף דעם שטיצט זיך די גאַנצע יידישע דערפאַרונג. אויף דעם דאָזיקן פּסוק האָט רמב"ם באַ־גרינדעט זיין טעאָריע פון התגלות, אויף דעם האָבן זיך אויך געשטיצט רבי נחמן קראָכמאַל און אויך דער פאַרטיפּס־טער פילאָסאָף פון יידישקייט פון 20סטן י"ה, הערמאַן קאָהען.

אין תלמוד ווערט עס אויסגעדריקט בזה הלשון:

די צוויי געבאָטן פון די עשרת הדיברות: אָנכי ד' אלהיך און לא תעשה לך אלהים אחרים האָבן די יידן געהערט פון גאָט אַליין (הוריות ח, א; מכות כ"ד, א) בעת די איבעריקע אַכט געבאָטן, ווי אויך די פילצאָליקע חוקים ומשפּטים פון דער תורה זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דורך משהן. דער פירוש אויף דעם איז, אַז מאָנאָטעיזם איז צו יידן איבערגעגעבן געוואָרן אוממיטלבאַר, איז דאָס דעריבער דער יסוד פון אַלע יסודות; און וואָס שייך די איבעריקע כללים לאָזן זיי זיך טייטשן, אויסטייטשן און איבערטייטשן לויט די באַדערפענישן פון דער צייט — אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די חכמי התלמוד אין זייער באַגרינדונג פון הלכה.

אָט די אויסצייכענונג פון מאָנאָטעיזם און די אַלע אַנדערע כללים פון יידישקייט איז כסדר באַטאָנט געוואָרן פון די נביי־אים, און פאַר אָט דער אמונה האָבן יידן אין משך פון אַ סך דורות געלאָזט מקריב זיין זיך על קידוש השם. דאָס האָט גע־פירט צו דעם אַז קריאת שמע איז ביי יידן געוואָרן די הייליקסטע תפילה, מחמת אָט דער איינציקער פּסוק, שמע ישראל ד' אלהינו ד' אחד, וואָס דורך אים חזרן איין יידן עטלעכע מאָל דורכן טאָג די אמונה אין אחדות הבורא, ווירקט אויף זיי צופּצוקערן זיך פון יעדער אָנוויז אויף געצנדינערײַ ביז דער מדרגה פון מקריב זיין זיך על קידוש השם.

אָבער דער ענין איז ניט אַזוי פּשוט ווי ער זעט אויס פון אויבן אויף. וואָס האָבן יידן געגעבן אַזוי פיל גייסטיקע גבורה און שטאַנדהאַפטיקייט, אַז זיי זאָלן צוליב אָט דער אמונה קענען אויסשטיין די גרויליקע יסורים, וואָס דאָס פאָלק איז אויסגעשטאַנען אין משך פון דור דורות?

לאָמיר דעם ענין באַטראַכטן פון זיין היסטאָרישן הינטערגרונט:

אפילו אין די גאָר אַלטע צייטן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, האָבן מענ־טשן איינגעטיילט זייערע געטער אין צוויי קאַטעגאָריעס — די געטער , וואָס האָבן

---

דעם כירורג דעם געניטן
אונדז פונאַנדערצוטיילן,
און איך בענק יעדע רגע
נאָך רו —
מיין האַרץ ער זאָל היילן.

ס'איז דער אומרו אין מיר
ווי אַ יעגער
וואָס האָט אין ציל נישט געטראָפן.
אָפּט זענען מיר די שעהן
ווי אַ מעסער
וואָס הערט נישט אויף די הויט מיר
צו שיילן.

אויך אין אַ פּאַלאַץ פון גאָלד
געווען כ'וואָלט אין אים ווי אין אַ שטייג—
און געווען וואָלט מיין געמיט דאָרט
פאַראומערט און געבויגן,
ביז כ'וואָלט געפונען
אַ באַגינען, אַ וועג, אַ פעלד
מיט טוי און שטראַלן אָנגעצויגן.

דורך זיך אויסגעדריקט די כוחות פון דער נאַטור, און די אַנדערע געטער וואָס האָבן מיט זיך סימבאָליזירט און דורך זיך פאַרגעשטעלט די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן פון די געפילן און וועזן פון מענטש.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס פאָרשונגס־געדאַנק איז דערקענט געוואָרן אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע אייניקייט פון די נאַטור־דערשיינונגען און די זיינען באַזירט אויף באַשטימטע געזעצלעכקייטן. דערפון איז געדרונגען געוואָרן די איינציקייט פון די געטער וואָס, לויט דער מענטשלעכער לאָגיק פון סיבה און פועל־יוצא, זיינען זיי די דאָזיקע וואָס זיינען משפיע אויף די ענדערנדיקע פאַרשטעלונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור.

דער גאָט פון ליבע, רחמים און פרייהייט, וואָס די פאַרטיפטע מענטשלעכע נאַטור האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, הגם זייער נעפלדיק און אויבערפלאַכלעך, איז אין לחלוטינדיקער סתירה פון דעם גאָט פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט און טאַטזאַכלעכקייט, וואָס שפּרייט אויס די הימלען און באַהערשט די ערד און אַלץ וואָס איז אויף דעם.

דער קאָסמישער חילוק צווישן נויטווענדיקייט און פרייהייט, געזעץ און ליבע, מאַכט און דערבאַרעמונג, דער גאָט פון אַריסטאָטל און דעם גאָט פון אברהם־יצחק־יעקב, האָט אָן אויפהער באַשעפטיקט די מוחות פון אַלע רעליגיעזע פילאָסאָפן.

ביי ייִדן האָט אָט די, ווי עס זעט אויס, ניט ריכטיקע פּאַראַדאָקסישע שפּאַלטונג, געווירקט אויף דעם, אַז במקום צו שאַפן סקעפּטיציזם און לייקענונג אין אַחדות אלהים, — געווירקט צו דערהויבן ווערן צו העכסטע פאַנטאַסטישע הייכן דורך דער געניאַליטעט פון אמונה און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ סתירה צו אַ שלימות — גאָט איז אחד, וואָס באַשטימט, פון איין זייט, די הצטרכותן פון דער נאַטור און, פון דער אַנדער זייט, די פרייהייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אין דער באַשטימטער אומענדלעכער געזעצלעכקייט פאַר דעם אויפפיר פון דער נאַטור און גאָטס באַציונג מיט ליבשאַפט צו מענטש: וואָרום איך בין „גאָט דיין באַשאַפער, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די הימלען און געגרונטפעסטיקט די ערד ... וואָס צערודערט דעם ים, און זיינע אינדן ברומען״ (ישעיה נ״א, יב). און ניט ייִדן אַליין, אויף אַנדערע אומות, אַלע מענטשן — ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין תנ״ך (יונה ד׳ יא): און מיר [גאָט] זאָל ניט זיין אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה... וואָס ווייסן ניט צווישן זייער רעכטער האַנט און איר לינקער.״... און די וויכטיקייט פון קריאת שמע באַשטייט טאַקע אין דער באַשטעטיקונג פון דער ענדגילטיקער אַחדות פון דער סיבה פון אַלע סיבות און דער נשמה פון אַלע נשמות.

אַרויסקומענדיק פון דעם קוקווינקל פון קאָסמישן אַחדות הבורא, איז דער ייִדישער געבאָט אָנצוהאַלטן, אָדער דורכפירן, אַן ענלעכע האַרמאָניע אויף דעם באַגרענעצטן שטח פון דער ערד — אַ האַרמאָניע פון פרייהייט און יושר, ניט געאַכט אויף דעם ווי שווער ס׳זאָל ניט זיין עס דורכצופירן אין לעבן, און פאַרבינדן עס מיט דעם ווילן פון גאָט.

אַ שווערע עבודה: גאָט איז דאָך אל מלא רחמים וחנון — ווי שטימט עס מיט די אַלע פּלאָגן און גרוילן מיט וואָס די וועלט פון מענטש איז אָנגעפילט?

ווי דער פּאָעט ה. לייוויק האָט זיך דערלויבט צו פאַרקלאָגן גאָט און האָט אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע אין די טעג פון איוב אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אפילו דער סאַמע עצם פון פּייניקעריש און אַל־דאָס־בייז אויף דער וועלט — דער שטן אַליין, קען אַרויסקומען מיט גערעכטע טענות קעגן גאָט, אַז באמת איז ער, גאָט, ניט ווייניקער אַכזר פון אים — די פאַרקערפּערונג פון רישעות. דער שטן זאָגט: „צי מיינסטו עס, אַז מיין עסקן זיך מיט איובס גורל / פאַרמאָגט אין זיך קיין שפּור אפילו ניט פון יענע רגעס, / ווען דו אַליין האָסט זיך געשפּילט מיט יצחקס גורל?/ צי מיינט עס, אַז צו שפּילן זיך מיט איינעמס האַלדז — / צו שרעקן מיט אַ מעסער, איז אַן אידעלערע שפּיל/ ווי נעמען אַ געזונטן גוף און אים צעקרעציקן?״

אָבער וואָס אַ פּאָעט אין זיינע שטימונגען קען זיך דערלויבן, האָט ניט געקענט

דערלויבן זיך די תורה און אירע מפרשים, ניט די נביאים און ניט די חז״ל. זייער אויפגאַב איז געווען צו פאַרענטפערן אַלע סיבות, צו אידענטיפיצירן די מענטשלעכע תביעות מיט דעם ווילן פון גאָט אויף אַ שטייגער, אַז צווישן זיי זאָלן ניט זיין קיין סתירות.

אויף אַט דעם שטייגער האָט אברהם אָבינו באַשטימט אַ פּרינציפּ, וואָס די נביאים האָבן שפּעטער אַנטוויקלט: „חלילה דיר!״ האָט אברהם געטענהט צו גאָט, „זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד ניט טאָן גערעכטיקייט?״ (בראשית י״ח, כה).

גאָטס וועגן זיינען פאַרהוילן, זאָגן חז״ל, אָבער מ׳דאַרף האָבן אמונה אין זיין גערעכטיקייט. דאָס ליכט פון גאָט שיינט אַרויס פון אַלע שיינקייטן אין דער נאַטור, און אויך פון די גערעכטיקטע מענטשן. דאָס איז דער עצם און מקור פון ליכט לעכן באַנעם. מענטש זעט ניט דעם סאַמע עצם נייערט ניט מער ווי צייטווייליקע און ס׳איז קדושה און איז אַריבער מענטשדערשיינונגען. דערביי קען אפילו דער הייליקסטער מענטש געשטרויכלט ווערן — אפילו משה רבינו. זאָגט די גמרא (חולין קלט, ב): „ווי קענען מיר אונטערשיידן משהן פון דער תורה — ווייל ס׳איז געשריבן אַז ער איז בשר ודם.״

דאָס איז דער שטייגער ווי אין תנ״ך ווערט איינגעשטעלט די שוואַכקייט פון מענטש: אפילו דער נביא קען געשטרויכלט ווערן און מ׳טאָר אים ניט נאָכפאָגן בלינד, מחמת גאָט שטעלט אים אויך צום ניסיון. אין חומש איז וועגן דעם פאַרשריבן: „אַז צווישן דיר וועט אויפשטיין אַ נביא, אָדער אַ חלומער פון חלומות, און ער וועט דיר געבן אַ צייכן אָדער אַ וואונדער — און דער צייכן און דאָס וואונדער, וואָס ער האָט דיר אַריסגעזאָגט, וועט אָנקומען — אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין נאָך פרעמדע געטער... זאָלסטו ניט צוהערן צו די ווערטער פון יענעם נביא, אָדער יענעם חלומער פון חלומות... נאָך גאָט אייער גאָט זאָלט איר גיין״, אא״וו (דברים י״ג). אַזוי אפילו דער כוהן: ער ווערט טאַקע געזאַלבט פון גאָט אַליין, פון דעסטוועגן איז עס געווען אהרון, משה׳ס ברודער, דער פון גאָט אַליין געזאַלבטער כוהן, וואָס האָט געמאַכט דעם עגל. אפילו דער פון גאָט אַליין געזאַלבטער מלך דויד, אפילו ער, דער משורר פון תהילים, האָט באַגאַנגען שווערע זינד.

ווען מ׳נעמט אין אַכט אַלץ מיט אַן אַנדער איז די יידישע אמונה זייער געוואַגט. מחמת, באמת, קען דאָך למראית עין ניט באַשטימט ווערן קיין אחדות צווישן נאַטור און מענטש, און אַוודאי ניט צווישן וואָס מענטש באַטראַכט פאַר גוטס און שלעכטס. ווי ס׳זעט דאָס אויג, זיינען אויף דער וועלט דאָ אַן אַ שיעור סתירות וואָס קענען ניט פאַרענטפערט ווערן. וואָס דען? איז דער תירוץ: מ׳דאַרף האָבן אמונה. ס׳באַטייט אָבער ניט אַז מ׳טאָר ניט אָפּפרעגן דעם יושר הלמאי די דאָזיקע סתירות זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן. מ׳מעג אַרגומענטירן, אויסטענהן זיך מיט גאָט, הגם — „גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט, ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר; אָבער גערעכטיקייט וויל איך רעדן צו דיר...״ (ירמיה י״ב, א).

אין תלמוד ווערט דערקלערט, אַז פרומקייט און עניוות זיינען טאַקע באַזונדערס גוטע מידות, אָבער חכמה איז אויף אַ העכערער מדרגה פון זיי ביידן: „יעדער מענטש ביי וועמען מ׳געפינט חכמה, איז ווי דער בית המיקדש וואָלט געבויט געוואָרן אין זיין צייט.״ (ברכות לג, א). און אויף דער סתירה וואָס צווישן אמונה און דערפאַרונג, צווישן איינגעשטעלטער שטייגערישקייט און עמפּירישע דערגרייכונגען — אַט די סתירה פּרוווט פאַרענטפערן די יידישע סאָציאַלע פילאָסאָפיע דערמיט וואָס מענטש איז פריי אויסצווילן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ברכה און קללה. בעת כל ישראל ערבים זה בזה, פאַרבלייבט אָבער דער יחיד די ענדגילטיקע רעאַליטעט, אַ וועלט פאַר זיך אַליין. ווייל ווי גאָט וואָס איז „אינו גוף ולא ישיגהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל״ (שלשה עשר עיקרים) — איז אומבאַקאַנט אָבער איז אַ קדשי־קדשים, אַזוי איז אויך דער עצם פון מענטש אומבאַקאַנט און אין זיין זעיר אנפּין איז אויך פאַרהוילן אַ שמץ פון אַ ניצוץ פון קדשי־קדשים. און אַט דער געדאַנק ווערט אַ סך מאָל אַרויסגעבראַכט — הגם אומדירעקט און פאַרנעפּלט — סיי אין תנ״ך און סיי אין תלמוד און איבערהויפּט אין קבלה

און אַלע אירע צווייגן, אָפּצווייגן און מפרשים.

אייגנטלעך, וואָס שייך תלמוד, דאַרף געהאַלטן ווערן אין זינען, אַז די תנאים און אמוראים זיינען בשום אופן ניט געווען ניט מער ווי טרוקענע געזעצגעבערס. די געזעצגעבונג, אָדער די געזעץ־פאַרשרייבונג, איז פאַר זיי געווען אַ הנחה פאַר זייער מיסטיש־פילאָסאָפישן געדאַנק און ווייערע פּאָעטיש־מיסטישע חזיונות. אַחוץ הלכה פאַרנעמט די אגדתא, די פּאָעטישע פאַנטאַזיע, אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט אין תלמוד. אַזוי אויך די סאָציאַלע און לעבנס־שטייגערישע פּיתגמים פון חז"ל. אָבער אַלץ צילט צו איין צוועק — צו דער דערקענונג פון גאָט און צו פירן מענטש אין די וועגן פון צדקה און יושר.

מיט דער צייט האָט זיך די אגדתא אויסגעצווייגט איבער צוויי דרכים — די ראַציאָנעלע פילאָסאָפיע און די מיסטישע קבלה. די ראַציאָנאַלע פילאָסאָפיע האָט געפונען איר כוללדיקן אויסדרוק אין רמב"מס מורה נבוכים, און די קבלה — אין זוהר.

לויט דער קבלה קומט אויס, אַז די ניכטערע וועלט, וואָס מענטש באַגרייפט ווי ווירקלעכקייט, איז ניט מער ווי אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון די עולמות עליונים. די שכינה איז אין גלות, די גאַנצע וועלט איז אין ירידה און די צדיקים דאַרפן איבערהערשן זיך איבער דער קליפּה פון זייער אייגן לעבן, צו דערהייבן זייערע נשמות צו דער העכסטער עליה בכדי צו שאַפן אַחדות צווישן די אונטערשטע און אויבערשטע וועלטן.

## 2. משיחיזם און מלכות שדי

די שפּאַנונג און אָנציונג פון יידישקייט דריקט זיך אויס דער עיקר אין דער השגה פון משיחיזם און מלכות שדי. לויט אַט דעם קוקווינקל איז די עובדה פון מענטש מתקן צו זיין אונדזער וועלט און דורך דעם אויסלייגן דעם וועג פאַר מלכות שדי. „ירושלים שלמעלה איז ענג אויסגעבונדן מיט דער בפירושער באַלעסטיקטער ירושלים וואָס איז אויף דער ערד." (תענית ה, א). „בכדי ליב צו האָבן גאָט דאַרף מען זיך ניט אַריינטאָן אין ענטוזיאַסטישע שטימונגען, נאָר מ'דאַרף מאַכן זיין (גאָטס) נאָמען באַליבט איבער דער וועלט" (יומא פז, א).

און דאָס אַלץ איז געבונדן מיט ביאת המשיח. בפירוש, יעדער יידישער דור האָט מיט האַרץ־בענקעניש געגרייט זיך אַז משיח וועט קומען אין זיין צייט, אָדער לכל הפחות אין דער צייט פון זיינע קינדער. רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער, ווערט דערציילט, האָט פאַרבעטן זיינע מקורבים צו זיין טאָכטערס חתונה, וואָס וועט זיין אינעם היכל פון בית המקדש אין ירושלים. דערביי האָט ער אָבער צוגעגעבן, אַז „ווען סע וועט אַזוי געשען, אַז משיח וועט ניט קומען, וועט די חתונה זיין אין באַרדיטשעוו."

אומגעזען פון די טאָג־טעגלעכע אַנטוישונגען האָט דער חיזיון פון משיח געשוועבט אַזוי בולט אין דעם חיזיון פונעם פאָלק, וואָס צו דעם איז קיין גלייכן ניט פאַראַן ביי קיין שום אומה. לפי דעם טראַדיציאָנעלן יידישן פאָלקסגלויבן וועט משיח איינזאַמלען אַלע נדחי ישראל, איינשטעלן איבער דער וועלט די אמונה פון אַחדות אלוהים, פאַרקערן אַלע מענטשן אויפן דרך האמת: „משיחס אָנקום וועט ברענגען אַ וווּנדערלעכן שטייגער אויף דער וועלט; ער וועט ברענגען די הערלעכקייט פון עולם הבא אויפן עולם הזה; די הערלעכקייט פון משיח־צייטן איז עד אין לשער" (ברכות לג).

און אַט די סתירה צווישן דער משיחישער פאָרשטעלונג און דער ביטערער ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן האָט געפירט צו ייאוש און געעפנט דעם וועג פאַר פאַלשע משיחים, אין ווען דאָס פאָלק האָט געגלייבט און זיי מיט באַגייסטערונג אויפגענומען. די פאַלשע משיחים זיינען געווען אַלערליי, אין אַלערליי געשטאַלטן פון משיחישן גלאַנץ האָבן זיי זיך באַוויזן פאַרן פאָלק. אייניקע זיינען געווען אַסקעטן, ווי שבתאי צבי; אַנדערע זיינען געווען מיסטישע ראָמאַנטיקערס, ווי שלמה מולכו; ווידער אַנדערע זיינען געווען קריגערס, ווי בר־כוכבא אָדער דוד הראובני; און נאָך אַנדערע זיינען געווען באַוווסטזיניקע רמאים, ווי יעקב פראַנק — זיי אַלע זיינען געווען פאַנאַטיקערס, וואָס האָבן מיט זיך פאַר־

געשטעלט געוויסע שטריכן פון די אַלע סותרדיקע אייגנשאַפטן.

מ׳דערציילט וועגן איינעם פון די חסידישע רביים, אַז צו אים זיינען מיט גרויס התפעלות אַריינגעקומען אַ צאָל פון זיינע חסידים אים אָנזאָגן די גרויסע בשורה: משיח איז געקומען! איז דער רבי צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן און געזען אַז מענטשן זיינען פאַרטאָן אין זייער געוויינטלעכער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט. „ניין", האָט ער געזאָגט, „לויטן געטומל און געלאַף פון דעם המון דרינג איך אַז משיח איז נאָך ניט געקומען."

אַזוי האָבן תמיד געפילט די יידן וואָס זייער גורל האָט זיי באַשערט צו וווינען אין קריסטלעכע לענדער. זייערע שכנים, די קריסטן, האָבן מיט זיי איינגעטענהט אַז משיח איז שוין געקומען, אָבער די יידן האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, זיך צוגעקוקט צו די מילחמות צווישן מענטש און מענטש, און פאָלק און פאָלק, וואָס ווערן אָנגעפירט אָן אויפהער, און זיי האָבן געדרונגען אַז משיח איז נאָך ניט געקומען.

משיח איז טאַקע נאָך ניט געקומען, אָבער יידן וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער אמונה און נאָכגעפאָלגט די יידישע טראַדיציע, האָבן קיין מאָל ניט פאַרלוירן זייער גלויבן, אַז משיח וועט יאָ קומען, און אפילו ווען ער פאַרזאַמט זיך, האָבן זיי תמיד געוואַרט אויף אים. מחמת אויב ניט, וועלן דאָך קיין יסורים קיין מאָל ניט אויפהערן און — דענסטמאָל: וואָס פאַר אַ זינען האָט בכלל דאָס לעבן אויף דער ערד?...

* * * * *

די קאָמפּליצירטקייט פון מענטש און די סתירות וואָס זיינען אין אים פאַרבאָרגן, רופט זיך אָפּ אויך מיט סתירות אין די עיקרים פון יידישקייט. יידישקייט זעט איין, פון איין זייט, דעם פּאַראַדאָקס פון מענטשלעכער נאַטור, וואָס שטרעבט צו זיין זעלבסטזיכער און צו כולל זיין מיט זיך אַלץ מיט אַנאַנדער, אָבער, פון דער צווייטער זייט, ווערט דער אידעאַל פון זעלבסט־זיכערקייט אַנטקעגנגעשטעלט דעם חשבון הנפש, וואָס פירט צו זעלבסט־לייקענונג. דאָס פירט צום געדאַנק, אַז בכדי צו גרייכן שלימות דאַרף מען האַרמאָניש אויסמישן און צונויפגיסן אַלע אייגנשאַפטלעכע פיזישע און גייסטיקע כוחות וואָס מענטש פאַרמאָגט. און בכדי צו קענען דערהייבן זיך דאַרף מענטש אויסגעפינען און באַשטימען ניט נאָר וואָס איז אין זיין באַוווסטזיין, נייערט אויך וואָס איז איבער און אַריבער זיין באַוווסטזיין און וואָס טוט גייסטיק באַווירקן אים. דאָס פירט, פון איין זייט, צו דער ראַציאָנעלער פילאָסאָפיע און שילטון השכל פון אַ רמב"ם־שטייגער, און, פון דער אַנדער זייט, צו דער אינטואיציע וואָס פירט צו טעאָלאָגיע מיט אַלע אירע מיסטישע אָפּצווייגן.

די קאָמפּליצירטקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס דער אידעאַל פון זעלבסט־באַהערשונג, פון עניוות, איבערשטייגט דעם אידעאַל פון זעלבסט־איבערטרעפונג, זעלבסט־איבערשאַצונג. צו באַהערשן זיך, מיינט צו גרייכן אַ האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון אַלע אייגנטימלעכע פעאיקייטן; צו איבערשטייגן זיך, הייסט צו באַשטימען דעם ברענפונקט פון גייסטיקער התלהבות און דעם זין פון דעם וואָס איז איבער דעם זעלבסט. ביידע אידעאַלן ווערן אויסגעדריקט אויף באַזונדערע שטייגערס, סיי אין די סימבאָלן פון פילאָסאָפיע און סיי פון טעאָלאָגיע.

די צעטומלונג פון אונדזער צייט, אין שייכות מיט די פּראָבלעמען פון דעם יחיד, ציט זיך פון דעם איבערברוך פון די צוויי מענטשלעכע גלויבנס, וואָס האָבן פריער דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן און איצט האָבן זיי זיך אויסגעוועפּט און זיינען זיך סותר. מיר מיינען דערמיט די אמונה פון פיזישער שלימות פון מענטש, וואָס איז געווען איינגעהאָפּטן אין דעם רעליגיעזן באַגריף וועגן נשמה אין מענטש, וואָס זי איז זיין עיקר שבעיקרים און אַז זי איז אַ פונק פון גאָט.

די מערבדיקע ציוויליזאַציע, וואָס איז איבערוועגנדיק קריסטלעך (און צו וואָס אפילו די קאָמוניסטיש הערשנדיקע פילאָסאָפיע איז געצוונגען זיך אונטערצוגעבן), האָט אין משך פון הונדערטער

יאָרן געצויגן איר גייסטיקע יניקה פון
דעם, אַז ס'איז דאָ אַן אייניקייט צווישן
די דאָזיקע צוויי באַגריפן און זי האָט
מבטל געמאַכט די סתירות צווישן זיי.
דער רעליגיעזער איינשטעל האָט געגערט
די געפילן פון מיסטעריע און קדושה און
אויפגערעגט די פאַנטאַזיע פון מענטש
צו עקסאַלטאַציע, צו התלהבות, פאַר אַן
איבער־נאַטירלעכן געביט (איבער־נאַטיר־
לעכן געביט לויט דעם מענטשלעכן באַ־
נעם פון נאַטור) פון אומגעהייער פאַנ־
טאַסטישער הערלעכקייט. גלייכצייטיק
האָט די זעלביקע מערב־ציוויליזאַציע —
וואָס שייך פּראַקטישן לעבנסשטייגער —
זיך געשטיצט אויף דעם קלאַסישן גע־
דאַנק, אַז דער איך איז אַ זעלבסטשטענ־
דיקער וועזן, פולקאָם אין זיך אַליין.

די גריכן פון אַמאָל, ווי שפּעטער די
רוימער, האָבן פאָרגעשטעלט פיר „פונדאַ־
מענטאַלע מידות" פון מענטשלעכן כאַ־
ראַקטער: דרייסטקייט, געלאַסנקייט, גע־
רעכטיקייט און חכמה. די דריי לעצטע
מידות האָבן געהאַט בדעה פאָרצושטעלן
האַרמאָניע און אָרדענונג אינעם שטייגער
פון מענטש, בעת די ערשטע מידה,
דרייסטקייט, האָט סטימולירט דעם באַ־
גריף פון זעלבסטזיכערקייט. עס האָבן זיי
אָבער אויסגעפעלט די מידות פון יראת־
הכבוד, דרך־ארץ, אהבה און מידת הרח־
מים, וואָס שאַפן די קרובהשאַפט צווישן
מענטש און מענטש און צווישן גאָט און
מענטש.

אָבער דער באַגריף פון מענטשלעכער
זעלבסט־זיכערקייט האָט שפּעטער גע־
ליטן אַן אָפּשניט דורך אַלערליי וויסנ־
שאַפטלעכע אויפדעקונקען און אַנטוויק־
לונגען — דהיינו: דאַרוויניזם, אַז מענטש
שטאַמט פון פרימיטיווער חיה; פרוידיאַ־
ניזם, די דערקענטעניש פון די פאַרהוי־
לענע ווירקנדיקע טיפקייטן פון מענטש־
לעכן כאַראַקטער; קאַרל מאַרקסעס אויפ־
מערק אויף דער פאַרדאָרבנקייט פון דעם
סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבנסשטייגער, און
די באַגרענעצונג פון פרייען אויפפיר פון
מענטש דורך דעם הויך אַנטוויקלטן איצ־
טיקן לעבנסשטייגער. אין דער זעלביקער
צייט איז דער ביבלישער איינשטעל מכוח
מענטש, איינגעהילט אין אַן אָנוווקס פון
מיטאָלאָגיע און איבערגלויבן, אָפּגעלייקנט
געוואָרן דורך דעם ראַציאָנעלן עמפּירישן
געדאַנק פון דער אַנטוויקלטער מאָדער־
נער וויסנשאַפטלעכער ציוויליזאַציע.

דערצו האָבן אומגעהייער געווירקט די
בליצנדיקע ענדערונגען וואָס קומען פאָר
איצט אויף דער וועלט. די וועלט, וואָס
מענטש האָט פריער באַטראַכט צו זיין
סטאַביל און געגרונטפעסטיקט, איז אויפ־
געטרייסלט געוואָרן אין מענטשלעכן באַ־
דורך זעלבסטמאָרד — יחידישן זעלבסט־
לעבט איבער אַצינד גאַנצע עפּאָכעס אין
משך פון ווייניקער פון איין דור. מענטש
איז פלוצים אַריבער פון פערד־און־בויד
עפּאָכע צו דזשעט־פליערײַ, האָט שוין
אפילו באַטראָטן די לבנה און קלייבט זיך
צו גרייכן די שטערן; ער באַנוצט זיך שוין
מיט אַטאָמישער קראַפט, עלעקטראָנישע
איינריכטונגען, אויטאָמאַטישער אינדוס־
טריע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע. אין דער
איצטיקער וועלט זעט קיין זאַך ניט אויס
צו האָבן אַ ווערט סיידן עס באַוועגט זיך
מיט משונהדיקער שנעלקייט.

און מיט ענלעכער משונהדיקער שנעל־
קייט, דוכט זיך, ווערט אָנגעשטעקט אויך
דאָס לעבן פון מענטש: אָט יוגנט, אָט
מיטעלע יאָרן, אָט עלטער און אָט... און
וואָס דערנאָכדעם?...

און צווישן טאָג און נאַכט, און אַמאָל
נאָך פריער — אפילו אין מיטן העלן טאָג
— טוט מענטש אָפּט מאָל זיך אָפּשטעלן
אין מיטן פון זיין אימפּעטיקן און שטו־
רעמדיקן געלויף און ער באַזינט זיך. ער
קומט צו אַ יישוב הדעת פון — לאָמיר
זאָגן אַ קוהלת, אָדער אַן איוב און אים
זעט אויס, אַז פאַר אים ווערט ניט גע־
שטעלט קיין אַנדער ברירה ווי: אומקום
דורך זעלבסטמאָרד — יחידישן זעבסט־
מאָרד בפועל ממש, וואָרעם, אויב ניט,
צווינגט אויף אים אַרויף די געזעלשאַפט
סטיכישן זעלבסטמאָרד דורך עקאָנאָלאָגיע
— דער טעכנאָלאָגישער פאַרדאַרבונג פון
דער נאַטור, וואָס פירט צום אומקום פון
גאַנצן לעבן אויף דער ערד און די מיט־
לען ווי צו דערהאַלטן דאָס לעבן און ווי
ממשיך צו זיין דעם מענטשלעכן קיום
אויף אָט דעם ברעקעלע פלאַנעט ערד,

וואָס איז ניט מער ווי אַ שטויבעלע לגבי דעם אומגעהייערן קאָסמאָס.

די וואָס זיינען געניגט צו אַבסטראַקטן דענקען קענען דערביי געפינען אַ פאַרענטפערונג אין דעם דינאַמישן אימפעט פון יידישן וויסן און אין דער איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן אין דער באַטייטנדיקער שאַפונג צווישן דעם פרייען און געטלעך באַוווסטזיניקן געפיל פון מענטש.

ביידע געפילן זיינען אייגנטימלעך צו מענטש. מענטש קען ניט מוותר זיין, קען ניט פאַרליידן דעם געפיל צו ווערן אָפּגעפרעמדט פון דעם איבערנאַטירלעכן באַגריף פון גאָט, דעם גאָט צו וועמען ער קען זיך קערן אין צייט פון קריזיס, ווי ער קען זיך אויך ניט באַפרייען פון דעם וואָס ער וויזואַלירט ווי ראַציאָנעלע אָרדענונג און וואָס קומט זיך ניט צונויף מיט דעם חיזיון פון אַ געטלעכן פערזאָנען־קולט. מענטש קען אָבער ניט פאַרלידן צו זיין איזאָלירט, עלנט, אָן אויבערשטער השגחה וואָס זאָל אים שיצן, צו זיין אומבאַהאָלפן און אונטערטעניק צום בייזן גורל פון ז״ן, אָן, וואָס ער באַגרייפט, אַ ציל, אָן אַ פאַר אים קלאָרן, באַרעכטיקטן און נויטווענדיקן זינען, אָן אַ צוועק, ווי שיף אָן אַ רודער אין אַ שטורעמדיקן ים. דער ראַציאָנעלער אויפפיר פון דער וועלט — פון זיין מענטשלעכן עולם ומלואו — מוז זיין באַהויכט מיט אַ גייסטיקן, דערהויבענעם, ניט־ערדישן זינען. מענטש פילט אַז ער איז ניט פולקאָם אין זיך אַליין, אַז ער איז — מוז זיין! — אַן אָפּצווייג פון אַ העכערן געדאַנק, אַ ווילן־איבער־ווילן.

אין רעליגיעזן איינשטעל מיינט עס, אַז מענטש דערגרייכט שלימות ווען ער שטעלט זיך לגבי דעם בייזיין פון שכינה. „גיי פאַר מיר און זיי ערלעך,” האָט גאָט געזאָגט צו אַברהמען (בראשית יז, א). אָט דער ביבלישער געדאַנק פון „גיי פאַר מיר” איז אין סתירה צום גריכישן איינשטעל, אויסגעדריקט פון פּיטאַגאָראַס, אַז „מענטש איז די מאָס פון אַלץ מיט אַנאַנדער, די מאָס פון זאַכן וואָס זיינען ניט, אַז זיי זיינען ניט.”

אין דער זעלביקער צייט דאַרף רעליגיע זיך צופּאַסן צום שינוי פון דעם פריער אָנגענומענעם באַגריף פון פאַרשטענדיקייט און שכלדיקייט — ראַציאָנאַליזם. רעליגיעזער גלויבן טאָר ניט זיין קאַטעגאָריש. גלייביקע וואָס פרייען זיך מיט דער דערשלאָגנקייט פון שכל און לאָגיק, דאַרפן האָבן אין זינען, אַז די פאַרניינונג פון ראַציאָנאַליזם וועט גיכער פירן מענטש צו דעמאָנישן אויפפיר איידער פאַרקערן אים צו גאָט.

עס דאַרף שאַפן זיך דער בונד צווישן רעליגיעזן גלויבן מיט לאָגישן דענקען, מיט מאָראַל און דערפאַרונג. ביידע באַגריפן דאַרפן זיך האַרמאָניש איינהעפטן אין אַן איינקייט. מ׳טאָר ניט זאָגן, גאָט איז אַלץ און מענטש איז גאָרנישט. ניצשעס באַרימטער זאָג, „גאָט איז טויט”, פירט ניט מענטש צו זיין, ניצשעס, „איבערמענטש”, נאָר סע פירט צו נאַציזם און טאָטאַליריזם בכלל, וועמענס באַשיימפערלעכקייט מיר האָבן אַזוי ביטער דערפאַרן.

ווען צווישן געפיל און לאָגיק אַנטוויקלט זיך אַ פירוד הלבבות, שאַפט עס אָפּ זינען אין לעבן. די השגה פון גאָט טאָר ניט בלייבן פאַרגליווערט ווי ענדגילטיק און אַבסאָלוט; די וויזיע פון גאָט איז מחייב אַ סימבאָל, אַ משל, אַ הבטחה, אָבער ניט אַן אַבסאָלוט און אַ געשטאַלטיקייט. „הבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף, ואין לו שום דמיון כלל,” ווערט ריכטיק דערקלערט אין די שלושה עשר עיקרים, וואָס ווערן צוגעשריבן צו רמב״ם. די זעונג פון גאָט קען טאַקע פאַרגעשטעלט ווערן ווי די געשעענישן פונעם עבֿר, אָבער עס איז אויך אַן אָנזאָג פאַר דער צוקונפט; עס קען טאַקע זיין למעלה מן השכל, איבערשכלדיק, אָבער בשום אופן ניט אין קעגנערשאַפט צום שכל; ס׳איז דער עמוד האש, דער זייל פון ליכט, וואָס פירט אונדז אויפן וועג פון לעבן, אָבער די עצמיות פון גאָט, ווי ס׳איז דערקלערט געוואָרן צו אליהו הנביא (מלכים א, י״ט), איז ניט אין שטורעם, ניט אין ערד־ציטערניש, ניט אין פייער, נייערט אין קול פון דינער שטילקייט.

אַרויסקומענדיק פון אַט דעם קוקווינקל האָבן טאַקע רעכט די עקזיסטענציאַנעלע דענקערס פון דעם חדר פון סאַרטר, קאַמי און זייערע באַכפּאָלגערס, ווען זיי קומען אַרויס מיט דעם געדאַנק, אַז מענטש איז עטוואָס מער איידער זיין פיזישע און ממשותדיקע געשטאַלטונג, אָבער זיי זיינען געגרייזט ווען זיי קומען צו באַשטימען וואָס דער „עטוואָס מער" איז אַזויבס. די פולע פרייהייט קריגט מענטשלעכער גייסט אין גלויבן—דעם עיקר פון ערשטן געבאָט אויף באַרג סיני.

אָבער אַט די אמונה איז אַ שטרעבן וואָס חזרט זיך איבער אויף דאָס ניי צו דערקענען דעם סוד פון קדושה. און ווייבאַלד מיר הייבן אָן אויסלייגן אמונה אין געשטאַלטיקייט, זיינען מיר עובר אויפן צווייטן געבאָט, וואָס פאַרבאָט די דינסט צו אַ פסל — אַ קאָנקרעטער זאַך וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אַז עס איז געטלעך.

## 3. דער פאַלשער משיחיזם פון אונדזער צייט

מיר שטעלן זיך פאָר אַז די בלאָנדזשענישן מיט פאַלשע משיחים געהערן זיך אָן צום פאַרשטאָרבענעם עבר, אָבער באמת איז אַט די פאַרפירערישע מענטאַליטעט אויפגעקומען צו תחית המתים אין אַ ניט־ווייניקער סכנותדיקן מצב, און האָט געשטיגן אין מאַכט און פּאָפּולאַריטעט, אין אונדזער איצטיקער צייט, איבערהויפּט זינט דעם אָנהייב פון 20סטן י"ה.

מענטשן האָבן פריער זיך פאָרגעשטעלט שלימות אין דעם גלויבן אַז דער „צוגעזאָגטער דערלייזער" איז שוין דאָ. ביסלעכווייז האָט אַט די אמונה זיך גענומען אויסוועפּן און איר אָנציונג האָט זיך איבערגעריסן. כפירה האָט פאַרנומען איר פּלאַץ. געבליבן איז דערביי אַ וואַקואום, אַ ליידיקייט. האָבן מענטשן אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם משיחיזם בכדי מיט דעם אָנצופילן די פּוסטקייט. דאָס האָט געפירט צו דער פאַרערונג פון דעם פונדאַמענטאַלן און דעם אַבסאָלוט — דעם אומבאַשרענקטן, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו אַ באַשטימטן מענטש, אַ פּעדאַנט, אָדער אַ באַשטימטער אידעע:

אַ פאַלשער משיחיזם פאַרבונדן מיט אַ פאַלשן משיח, וואָס האָט געפירט צו דעם, אַז —

דער אָביעקטיווער עקספּערימענטאַלער, איבערגעלייגטער באַנעם פון דעם שכל־הישרדיקן און מעסיקן מענטש איז פאַר די פאַלשע משיחים געווען אַן אומפאַרגיבלעכע זינד. שכל־הישר האָט אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דעמאַגאָגישער און פאַנאַטישער פרײדיקונג פון מענטשן וועמען מ'האָט באַפוילן צו פאַרגעטערן: די וואָס נעמען ניט אָן דעם „נייעם גלויבן" קומט זיי כרת.

דאָס איז אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם, וואָס מ'קען אָנרופן „מאָנאָסאָטאַניזם", וואָס די קריסטלעכע וועלט איז אויף דעם באַשטאַנען אין משך פון דור־דורות, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע איבלען שטאַמען פון די וואָס גלייבן ניט אין דעם „דערלייזער".

אינדיווידואַליזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם — אַט די אַלע אידעאַלן צו שאַפן מענטשלעכן ווילזיין, זיינען געווייס פון גרויסן באַטייט און ווערט; פון דעסטוועגן איז יעדער אידעאַל מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעשטערנדיקער און געפערלעכער אידעאָלאָגיע.

אַט־די טרויעריקע פאַרדאַרבונגען פון אידעאַלן איז דער עיקרשט צו מערקן אין דעם געביט פון סאָציאַליזם. קיין מאָדערנער דערהויבענער אידעאַל האָט צו זיך ניט געצויגן אַזוי פיל אַכטונג און פאַרהערלעכונג און אַלטרואיסטישער קנאות ווי סאָציאַליזם. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון דעם 19טן י"ה און אין משך פון די ערשטע פאָר דורות פון 20טן י"ה, האָט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק זיך דערהויבן צו די אידעאַלסטע פאָרשטעלונגען פון דעם משיחישן געדאַנק. ער האָט פאָרגעשלאָגן די אַבסאָלוטע איבערשאַצונג פון אַלע סאָציאַלע ווערטן און זיי רעפאָרמירן צו כל טוב, געגעבן אַ נייעם באַשייד פאַר די פּלאָגן און רישעות פון דער הערשנדיקער געזעלשאַפט, פאַרשריבן אַ רפואה שלימה פאַר די יסורים פון דער וועלט און געבראַכט די פאָרשטעלונג פון אַ וועלט שכולה טוב. עס האָט ניט געפּרײדיקט אין דעם לשון

פון אוטאָפּיע, נאָר האָט באַטאָנט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ווי אַ וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט; עס האָט געפּריידיקט דעם ווערט פון מענטש, האָט אומגעביטן געטלעכע השגחה אויף היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס פירט דירעקט אויף אַ דיאַלעקטישן (לאָגישן) שטייגער צו דער אָפּשאַפונג פון אָרעמקייט אויף דער וועלט. די גוטע צייט וועט זיכער קומען, משיח איז שוין אויפן וועג.

אָבער ווי טרויעריק איז אָט דער אידעאַל פאַרשוועכט געוואָרן דורך דער קנאות וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט! די קנאות האָט צעשמעטערט דעם לאָגישן געביט פון יישוב הדעת דורך דער דאָגמאַטישער באַשטימונג, אַז אַלע אַנדערע אידעען און אידעאַלן זייַנען ניט מער ווי דעם שוים איבער די כוואַליעס פון דעם עקאָנאָמיש־מאַטעריעלן קלאַסן־אינטערעס. אויף אָט דעם שטייגער איז מעסיקייט און איבערלייגונג דערקלערט געוואָרן פאַר אָפּאָרטוניזם, און רעוויזיאָניזם — פאַר פאַרראַט און עס טאָר ניט טאָלערירט ווערן.

אַזוי אַרום האָט סובטילע און פאַרפירערישע פּראָפּאַגאַנדע פאַרביטן דערציאונג און אויפקלערונג. עס האָט אומגעביטן מאָנאָטעיזם אין מאָנאָסאַטאַניזם. אַל־דאָס בייז ציט זיך פון דער לוסט נאָך פּריוואַטן באַזיץ — אָנהייבנדיק פון דער קאָרופּציע פון דער „דעגענערירטער" קונסט (לויט זייער שאַצונג פון דעגענעראַציע) ביז דער מערדערלעכער טעטיקייט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. אַלץ האָבן זיי איינגעדעקט אונטער איין דעקטוך.

היות די קאָמוניסטישע פירערס זייַנען, לויט אָט דער באַשטימונג, פריי פון דער „בורזשואַזער פעסט", קענען זיי ניט זיין אומגערעכט. דעריבער טאָרן זיי ניט קריטיקירט ווערן. „קריטיק" איז אַזוי ווי די ליסטיקע שלאַנג אין גן־עדן, וואָס האָט פאַרפירט חווהן. דער פועל־יוצא איז: אונטערדריקונג און טעראָר, דער גרויל פון זעלבסט־איינגעגליבטקייט און די צעשמעטערונג פון די וואָס האָבן אַן אַנדער גלויבן — אַ פּאָליציי־שטאַט, אינקוויזיציע און בלוט־רייניקונג, געגליכן צו די מענטשלעכע קרבנות, וואָס געצנדינערס האָבן אַמאָל געבראַכט צום אָפּגאָט מולך, און צו דער פאַנאַטישער אַכזריות פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

אַזוי אויך דער אידעאַל פון נאַציאָנאַליזם.

לכתחילה האָט זיך נאַציאָנאַליזם אַנטוויקלט ווי אַ לייכטנדיקער, ווי אַ באַפרייענדיקער אידעאַל. ס'וואָלט יעדן פאָלקסמענטש צוריקגעקערט זיין זעלבסטווערט און די פרייד און טרייסט פון זיין געשיכטלעכער געבונדנקייט מיט זיין פאָלק. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט ביטערער אַנטוישונג. עס האָט געבראַכט פאַרוויסטונג אויף דער וועלט. ביידע — די רישעות פון דעם בשעתו פאַשיזם אין איטאַליע און דער גרויל פון זיין נאָכפאָלגנדיקן דייטשישן נאַציזם, האָבן זיך גענערט אויף דער נאַציאָנאַליסטישער דאָגמע. דער פאַשיזם אין איטאַליע האָט דעם עיקר געוויכט געלייגט אויף דער פאַרערונג פון דער מלוכה, און דער נאַציזם האָט שוין אויך אַרויסגעבראַכט די פאַרהערלעכונג פון ראַסיסטישער אויבערהערשונג, די איינגליבעניש אין דייטשן ווי דעם „הערנפאָלק". אויך דאָ האָט מען ניט געטאָרט אַרויסברענגען אַן אָביעקטיוון געדאַנק — בלויז די אומזיניקע פּראָפּאַגאַנדע פון שינאה און טעראָר האָט זיך געלאָזט הערן. „די שטימע פון בלוט" האָט די דייטשן איבערוועלטיקט: דאָס „הערנפאָלק" איבער אַלץ! די וואָס פאָלגן דעם „געבאָט פון בלוט" זייַנען „די זין פון ליכט", און אויב ניט, זייַנען זיי טיוורלאָנים, וואָס איז דער הייליקער געבאָט זיי אומצוברענגען, זיי זייַנען דער גורם פון אַלע רישעותן. „לאָגישע" אַרגומענטן האָט ניט קיין באַטייט. היסטעריע קריגט שליטה איבער געדאַנק. וואָס אַרט וועמען דאָס סותר זיין זיך אַליין? לאָגיק איז חייב מיתה, און די וואָס גלייבן אין דעם דאַרפן פאַרשניטן ווערן.

ווערט מוקשה: ווי אַזוי איז עס געקומען צו דעם, אַז דער איידלמוטיקער אידעאַל פון פרייהייט, פון סאָציאַלע פירנעמונגען און נאַציאָנאַלער גרויסקייט — ווי אַזוי איז ער געוואָרן קאָרופּטירט אין צעשמעטערנדיקע אידעאָלאָגיעס? דאָס איז די צענטראַלע רעטעניש פון אונדזער דור. פאַר אַ סך פון אונדז איז דאָס אַ „נאָך־אידעאָלאָגישע" תקופה. מיר האָבן געזען

אידעאָלאָגיעס אויפקומען און אומקומען. אונדזער עיקרדיקע דאגה איז צו זען אַז אידעאָלאָגיעס זאָלן גענוצט ווערן צום גוטן און ניט פאַרקריפּלט ווערן צום שלעכטס. און דאָ איז דאָס אָרט ווו דער יידישער שטייגער דענקען קאָן אויסגע־נוצט ווערן צום גוטן.

## 4. עד כאן — און וואָס ווייטער?

הומאַניזם איז דאָס שלאַגוואָרט און דער שורש אויפן סמך פון וואָס עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סך פון די אידעאַלן פון דער נייער צייט, אידעאַלן פאַר מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַריינ־גערעכנט דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט דורך די ראָמאַנ־טישע פילאָסאָפיעס פון רוסלאַנד, פּוילן, איטאַליע און, באַזונדערס, דייטשלאַנד, און וואָס האָט געפירט צו שאָוויניזם מיט זיינע פועל־יוצאס פון פאַרגאָסענע טייכן בלוט.

דערביי איז אויך נייטיק צו האָבן אין זינען, אַז אויך מאַרקסיזם האָט זיך לכת־חילה אַנטוויקלט ווי אַ טיף־הומאַניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַפרייען מענטש פון זיין שיפ־לות און צו אַנטוויקלען זיין ווערט, און צו וואָס זיין אולטימאַטיווער פאַלשער פירוש האָט געפירט, זאָגן עדות די צענד־ליקער מיליאָנען קרבנות וואָס זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן אויף זיין מיזבח.

ווי אַזוי, פרעגט זיך, זיינען די דאָזיקע צוויי אידעאַלן — הומאַניזם און נאַציאָ־נאַליזם — געוואָרן אַנטי־הומאַניסטיש? ווי עס זעט אויס איז ניט גענוג אַז אידעען זאָלן אַסאָציאירט ווערן צוזאַמען. אידעען שיידן זיך איינע פון די אַנדערע אויף משונהדיקע שטייגערס און מיט דער צייט פאַרקריפּלען זיי זיך.

אַזוי, למשל, די ווילדקייט און אַכזריות פון אַנטיסעמיטיזם. לכתחילה האָט זיך עס אויסגעדריקט ניט ווי אַ יידנפיינד־שאַפט, נאָר ווי אַ פּלוגתא מיטן קריסט־לעכן פונדאַמענטאַליזם. שפּעטער האָט זיך עס אָפּגעשיידט פון איר קריסטלע־כער געבויר־מוטער, וואָס פּריידיקט, כלומרשט, ליבע, און האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ לחלוטין אַנטי־קריסטלעכע (בעסער געזאָגט: אַנטי־עוואַנגעלישע) אידעאָלאָ־גיע — ווי אַ פילאָסאָפיע פון ראַסיזם.

פאַרוואָס זיינען אַ סך פון די ביז איצ־טיקע מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס האָבן לכתחילה געהאַט די כוונה צו פאַרבעסערן די מענטשלעכע לאַגע, צו באַרייכערן מענטש, צו באַפרייען אים פון בייזקייטן, — ווי אַזוי זיינען די דאָזיקע אידעאַלן דעגענערירט געוואָרן אין בייזקייטן, וואָס זיינען נאָך ערגער פון די אָריגינעלע רישעות פון וועלכע זיי האָבן מענטש באַפרייט?

דער ענטפער אויף דעם, ווי מיר זען עס, איז פשוט:

זיי זיינען די דאָזיקע אידעאַלן וואָס שטיצן זיך טאַקע אויף דער איינפאַכער מענטשלעכער לאָגיק, אויף זיין ראַציאָ־נעלן געדאַנק, אָבער וואָס זיינען ניט גע־ווען אָנגעהויכט מיט גייסט, מיט דעם יראת־הכבוד פאַר דעם וואָס איז למעלה מן השכל, מיט ליבע צו דעם וואָס מיר באַגרייפן ווי געטלעכקייט. זיי האָט אויס־געפעלט די נשמה פון דעם וואָס איז איינ־געוואָרצלט אין יידישע מידות, דער אידעאַל, דער רעליגיעזער געפיל, וואָס איז דער יסוד פון יידישקייט, וואָס איז באַגלייט פון מידת הרחמים, ליבע — די עיקרים וואָס שאַפן דעם בונד צווישן מענטש און מענטש און פירן צו יראת־הכבוד פאַר גייסטיקע ווערטן, וואָס זייער הויכפּונקט איז „דע לפני מי אתה עומד" — אַז דו דאַרפסט אָפּגעבן אַ דין וחשבון צו גאָט — דעם הויכפּונקט פון ליבע און גערעכטיקייט, צו דער מידה, וואָס דער תנא הלל הנשיא האָט אָנגעגעבן פאַרן עצם פון יידישקייט: „מאן דשניא לך לחברך לא תעביד" (וואָס דיר איז ניט אָנגענעם זאָלסטו ניט פאַרשאַפן צו קיין אַנדערן).

אין שייכות מיט דעם געפינען מיר אַן אָנצוהערעניש ביי רמב"ם. ער שרייבט מכוח די מעשים וואָס ער באַטראַכט אַז זיי פירן צו דער דערקענטעניש פון גאָט, אָבער וואָס איז זייער עיקר זיינען זיי וועלטלעך. מיר דאַרפן אויסאיידלען, זאָגט ער, דאָס וואָס געפינט זיך בכוח אין דער מענטשלעכער נאַטור און באַציען זיך מיט גרויס דרך־ארץ צו די אומענדלעכע מאָסן פון מענטשלעכן גליק און גרויס־

קייט. דורך דעם וועט מען גרייכן אַ טיפע אמונה אין די אומענדלעכע ווירקונגס־דערגרייכונגען פון קדושה. די באַגייס־טערנדיקע שפּראַך פון גלויבן גיט אַנצו־הערעניש אויף דער מי און אָנשטרענגונג איבערצושפּאַנען די גרענעצן פון באַנעם פון דעם וואָס קאָן יאָ באַוויזן ווערן און אפילו פון דעם וואָס קען נאָר באַנומען ווערן מיטן שכל אָבער ניט אויפגעוויזן ווערן.

פון דער אַנדער זייט ווערט אויסגע־שטעלט דער אומגעהייערדיקער גלאַנץ פון קדושה קעגן דעם געוויינטלעכן, ניכ־טערן, מיטלמעסיקן באַנעם פון קדושה, וואָס מענטשן דאַרפן נאָכפאָלגן צו יעדער צייט.

דער אַבסאָלוט און אומענדלעכקייט פון הקדוש־ברוך־הוא צייגט אָן די פאַרהעלט־נישמעסיקייט און די ענדלעכקייט פון אַלץ וואָס געהערט זיך אָן צום הווה און צום באַלדיקן, דעם דאָהי און דעם איצט.

דער כוח־המושך פון אידעאָלאָגיעס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ריידן מיט זיכערע מענער און מיט ענדגילטיקייט. דער המון העם — בעסער געזאָגט דער עם־הארץ — וויל אויסמיידן די אחריות פון אויסלייגן פאַר זיך אַן אייגענעם וועג. דער כלל און דער יחיד פונעם כלל וויל זיך אונטערגעבן צו אַן אויטאָריטעט, צו זיין אַ גליד פון אַן אייגנשאַפט און אַ קוואַליטעט פון וואָס ער וויל באַרייכערט ווערן מחמת ער אַליין פאַרמאָגט עס ניט. פאַרן פאַלקסמענטש איז עליה נאָר דענסטמאָל מעגלעך, ווען ער קען אַרויס־קריגן פאַר זיך כאָטש אַ פונק פון דעם אַלגעמיינעם פלאַקער. אין אַ טיפער אמונה איז די מסירות־נפש „צו שטאַרבן בכדי צו קענען לעבן" געווענדט צום „וועג פון קדושה" אויף דער ערד, וואָס פירט צו איר פאַרווירקלעכונג.

דעם מענטשנס טיפע גלויסטונג משיג צו זיין דעם אַבסאָלוט און צו שטאַנדהאַפ־טיקייט איז געווענדט צו קדושה — דער־וועקנדיק זיינע האָפענונגען און דער־האַלטנדיק זיין אמונה, בעת אין זיין עמ־פּירישער וועלט אַרבעט ער מיט איינ־סטרומענטן וואָס זיינען וואַקלדיק, מיטל־מעסיק, עקספּערימענטאַל און פירן נאָר צו דער דערקענונג, אַז וואָס מער עס ווערט דערקענט אַלץ וויניקער איז די דערקענונג.

סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך האַלט אַן מענטש זיין גלויבן אין משיח. קיין חילוק ווי דער באַגריף משיח ווערט געטייטשט. אָבער גלייכצייטיק מיט זיינע טאָג־טעג־לעכע פּראָבלעמען און אינטערעסן באַ־ווירקט דעם שטייגער פון זיין גלויבן. די הלכה, ד"ה לעבנסגאַנג, דערלאָזט אים ניט צו פאַרגליווערן זיך אין דאָגמעס. דער דערהויבענער משיחיזם פון זיין זע־אונג איז ניט משפיע צו פאַרוואַנדלען אין אַן אַבסאָלוט און אַן ענדגילטיקייט זיין טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער.

ווי אַזוי קען מען אויסמיידן צונויפצו־מישן די טאָג־טעגלעכע צייטיקע באַדער־פעניש פון לעבן מיט דער וויזיע פון קדושה אויף אַ שטייגער אַז עס זאָל ניט זיין אַ ווידמונג דעם פאַנאַטיזם פון פונ־דאַמענטאַליזם, פון איין זייט, און דער נאַרעריי פון פאַלשן משיחיזם, פון דער אַנדער זייט?

דאָס קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך דער דערקענונג פון דעם אַלגעמיינעם פּערספּעקטיוו, וואָס ווערט איינגעשטעלט דורך דער סתירה צווישן קדושה און דעם שטייגערישן לעבן.

גאָט, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלטונג מ'זאָל אים ניט אָננעמען, איז פאַרהוילן פון מענטש, אָבער ער אַנטפּלעקט זיך צו אים ביסלעכווייז אויף צוויי שטייגערן — דורך דער פּראַקטישער און מאָראַלישער אויפפאָדערונג פון מענטשלעכן געוויסן, פון איין זייט, און פון דער אַנטוויקלטער וויזיע פון מענטש, אַז דורך מעשים טובים וועט ער גרייכן דעם געגאַרטן באחרית הימים.

ס'איז דעם מענטשנס גורל צו לעבן אין שפּאַנונג, אויסדריקנדיק זיין גלויבן אין אַ פּראַקטישן שטייגער און האַלטן אָפן זיין גייסט פאַר אַ זאַך וואָס איז הינטער דעם האָריזאָנט פון זיין איצטיקן וויסן. היטן זיך קעגן דעם אַנצי פון פאַלשן משיחיזם, פון איין זייט, און פון דאָגמאַטישער עקשנות פון דער אַנדער זייט.

(סוף אויף זייט 54)

## יצחק אלחנן ראַנטש

# א י נ ד ע ר פ ר י *)

דו עפנסט אויף די אויגן אינדערפרי,
די הייזער שטייען אויסגעצוואָגן
דו ביסט אַן אייגענער דאָ־הי, דאָ־הי,
די שעה פון זיין האָט אויסגעשלאָגן,
ווי רעדער דרייען זיך אין וואָגן

דיר דוכט זיך, ס'האָט ווער אָנגעקלאַפּט
אין טיר.
עס שאַלט אַ ווידערקול: „גוטמאָרגן!"
דו קוקסט און זעסט ניט קיינעם אַרום דיר.
וווּ האָט דער רופער זיך פאַרבאָרגן?
אַ פריינד — ניטאָ זיך וואָס צו זאָרגן.

ווי אויפגעעפנט האָסט די אויגן הייַנט,
זיך אויפגעעפנט האָבן קוואַלן
פון אַלץ וואָס אָטעמט, לעבט און שייַנט.
עס וועבן זילבערדיקע שטראַלן,
פון הימל צו דער ערד זיי פאַלן

די אויגן אָפן, גאַרן זיי צו זען
די וווּנדער פון באַשאַף דעם פרישן
דער פונק צעפלאַקערט האָט זיך אין
אַ ברען.
עס זייַנען גרייט די פולע טישן.
דו וועסט זיך אויפן מאַרק אויך מישן.

דער מאַרק איז טומלדיק, דער מאַרק
אין רויש.
עס בלענדט דאָס אויג, ס'איז פול דאָס
אויער.
האָסט אָנגעפּאַקט פאַר זיך אַ גאַנצן קויש.
דו זעסט אַ פּנים וואָס פאַרזויערט.
דו שפּירסט, אַז ווער אויף דיר אויך לויערט.

ס'ווערט אָנגעזאַפּט מיט גוטס און שלעכטס
דיין אויג,
עס האָט דיין רוקן זיך געטאָן אַ בויג.
דיר דוכט זיך, ס'וועט די ערד באַלד קראַכן.
דו הערסט געקלאָגן אין ווילדן לאַכן

עס איילט זיך, יאָגט זיך ערגעץ־ווּ
דער טאָג.
ער דרינגט אַריין אין דיינע גלידער.
דו טראָגסט אויף זיך אַ לאַסט, אַ שווערע
וואָג.
דו ווערסט פון טאָג צו טאָג אַלץ מידער,
נאָר עפנסט אינדערפרי די אויגן ווידער.

*) דעם 21טן יוני הייַנטיקס יאָר איז געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס דער באַקאַנטער דיכטער י צ ח ק א ל ח נ ן ר אָ נ ט ש. אַ גרויסער עולם חברים, פרייַנד און פאַרערער האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

י. א. ראַנטש איז געבוירן געוואָרן דעם 4טן סעפּטעמבער, 1899, אין קאָניך, אַ קליין שטעטל נעבן לאָדזש, פּוילן. זיין טאַטע, אַ תלמיד חכם און לערנער, און די מאַמע, די ברויט־געבערין, זיינען ביידע אַוועק פון דער וועלט אין יונגן עלטער. זיינע פיר שוועסטער און משפּחה זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלע־ריסטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

קיין אַמעריקע איז י. א. ראַנטש געקו־מען אַלס 14־יאָריק ייִנגל. די ערשטע יאָרן זיך געמאַטערט, קוים פאַרדינענדיק אויפן שטיקל ברויט; שפּעטער געוואָרן אַ לערער און געלערנט אין די יידישע שולן.

דורך דער צייט אָנגעהויבן שרייבן לידער און קינדער־מעשהלעך און פאַר־עפנטלעכט ראָמאַנען, עסייען און פּובלי־ציסטיק. קיין לאָס אַנדזשעלעס איז י. א. ראַנטש געקומען אין יאָר 1960. אַ לאַנגע צייט געווען מיטאַרבעטער פונעם „איקוף" זשורנאַל און „מאָרגן־פרייהייט".

צום אָנדענק פונעם דיכטער ברענגען מיר איינס פון זיינע לידער.

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

*
**

דעם טויזנט־אויגיקן געפעלט זיך באַווייזן
פלוצים ווען נישט טראַכטסט.
צווישן רויזן אים זעסט שפּריזן;
בינען אין פליען ער באַוואַכט.

אין ווינט נישט דערקענט
שוועבט ער פאַרבאָרגן
און זיין גענאָד צעשענקט
יעדן אָן זאָרגן.

אין מאָרגנרויט ווען די בערג פלאַמען,
כ'באַגריס אים מיט צאַפּלדיקן אָטעם
ווי אַ זון דער מאַמען.
דער יחוס ציט זיך — אַ לאַנגער פאָדעם.

פון געברט בלייבט ער אייגן —
געוואַקסן אין דער היים,
ווי אַ שאָטן אין שווייגן
האָט ער נאָכגעפאָלגט געהיים.

*
**

אין די טיפן כ'וועל פילן דעם טעם
פונעם גראָז אונטער די פיס;
אין קומען צום שטאַם
מ'ווערט פאַרוויסט.

דער שורש וועט דערגרייכן מיין מויל,
און דעם זאַפט אויסזייגן
אין דער טיפער הויל,
און בלייבן אייגן.

מיט באָרוועסע פיס
האָב דיך אַרומגעקרייזט
און געפילט ווי איידל ביסט —
ווער נאָך דערפון ווייסט?

אויף זייטוועגן איין־־אַליינִיק
האָב זיך פאַרהאַלטן —
צו בלייבן איינִיק
ווי דו אין די שטיינער־פאַלדן.

כ'קום מיט מיינע פיינען
און האַלדז די וואָרצלען פון צייט.
אין ווינטיקן געפלאַטער גרייט —
מיינע לידער וועלן דיך באַשיינען.

---

(אריה פּאַזי — סוף פון זייט 52)

דער ענדגילטיקער באַטייט פון גלויבן ווערט פאָרגעשטעלט פון די ערשטע צוויי געבאָטן פון עשרת הדיברות — אַ השגה פון פולקאָמענקייט און אַ התראה קעגן דער פעלשונג פון דער שלימות פון קדושה.

דער געדאַנק טאָר ניט זיין אָפּגעשלאָסן און פאַרזיגלט. ס'דאַרף זיין אָפן פאַר שינויים, פאַר חשבון־הנפש. די געדאַנקען וואָס צעטיילן מענטש היינט, זיינען ניט עיקרדיק אין זייער עצם. להבא וועלן זיי געשיכטלעך אויסזען טריוויאַל. אַלע שטרעבן צו דערגרייכן גליק און סטאַביליטעט. דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם אופן ווי דאָס גליק קען דערגרייכט ווערן און וואָס איז דער עצם פון גליק. דאָס הייסט, דער חילוק ווערט סימבאָליזירט דורך דעם פּראַגמאַטישן געביט ווי צו גרייכן דעם ציל, ניט געאַכט וואָס דורך זייער טעטיקייט פון פּראָפּאַגאַנדע ווערן זיין אויסגעדריקט אין אַבסאָלוטיסטישער און רעטאָרישער פּראַזעאָלאָגיע פון דער פאָרשטעלונג פון קדושה. אָבער נאָר קדושה איז מענטשלעכע ענדגילטיקע שטרעבונג; דער וועג צו דערגרייכן עס טאָר ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געץ.

***

וואָס בין איך מער ווי אַ שאָטן אויפגעגאַנגען פון תהום,
ווי גוף איינגעהילט אין אַ הויט
וואָס פאַרטיידיקט זיך פון אינזעקטן, ווי אַ בוים
געוואַקסן אין צוים וואָס קומט אויף און בליט.

מען פילט ווי ער זיך בייט
אויפן שויס פון אייביקער נאַקעטקייט,
ווי אַ שטערנשפּיל אין דער ווייט
קומט אויף און פאַרגייט.

אין פרייד און טרויער,
ווען דער טאָג טאָגט נישט
און די נאַכט אייביקט אין דויער
מיט מיראַזשן פאַרווישט —

פאַראייביקט צום שטערנשפּיל,
צווישן קלאַנג און ליכט
געטריי איך פיל
די שטערן אין שפּיל.

**דוד אַפּאַלאָוו / ניו־יאָרק**

## צוויי לידער

### פרימאָרגן

פרימאָרגן שעה,
ביזט ווידער דאָ.
דו מאָלסט מיין חלום
אין הימל בלאָ,
די וואָר פאַרלאָזט מיך
מיטאַמאָל,
איך ווער באַלד איינס
מיט באַרג און טאָל,
מיט פאַסטעכס
שפּילעוודיקן פייפל,
מיט ראָזע וואָלקנדלעך
אַ הייפל.

### ווו איך גיי...

ווו איך גיי הער איך
הימלשע קלאַנגען,
מלאך גבריאלס
גאָלדענע פליט.
אָנשטאָט דעמערונג,
זע איך מאָרגנרויט.
דאָס אַלטעגלעכע
ווי אַ קוימענס רויך
פאַרגייט.

שמואל ווייס

# „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!“...

מיט אַט דעם נאַציאָנאַלן הימן און מיט נאַציאָנאַלע אַמביציעס צו באַהערשן די וועלט, האָט די דייטשע אַרמיי אין משך פון צוויי וועלט־מלחמות אין אונדזער יאָרהונדערט געטרעמפּלט איבער שטעט און דערפער פון אייראָפּע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך מיליאָנען דערהרגעטע מענטשן און נאָך מער מיליאָנען קאַליקעס, און האַלב־אויסגעלאָשענע לעבנס.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די וועלט געציילט צען מיליאָן טויטע. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה שאַצט מען איבער 45 מיליאָן אומגעקומענע.

לענדער וואָס די דייטשע אַרמיי האָט אָקופּירט צווישן 1939 און 1945, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאָרד־פאַבריקן. פרידלעכע מענער און פרויען זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פאַרהאַמערטע איזנוואַגאָנעס קיין דייטשלאַנד צו פאַרנעמען די אַרבעטס־פּלעצער פון מאָביליזירטע זעלנער, און מיליאָנען זיינען געשיקט געוואָרן אין ספּעציעל צוגעגרייטע אויוונס פאַרברענט צו ווערן אויף אַש.

איבער אַ מיליאָן יידישע קינדער, צאַרטע נפשלעך וואָס האָבן קוים באַוויזן צו לעבן, האָט מען אַוועקגעריסן פון זייערע מאַמעס און געוואָרפן אין פייער.

דייטשע אינזשינערן האָבן דערפונדן אויוונס ווו מ׳קען פאַרברענען מענטשן אין וואָס ווייניקער צייט, און די מאָרדמאַשין האָט געאַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער — אַזוי פיל קערפּערס אין אַ מינוט. אַ באַזונדערס פּיפּיקע דייטשער טעכניקער האָט אויסגעפונען אַ סיסטעם צו פאַרברענען מענטשן אין טראַנזיט, כדי צו שפּאָרן צייט. מ׳האָט אָנגעלאָדן לעבעדיקע מענטשן און אַרויסגעוואָרן זייערע טויטע קערפּערס אין משך פון דער „רייזע“.

אַ ספּעציעלע מיליטער־אָפּטיילונג האָט זיך פאַרנומען מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויסגעשולטע דייטשע זעלנער האָבן „געאַרבעט“ צו פאַרפּייניקן די אומגליקלעכע, אומשולדיקע מענער און פרויען דורך הונגער, קראַנקייטן און טויט־מאַרשן טאָג און נאַכט. ווער ס׳איז אַוועקגעפאַלן, אויסגעשעפּט פון כוח, איז צעטראָטן געוואָרן ווי אַ וואָרעם און ווער ס׳האָט באַוויזן איבערצולעבן דעם לאַגער־רעזשים איז שפּעטער פאַרברענט געוואָרן.

צענדליקער טויזנטער דייטשן זיינען געווען „באַשעפטיקט“ ביי אָט דער טראַגישער מלאכה און זייערע קרובים אין דער היים האָבן געוווסט וואָס מען טוט אין די לאַגערן און זיי האָבן געשוויגן. ס׳איז געווען אַ פּאַטריאָטישע פליכט צו שווייגן.

מר. ראָנאַלד רעיגען, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט געזאָגט אַז „גאָט האָט שוין מוחל געווען דעם דייטשן פאָלק זיינע זינד, דאַרף אויך אַמעריקע פאַרגעבן.“ אָבער מיר ווייסן פון אַן אַלטן כלל, אַז ווען גאָט מישט זיך אַריין אין פּאָליטיק קומט ער תמיד אויס אויף דער אומיושרדיקער זייט. אָבער ס׳איז דאָך ניט שייך צו פירן אַ וויכוח מיט דעם פּרעזידענט אין זיין איצטיקן קראַנקן צושטאַנד, ווינטשן מיר אים אַ רפואה שלימה. נאָר מיר ראַטן אים זיך ניט צו פאַרלאָזן אויף גאָט, נאָר בעסער פאָלגן זיינע דאָקטוירים. זיי האָבן דערפאַרונג צו קורירן אַזאַ קראַנקייט וואָס גאָט האָט געוויס ניט דערפונדן.

בנוגע פאַרגעבן דייטשלאַנד איז פאַר אונדז מער מאָסגעבנדיק דער פּראָטעסט־שטורעם וואָס פּרעזידענט רעיגענס נסיעה קיין ביטבורג צו לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף די קברים פון געפאַלענע דייטשע סאָלדאַטן האָט אַרויסגערופן. עס האָבן פּראָטעסטירט ניט בלויז די וועטעראַנען פון דער לעצטער מלחמה מיט דייטשלאַנד, נאָר אויך דער קאָנגרעס, דער סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז און מיט גרויס ווירדע — די יידישע געמיינדע, אַחוץ די צאָלרייכע טעלעגראַמעס און פּראָטעסט־רופן פון אָנגעזעענע מענטשן

וואָס דער פּרעזידענט האָט געהאַלטן פאַר נייטיק ניט צו פאַרעפנטלעכן.

באַזונדערס צו באַגריסן איז די איינייקייט פון דער אָרגאַניזירטער פּאַרטרעטערשאַפט פון די קרוב צו 6 מיליאָן יידן אין אַמעריקע און איר ענערגישער פּראָטעסט קעגן די באַמיונגען פון דעם פּרעזידענט צו פאַרברידערן זיך מיט דייטשלאַנד.

דייטשלאַנד האָט באַטראַכט איר אַרמיי פאַר אומבאַזיגבאַר אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזוי אויך אין דעם צווייטן וועלט־קריג. די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען, אַז אינערלעכע שונאים האָבן „דערלאַנגט איר אַרמיי מיט אַ מעסער אין רוקן" און ווי אינערלעכע שונאים זיינען שטענדיק באַטראַכט געוואָרן ניט־דייטשן. קינדער אין שולן האָט מען קיינמאָל ניט דערציילט אַז קייזער ווילהעלם האָט געמוזט גנבענען די גרענעץ פון האָלאַנד צו ראַטעווען זיין לעבן. דאָס פּאַסט ניט פאַר דער העלדישקייט פון אַ יורש פון דער האָהענצאָלערן דינאַסטיע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה וועט דייטשלאַנד מן־הסתם אויסטראַכטן אַנדערע מעשיות פאַר היטלערס דורכפאַל. דאָס דייטשע פאָלק מוז באַטראַכטן איר אַרמיי פאַר אומבאַזיגבאַר, לויט איר נאַציאָנאַלן הימן און לויט אירע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען: דויטשלאַנד איבער אַללעס . . .

אין דייטשלאַנד וועט קיין פּאַטריאָטישער בירגער ניט אויסלאַכן דעם באַזיגטן „פירער" ווי עס טוען איטאַליענער מיט זייער בעניטאָ מוסאָליני — אַ געטרייער שותף פון אַדאָלף היטלער. כאָטש היטלער איז געווען אַ מער קאָמישע פיגור. דאָס דייטשע פאָלק וועט ניט דולדן אַז זיינע נאַצי־רוצחים זאָלן געמשפּט און באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע פאַרברעכנס.

אָט איז דער ענין יאָזעף מענגעלע. די דייטשע רעגירונג אין באָן האָט אַלע מאָל געוווּסט וווּ מענגעלע באַהאַלט זיך. די משפּחה זיינע האָט געפירט געשעפטן אין דייטשלאַנד און געשיקט געלט דורך זיין זון אים אויסצוהאַלטן. דער זון, ראָלף מענגעלע, איז פּלוצים קאַפּויער געקומען נאָך דער ערשטער ידיעה וועגן זיין טאַטנס טויט אין בראַזיל. און מענגעלע איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיליאָנען לעבנס וועלכע ער האָט געשיקט, מיט אַ וויי פון זיין רוצחישן שטעקעלע, צום טויט. און ער האָט מיט זיינע הענט געמאָרדעט מענטשן פאַר זיינע כלומרשט „וויסנשאַפטלעכע" עקספּערימענטן. אָבער עס זיינען היינט פאַראַן טויזנטער אָנהענגער זיינע אין דייטשלאַנד וועלכע באַטראַכטן מענגעלעס עקספּערימענטן פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען צו שאַפן דעם ראַסן־ריינעם דייטש. קען מען היינט פאַרגעבן די זינד פון דעם דאָזיקן מלאך־המוות פון מיליאָנען מענטשן?

אין דייטשלאַנד לעבן הײַנט אָט די באַרבאַרישע רוצחים אויף פּענסיעס פון דער מלוכה. ס'זיינען פאַראַן גענויע רעקאָרדס וואָס יעדער דייטשער זעלנער האָט געטאָן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פּוילן און אין רוסלאַנד. די דייטשן האָבן אפילו זייער מאָרד־פאַבריק געפירט מיט טאָלק, געשעפטמעסיק. מיר איז אויסגעקומען צו זען ליסטעס פון די פאַרברענטע קרבנות. זייערע נעמען זיינען גענוי פאַרשריבן — זייערע געבורט־דאַטעס, ווען געקומען אין לאַגער, פון וועלכער שטאָט און ווען ליקווידירט. די אויסגעברענטע נומערן אויף די אָרעמס פון די אומגליקלעכע זיינען געמאַכט מיט אַ סדר.

די גאַנצע וועלט ווייסט וואָס די דייטשן האָבן געטאָן אין לידיצע, טשעכאָסלאָוואַקיע: פאַר דעם מאָרד פון איין דייטשן זעלנער האָט די איינזאַץ־קאָמאַנדע אונטער היינריך הימלער, אויסגעקוילעט די גאַנצע באַפעלקערונג — מענער, פרויען און קינדער פון דעם דאָרף. קאָפּיעס פון אָט דעם פּאָגראָם זיינען צירלעך־מאַנירלעך אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין די אָקופּירטע געביטן ווי אַ וואָרנונג צו דער באַפעלקערונג. אַ דייטשער זעלנער האָט געזאָלט זיין אומבאַרירבאַר. היינט זיינען צענדליקער טויזנטער פון אָט די אויסגעדינטע סאָלדאַטן געזעצלעך באַשיצט פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין באָן.

די מלוכה אין מיירב־דייטשלאַנד האָט זייער ווייניק פון די אָפיצירן און זעלנער געבראַכט צו אַ משפּט און די וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אין געריכט זיינען

זעלטן פארמשפט געווארן. ביזן היינטיקן טאג וועט קיין שום פאטריאטישער דייטש ניט אויפטרעטן עלס עדות אין געריכט קעגן א שולדיקן „קאמעראד“ אין דער דייטשער ארמיי.

מיט דעם קאנצלער פון אט דער מלוכה האט פרעזידענט רעיגען געלייגט א קראנץ בלומען אויף דעם בית־הקברות אין ביטבורג — א שאנד־בילד ניט צו פארגעסן.

די האנדלונג פון דעם פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן אנטשפרעכט לייַדער דער פאליטיק פון סטייט־דעפארטמענט און ווערט נאכגעפאלגט מיט דער כאראקטעריסטישער עקשנות פונעם „ווייסן הויז“ אויך ביי שפעטערדיקע געלעגנהייטן. צום באדויערן האט דער יידישער ישוב אין אמעריקע ניט קיין עפעקטיווע פארטרעטערשאפט און אויך ניט דעם געהעריקן איינפלוס צו פארמיידן אזעלכע שאנד־אקטן ווי עס איז געווען ביטבורג.

* * * * *

פאראן א יידישער לאיער פון בעווערלי הילס, קאליפארניע, וואס הייסט דר. מארשאל ברעגער, איז ער אין „ווייסן הויז“ דער ספעציאליסט איבער יידישע ענינים. אויב מיר מאכן נישט קיין טעות איז א מענטש מיט אט דעם נאמען אמאל אויפגעטראטן ווי א פארשטייער פונעם „קאנסיל אוו דזשודאיזם“ צו פארטרעטן יידישע אינטערעסן. דער־א „קאונסיל“ באשטייט פון אמעריקאנער „פון משה רבינו'ס גלויבן“ — אן ארגאניזאציע פון אסימילירטע יידן וואס האט א יחוסדיקן אנזען אין די רעגירונגס־קרייזן אין אמעריקע. אט־די ארגאניזאציע איז באקאנט צו האבן א נעגאטיווע באציונג צו דעם ארגאניזירטן יידישן לעבן פונעם ישוב. אין סיכסוכים צווישן דער ארטאדאקסישער און סעקולערער יידישקייט אין דער „קאונסיל“ „פארעווע“.

מר. מארשאל ברעגער האט ניט קיין שום פארבינדונג מיט וועלכער ס'איז יידישער ארגאניזאציע אין די פאראייניקטע שטאטן. דאס שיינט צו זיין זיין הויפט מעלה אין זיין אמט. אין אן אינטערוויו מיט א פארשטייער פון „דזשואיש מעסענדזשער“ אין לאס אנדזשעלעס האט ער אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף וועלכער ס'איז פראגע וועגן זיין שטעלונג צו יידישע צייט־פראבלעמען אין אמעריקע און איבער דער וועלט. ענינים פון דער יידישער מדינה האט מען אינגאנצן אויסגעמיטן צו בארירן. אבער אויף איין פראגע האט מר. ברעגער יא געגעבן א זייער כאראקטעריסטישן ענטפער: דער קארעספאנדענט האט אים געפרעגט: „ווי פילט איר זיך צו זיין א פארטרויונגס־מענטש פון אן אדמיניסטראציע, וואס איז באקאנט מיט אירע נאענטע פארבינדונגען מיט די רעכטע פון דער קירכע?“ האט ער פראסט־פשוט געענטפערט: דאס גייט מיך גאר ניט אן („דהעט דאזנט באדער מי“)... אט דער ענטפער גיט שוין א באגריף וואס פאר א סארט ייד דער דאזיקער מא־שאל ברעגער איז.

לאס אנדזשעלעס איז היינט א ישוב פון איבער א האלבן מיליאן יידן, מיט צוויי יידישע חורבן־מוזייען, דריי יידיש־ענגלישע וואכן־בלעטער, א קהילה וואס האט לעצטן יאר געזאמלט קרוב צו פערציק מיליאן דאלער פאר ישראל און לאקאלע יידישע נויטן, מיט א נעץ פון יידישע שולן און קאנגרעגאציעס, צוויי יידישע אוניווערסיטעטן און הונדערטער יידישע לאיערס און, מן־הסתם מיט רייכע יידישע קלובן פון דער רעפובליקאנער פארטיי. איז ניט געווען מעגלעך צו האבן א מער רעפרעזענטאטיווע יידישע פיגור אין „ווייסן הויז“? לאמיר לאזן דעם ענטפער צו דער יידישער געזעלשאפט אין אמעריקע.

# שרייבערס און ביכער

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

## קאַדיע מאַלאַדאָווסקי־די פּאָעטעסע און עסייאיסטין

### (צו איר צענטן יאָרצייט)

צו דעם צענטן יאָרצייט פון קאַדיע מאַלאַדאָווסקי האָב איך געפילט אַ באַדערפעניש מעיין צו זיין אין אירע לידער, ספּעציעל די לעצטע צוויי ביכער: „דער מלך דוד אַליין איז געבליבן“, און „ליכט פון דאָרנבוים“, וואָס האָבן נאָך זייער דערשיינען מיך שטאַרק באַאיינדרוקט; און נישט געקוקט אויף די עטלעכע דעקאַדעס וואָס זיינען זינט דעמאָלט פאַרביי, בין איך ווידער געוואָרן געפאַנגען אין נעץ פון אירע וווּנדערלעכע פערזן — פערזן וואָס מאַכן אויף אייך אַ רושם מיט זייער מוזיקאַלישקייט, מיט זייער פשטותדיקייט, אָריגינאַליטעט, שיינקייט און חכמה. אויך אירע עסייען צייכענען זיך אויס מיט טיפזיניקייט, און גייסטרייכקייט, און פּיקחות. איך פלעג זיי לייענען מיט גרויס אינטערעס אין דער צייטשריפט „סביבה“, וואָס זי פלעגט רעדאַקטירן, און וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ליטעראַרישן ניוואָ, און האָט זיך געקענט פאַרגלייכן צו אהרן צייטלינס "גלאָבוס", וואָס איז דערשינען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אין וואַרשע.

לאָמיר פאַרצייכענען עטלעכע דאַטעס אין קאַדיעס ביאָגראַפיע. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1894, אין שטעטל בערעזאַקאַרטוסקאַ, פּוילן. בשמך די יאָרן 1913-1915 האָט זי זיך געלערנט אין וואַרשעווער העברעישן לערער־סעמינאַר. אין 1921 האָט זי חתונה געהאַט מיטן שריפטשטעלער־פאַרשער שמחה לעוו. זי איז במשך אַ ריי יאָרן געווען אַ לערערין אין די וואַרשעווער יידיש־וועלטלעכע שולן. אין 1935 איז זי געקומען מיט איר מאַן קיין ניו־יאָרק, ווו זי איז פאַר אַ צייט געווען אַ לערערין אין אַ שלום־עליכם פאָלקשול.

איר ערשט בוך לידער: „חשוונדיקע נעכט“ (דערשינען אין 1927) האָט זי גלייך אַרויסגערוקט אויבן־אָן אין דער יידישער פּאָעזיע. שפּעטער זיינען אַרויס אירע קינדער־לידער וואָס האָבן זי פּאָפּולער און באַליבט געמאַכט ביי די תלמידים אין די יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַלע תפוצות, און אין העברעישער איבערזעצונג אויך אין מדינת ישראל. יידישע קינדער אין אַמעריקע, וואָס האָבן נאָך ביז די פופציקער יאָרן פאַרשטאַנען יידיש פלעגן אויף זייערע שול־קאָנצערטן און יום־טוב פייערונגען דעקלאַמירן אירע לידער מיט גרויס הנאה און פרייד. זי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 21טן מערץ, 1975.

אין אירע ערשטע לידער האָט די דיכטערין פאַר אונדז געמאָלן די שטיפערישע אַלקעס, איסרס און פאַנטלס; די רעבעלישע פרייזדקעס פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט זיינען צווישן אירע העלדינס. שפּעטער, ווען זי באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק מאָלט זי פאַר אונדז, אין ריטמיש־קלאַנגיקע פערזן — אין דער לעגענדערער פּאָעמע „בראָנזוויל“ — די טאָגטעגלעכקייט, דעם שבת און יום־טוב, דעם ריס צווישן דורות, דעם גראָטעסק און טראַגיק פון אימיגראַנטישן יידישן לעבן אין אַמעריקע:

„עס קלאַפּן האַקמעסערס אַן אַלטן,
אַלטן ניגון
פון בערדיטשעוו, פון בערעזנע, פון
דערמיר,
און ס'זינגט די ראַדיאָ: 'אָ קום שוין
מיין זיס לעבן,
דיין טרייע ציפּעלע וואַרט אויף דיר.'

די קאַרטן-טישלעך שטייען יום-טובדיק
און הייליק,
מען צינדט שוין ליכט, די דילן
אויסגעוועקסט,
די ליפּן צוגעפּאַרבט, און בראַנזוויל
פֿינקלט,
און מלכּה שבת קומט אין סאַמעטענע
סלעקס.

'אַ, לכה דודי לקראת כלה'
זינגט אַ זקן מיט אַ טרויעריקער באָרד;
'פֿאַרגיב, מײַנע קינדער זײַנען שבת
מחלל,
און ס'ליגט דער טרויער איבער אַלע
וועלטן גאָר'.״

במשך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז קאַדיע, ווי יעדער סענסיטיווער ייִד, טיף פֿאַרוווּנדעט געוואָרן פֿון דעם גרויל און חורבן וואָס איז דאָרט פֿאָרגעקומען, און אירע לידער לייענען זיך ווי קינות. ווען דער קאַטאַקליזם איז אַריבער, און דער וויטיק האָט זיך אַביסל אײַנגעשטילט מאַכט זי אַ דיכטערישן חשבון-הנפש אין אירע וווּנדערלעכע לידער-ביכער: „דאָס ליכט פֿון דאָרנבוים" (דערשינען אין 1965), און „דער מלך דוד אַליין איז געבליבן" (דערשינען אין 1946). דאָס האָזיקע בוך עפֿנט די פּאָעטעסע מיט אַ בקשה צום רבש"ע ער זאָל אויסדערווײַלן אַן אַנדער פֿאָלק:

אל חנון,
גיב פּראָסטע בגדים אונדז
פֿון פּאַסטעכער פֿאַר שאָף
פֿון שמידן ביי דעם האַמער
פֿון וועש-וואַשער, פֿון פעל-שינדער
און נאָך איין חסד טו צו אונדז
אל חנון,
נעם צו ביי אונדז די שכינה פֿון גאונות.

זי הערט נישט אויף צו קלאָגן אויף די קינדער „פֿון טוואַרדע גאַס":

ס'איז וואַרעמקייט אַ סך געווען אין די
קאַלטע קלאַסן
ס'איז זון געווען לעם ווינטערדיקער טיר
און כ'וואָלט ניט אָפּגעגעבן אַ שעה פֿון
אייער טומלדיקן שפּאַסן
פֿאַר אַלע גוטסקייטן וואָס שיטן זיך
אויף מיר.

אין איר לעצט בוך: „דאָס ליכט פֿון דאָרנבוים", נאָך אַ לענגערן באַזוך אין ישראל, ווערט זי אויפֿגעהייטערט פֿון אויפֿגייענדיקן ייִדישן לעבן, און ספּעציעל פֿון די חלוצים און פֿון ירושלים. ווען דער וויטיק פֿון דער ייִדישער פֿאַרלענדונג אין אייראָפּע איז אַביסל אײַנגעשטילט, ווערן אירע לידער אינטראָספּעקטיוו, תהילימדיק און קוהלתדיק:

קיין לידער שרייב איך ניט
איך זאָג ווידויים,
די ווערטער שטאַמלען
זיי האָבן נישט קיין אָנלען אויף צו רוען.

די ווערטער זײַנען ווייט פֿון שטאַמלען; פֿאַרקערט: זי דערגרייכט אין די לעצטע לידער אירע העכסטע הייכן; זי באַווייזט אין זיי אַן עלאָקווענץ וואָס זי דריקט אויס אין געשליפֿענע, הכנעהדיקע בקול-דממה-דקה פֿערזן. אין פֿאַרשידענע וואַריאַציעס הערן מיר אַ צענטראַלן מאָטיוו אין איר שאַפֿונג. קאַדיע איז קיינמאָל נישט געווען קיין דיכטערין פֿון קונסט לשם קונסט. זי זאָגט בפירוש אין איר פּאָעטישער קרעדאָ, אַז זי וויל איר ליד „זאָל היילן וווּנדן, און זאָל מתקן זײַן לעבנס פֿאַרווירטע און ניט רעאַליזירטע." זי איז באַוווסטזיניק וועגן דער מערכה פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, און וועגן איר באַגרענעצטן קרײַז לייענערס.

אין רעקאָרדירטן דיאַלאָג מיטן קריטיקער און דיכטער א. טאַבאַטשניק פֿירט זי אונדז אַריין אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון איר שאַפֿונג-פּראָצעס. זי דערקלערט אים אַז פֿאַר איר איז עטיק און עסטעטיק אומצערייסבאַר:

וועט קומען דער פֿרעגער, דער
גערעכטער
און געבן אַ פֿרעג:
וואָס האָסטו מתקן געווען?
וויפֿיל פֿרייד האָסט פֿאַרשאַפֿט
וויפֿיל טרייסט
דעם פֿאַרזאָגטן, דעם טרייסטלאָזן
געבראַכט?

שיינקייט, האַלט די דיכטערין, איז נישט קיין ציל פֿאַר זיך. „אַזוי פֿיל זאַכן אויף דער וועלט", דערקלערט זי, „זײַנען שיין.

העלדישקייט איז שיין, רחמים איז שיין, מיטגעפיל איז שיין, און שיינע האָר זיינען אויך שיין, אָבער זיי זיינען פון דעסטוועגן נישט אַלע פון דעם זעלביקן מין. עסטעטיק האָט אַ סך שיכטן, עס איז אַ געפאַלדעוועטער באַגריף." פּאָעזיע, דערקלערט זי, אַנטשפּאַנט דעם מענטשן. ס'ברענגט אים אַריבער פון אַ קלעם, פון אַ שמאָלן אָרט, ווו ער קען זיך נישט געפינען, צו אַן אויפלייזונג. מ'לייענט ווייניק פּאָעזיע, מיינט זי, ווייל עס פאָדערט געוויסע אויסאיידלונג פון געפיל; אַן אויסאיידלונג פון שפּראַך אַז מען זאָל קענען אַרויסנעמען פון איר, פון דער פּאָעזיע, דאָס וואָס זי ברענגט מיט זיך. דערפאַר לייענט מען זי אַזוי ווייניק ביי אַלע פעלקער, און נאָך ווינציקער ביי יידן, ווייל מיר האָבן נישט קיין געשולטע אינטעליגענץ, וואָס זאָל קענען אויפנעמען פּאָעזיע. זי טראַכט דאָ, באַטירלעך, וועגן אַ יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ.

זי דערציילט טאַבאַטשניקן אַז מ'האָט זי געעהצהט זי זאָל נישט שרייבן קיין קינדער־לידער, ווייל דאָס קען זי אַראָפּפירן פון איר אָריגינאַליטעט, און פּאָעטישן גאַנג. אָבער, זי האָט די עצה נישט אָנגענומען, ווייל ביי איר זיינען פאַראַן אַ סך טרויעריקע לידער, וואָס ביים שרייבן זיי פאַלט זי אַריין אין אַ געדריקטער שטימונג, און זי קען פון דאָרטן נישט אַרויס, ראַטעוועט זי זיך מיט שרייבן אַ קינדער־ליד, וואָס נעמט זי אַריבער אין אַ וועלט וואָס איז ליכטיקער און פריילעכער, און עס ברענגט זי אַריין אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. די קינדער־לידער זיינען פאַר איר אַ מין רעטונגספּלאַץ, ווו זי כאַפּט זיך אַרויף און זי זעט אַ זוניקע און פריילעכע וועלט.

קאַדיע קען זיך אויך „ראַטעווען" מיט שפּילעוודיקע און איראָנישע לידער, ווי, למשל, אין „דאָס ליד לולאַי", אין „מיין גן־עדן", און אַ סך אַנדערע: זי בעט די מלאכים זיי זאָלן זי דורכלאָזן אין קעניגרייך פון גאָט:

אונפשוט מעלדן דעם גרויסן באַשאַפער
אַז אַ נשמה שטייט און וויל ניט ריידן,
זי פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע לאָזשע
אין אַ דאַך־שטיבל פון דעם גן־עדן.

און זי בעט אַ וואַזאָנע, אַ גרינע
פון לולבים, פון סכך, און פון מעך,
און זי בעט אַז דער שכן אַנטקעגן
זאָל ניט זיין פון דעמזעלביקן צעך.

אין אַ וויכוח מיטן דיכטער אהרן לעיעלעס, טענהט קאַדיע אַז אין די ווערק פון אַ יידישן פּאָעט דאַרף מען זוכן דעם יידישן תוכן, די יידישע אידעע, די באַרעכטיקונג פון המשך. לעיעלעס גיט צו אַז ביי אַ יידישן שאַפער דאַרף אין זיין שרייבן זיך פילן דער זאַפט און דער ריח פון די יידיש־געשיכטלעכע וואָרצלען, אָבער ער באַטאָנט אַז די יידישע אידעע — די העכסטע מאָראַל, טיפסטע הומאַנישקייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט צווישן פעלקער און מענטשן דאַרף אַרויספליסן ספּאָנטאַן פון דעם שרייבערס פערזענלעכקייט. דער יידישער שאַפער קען זיך עס נישט שטעלן פאַר אַ ציל, פאַר אַ באַשטעלונג צו זיך אַליין. ביי דעם יידישן קינסטלער, אויב נאָר ער איז אַ פערזענלעכקייט, וועט זיך ממילא אָפּשפּיגלען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, און די יידישע געשיכטע.

אין תוך איז דער חילוק צווישן די צוויי דיכטער בלויז אַן אונטערשייד און ניואַנסן. אויך קאַדיע האַלט נישט פון פרייידיקן, פּראָפּאַגאַנדירן די יידישע אידעע, יידישע מאָראַל און עטיק אין דער יידישער פּאָעזיע. אָבער, זי האַלט פאַר בייטיק צו באַטאָנען, אין אירע עסייען, דעם נאַציאָנאַלן באַדייט פון דער יידישער פּאָעזיע:

„אַ ליד איז אַ סך־הכל פון יידישן געפיל, פון מחשבה, פון אָנונגען נאָך נישט אויסגעשטאַלטיקטע, און דאָס דערגרונטעווען זיך צום מקור, צו די יידישע הויפּט־יסודות איז דער וועג פון דער יידישער פּאָעזיע פון אַלע דורות, צי זי איז אויף העברעיש, צי זי איז אויף יידיש. די שכינה וואָס האָט געוואַנדערט מיט די יידן אין גלות האָט זיכער געהאַט פליגל איבער דער יידישער פּאָעזיע אַמאָל און היינט. ווען איך לייען וואָס איז דאָ אין דעם קינסטלערישע דערגרייכונג, פיל איך די יידישע נשמה אין דעם. עס איז אָנגעזאַפּט מיט יידישער געשיכטלעכקייט עמאָציאָנעל — אַמאָל אין דעם מינדסטן אויס־

דרוק. ווען איך לייען אַ יידיש ליד אין דער איבערזעצונג פיל איך ווי די נשמה צאַפּלט זיך אין דעם, און קען זיך נישט אַ־ויסצאַפּלען.״

איר ליד: „אין מיין מדבר וואַקסט אַ זאַנג״, פאַרמאָגט תהילימדיקע אימאַזשן וואָס ווערן פון איר אינדיווידואַליזירט; אין אירע לידער קרייצן זיך דורך סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, און יחידישע מאָטיוון, וואָס נאָר אַ דיכטערין, וואָס איז אַחוץ איר גרויסן טאַלאַנט אויך פאַראַנקערט אין ים־התורה קען אויסדריקן. און וויפיל זי זאָל זיך נישט בעטן ביים כביכול ער זאָל אויסדערוויילן אַן אַנדער פאָלק, קען זי זיך נישט באַפרייען פון דער שליחות מתקן צו זיין די וועלט און דעם מענטש:

מיט פאַרשטעלטע אויגן, און פאַרמעקטן נאָמען
אַנטרינען וועסטו נאָך שטילקייט, און נאָך רו
וועט גאָט ז׳יך צייכענען און רופן פון די תהומען:
אין נינווה גיי,
און וואָס איך הייס דיך — טו.
דו וועסט דיין לשון אויסבייטן אויף אַנדערע לשונות

און אויסבריען אין צונג אַן אַנדער שפּראַך
וועט גאָט דיך צייכענען און זאַלבן מיט גאונות,
אין נינווה גיי,
און וואָס איך הייס דיך — מאַך.

וועסטו ביי גאָט זיך בעטן אין געיאָמער:
פאַרוואָס בין איך פון דיין געבאָט דער קרוג?
איך וויל אַן עפּלבוים פאַרפלאַנצן, צי אַ תמר
צי איז דאָס נישט גענוג פאַר יונהן
פאַר גאָר דיין באַשאַף איז דאָס גענוג.

און ס׳ענטפערט דיר אַ שטים פון שטורעם:
פאַרגעס דיין עפּלבוים, דיין הויז און רינד,
ביסט אויסדערווילט פאַר רחמים און יסורים,
אין נינווה גיי,
און לייטער זיי פון זינד.

* * * * *

אין קומענדן נומער „חשבון״ וועלן מיר דרוקן אַן עסיי פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס עזבון, צוגעשיקט דורך ש. גוטמאַן. — רעד.


## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

**שיע טענענבוים** / ניו־יאָרק

# קריטיק און ליב

## (וועגן זעליק העלער און אַברהם טאַבאַטשניק)

איך געדענק אַ ווינטערדיקן אָוונט אין דער וואַרעמער היים פון דעם דיכטער און באָהעם יאָסל קאָהן. עס איז גראָד געווען אַ חנוכּה־פּייערונג. פון די אָפּגעפּוצטע פענצטער־שויבן זיינען ברייט אָפּגערונען די טראָפּנס פונעם געדיכטן שניי־פאַל וואָס האָבן נעבעך נישט געקענט פאַרטראָגן די היץ פון די אויפגערעגטע שרייבערס וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט, זייענדיק מער אָדער ווייניקער צוגעגרייט צו פאַרטראָגן לענגערע רעדעס פון די שוין שיכורלעכע דיכטערס, דערציילערס און זשורנאַליסטן. יעדער איינער פון די אנטיילנעמערס איז געווען אומגעדולדיק און אָנגעלאָדן מיט אַ רעדע אין די געדערים פון וועלכער מען האָט זיך געוואָלט באַפרייען וואָס גיכער.

די שפּאַנונג האָט דערציילט פון גאַנצע לעבנס פון לידער־שרייבערס וועמענס אָנגעהיצטע נשמות האָבן ממש געפילט אַז אין דעם היינטיקן אָוונט ווערט מיט דער רעדע פון אַ קאָלעגע דעצידירט זיין אייגענער ליטעראַרישער גורל, זיין פּלאַץ אין גן־עדן, בפרט ווען צווישן דעם עולם האָט זיך געפונען דער זייער שטרענגער, אָבער אויך באַדייטנדיקער ליטעראַטור־קריטיקער אַברהם טאַבאַטשניק, פאַר וועמען עס האָבן פאַקטיש בלויז עקזיסטירט אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע די דיכטער פון דער גרופּע "יינגע", וואָס זיינען מיטן גאַנג פון די יאָרן כּמעט אַלע אַלט און קראַנק געוואָרן, און בלויז געציילטע פון זיי האָבן נאָך געלעבט פון זייער גלאָררייכער גרופּע וואָס האָבן באמת געשאַפן מייסטערווערק פון פּאָעזיע, וועמענס לידער עס האָבן אויפגעבליט און אויפגעלויכטן ווי בשעת אַ רייכן זון־אויפגאַנג אין אַ זומערדיקן באַגינען.

דאָס זיינען געווען די פאַרכישופטע דיכטערס וואָס האָבן געלעבט מיט דיכטונג פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט, און אפילו אין זייער שלאָף האָבן זיי געגליט און געפיבערט מיט פּאָעזיע, כאָטש זיי זיינען געווען אָרעם ווי די נאַכט, און אַזעלכע דיכטער ווי ה. לייוויק און משה לייב האַלפּערן האָבן געוווינט צו צוויי אין אַ מאַנסאַרדע (אַ שטיבל ביים דאַך) און נעבן דער מיט גאָלד־שטויב אָפּגעפּאַרבטער לבנה, אין וועלכער די שרייבערס האָבן זייער מוזע, זייער שוועסטער, זייער פריינדין און זייער געליבטע.

אַברהם טאַבאַטשניק האָט זיך דערהויבן צו ווערן דער קעניגלעכער קריטיקער פון דער דאָזיקער פאַנאַטישער גרופּע וואַגאַבונדן און ציגיינער וואָס האָבן אָפּטמאָל נישט געהאַט קיין גאַנצע העמדער אויף זייערע לייבער, אָבער זייערע אָדערן האָבן געשלאָגן מיט פייער פונעם שטילן, ראַפינירטן, געהיימנישפולן און ניואַנסרייכן ליד, וואָס האָט געשיינט אויף זייער פערזענלעכן הימל ווי שיכורע שטערן. אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט האָט אין זיי געשטילט דעם פיזישן הונגער אין אָוונט נאָך אַ גאַנצן טאָג וואַנדערן איבער די גאַסן און פאַרקן און הונגערן נאָך ברויט און אַ שטיקל הערינג מיט אַ רייפטל ציבעלע.

אָבער דער שטאַרקערער הונגער צו גוטער לירישער און געהיימנישפול־פאַרבאָרגענער פּאָעזיע האָט זיי אָן קאָניאַק און שאַמפּאַניער, אָבער פאָרט שיכערערהייט געטראָגן ווי אויף פליגל פון זייד און אַטלעס צו די שטערן...

אַברהם טאַבאַטשניק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ציגיינער און געהאַט קליינטשיקע מאָנגאָל־אויגן, וואָס האָבן שאַרף געפינקלט מיט עפּעס אַ שטרענגן ליכט, וואָס קען פאַרברענען אַ טאַלאַנטלאָזן דיכטער, איז ממש געווען באַרופן פון דער השגחה אָפּצושאַצן זייערע ווערק פאַר דער ליטעראַרישער אייביקייט, כאָטש נישטיקע העברעישע זשורנאַליסטלעך וואָס זיינען נישט דערוואַקסן צו די

קנעכלעך פון אונדזערע יידישע מייסטער פון וואָרט, דערלויבן זיך אָנצורופן יידיש: „די געפּגרטע שפּראַך". יענע וואָס האָבן געפונען חן אין טאַבאַטשניקס אויגן, האָבן שוין די געטער, אַזוי צו זאָגן, אויך ליב געקראָגן. און טראָצדעם וואָס זיי זיינען געווען אָרעמעלייט און שלימזלען אין לעבן, זיינען זיי געווען אָנגעקליידט און אויסגעפּוצט אין דער פּאַרגאַפנדיקער שיינקייט פונעם שוין דערמאָנטן באַשיי־דענעם, געצוימטן און לירישן ליד וואָס איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די געשריי און פּראָטעסט־דעקלאַמאַציעס פון די דעמאָלטדיקע סאָציאַלע דיכטער וואָס האָבן געטומלט וועגן פרייהייט און רעוואָ־לוציע און זיי האָבן געשריבן אויף אַ יידיש וואָס איז געווען סיי דייטשמעריש און סיי בדחניש. זיי האָבן זיך ממש געשעמט צו שרייבן אין דעם היימישן, פשוטן, פאָלק־לאַדיש רייכן יידיש פון זייערע נאָענטע און ליבע היימען פון זייערע עלטערן.

טראָץ דער אָרעמקייט און איינזאַמקייט אין דער היגער גרויער געזעלשאַפט, מיט זייער עסטעטיציזם, מיט די שטילסטע טענער און איידלסטע מאָטיוון; מיט זייער חוש פאַר שיינקייט, מוזיק און נאַטור־לאַנדשאַפט, דערמאָנענדיק אין וואָטאָס אומענדלעכע פּריצישע גערטענער און גע־פאַרבטע וואָלקנס; אָפּשאַצנדיק די מער־ווערטפולע קוואַליפיקאַציעס פונעם בונטן לעבן, איז די דאָזיקע גרופּע דיכטער געווען רייך אינעם גאָלד פון אַ זון־פאַרגאַנג; אין די גאָלדענע רענדלעך וואָס דער ווינט פון דעם אָרעמען און שטייניקן קראָטאָנאַ־פּאַרק האָט זיי צוגעשאָרט מיט די מחנות היימלאָזע און האַרבסטיקע בלעטער, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען שבת נאָכמיטאָג אָדער בשעת די זומערדיקע פאַרנאַכטן ווען די זון שטייט נאָך גאַנץ און גרויס אײַפן הימל, און זיי האָבן זיך קעגנזייטיק פּאַרגעלייענט איינער פאַרן אַנדערן זייע־רע נייע שאַפונגען, ווי בלומען אויפגע־וואַקסענע אויף זייערע שרייב־טישלעך אין מיטן פון דער נאַכט וואָס די לבנה האָט געמאָלן.

די סאָציאַלע דיכטערס פון יענער צייט, בשעת דעם אָנהייב פון דער מאָדערנער קינסטלערישער ליטעראַטור אין אַמערי־קע, האָבן געפילט אַז זייער עפּאָכע האָט זיך געשלאָסן. יעדער איינציקער מיט־גליד פון זייער גרופּע האָט פאַרענדיקט זיינע לעצטע חדשים און יאָרן אין דעם שוידער פון די דעמאָלטדיקע ניו־יאָרקי־שע לעבנס־באַדינגונגען. שטילערהייט, ביי די טישלעך אין די פאַררויכערטע קאַפעטעריעס און רעסטאָראַציעס, האָבן נאָך די אַלטע דיכטערס זיך קעגנזייטיק פאַרגעלייענט זייערע לעצטע הייסע דעק־לאַמאַציעס און זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער געשיכטע...

פון דעסטוועגן וואָלט געווען רעכט צו דערמאָנען, ווען מען שרייבט אַ וואָרט פון קריטיק וועגן די סאָציאַלע דיכטערס, אַז זיי האָבן געשריגן פון ווייטיק ווי גלאַדי־אַטאָרן וואָס ראַנגלען זיך אויף דער ציר־קוס־אַרענע מיט בלוטדורשטיקע און הונ־געריקע חיות. דוד עדעלשטאַט איז גע־ווען אַ סאָרט מאַרטירער און אידעאַליסט פון אַ הויכן גראַד. ער איז געווען ממש פאַרליבט אין דער רעוואָלוציע ווי אין אַ געליבטער... מאָריס ראָזענפעלדס לידער זיינען געווען מעכטיקע געזאַנגען פון אַן אונטערדריקטן קלאַס וואָס האָט געשקלאַפט אין די שוויץ־שעפּער ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען. ער איז געווען סיי אַ סאָציאַלער און סיי אַ יידיש־נאַציאָנאַלער דיכטער. יוסף באָוושאָווער האָט געעפנט אין זיינע לידער און ברייט־פּערזיקע פּאָעמען עלעמענטאַרע נאַטור־לאַנדשאַפטן. זיין שפּראַך איז שוין נאָ־ענט צום פּאָעטיש־ריינעם, יידישלעך־וואַרעמען פאָלקס־לשון פון די שפּעטער־דיקע דיכטערס ווי יהואש, א. ליעסין און ה. רויזענבלאַט. זיין פּאָעטישער פּערז פאַרמאָגט קראַפט און סטיכיע.

יענע סאָציאַלע פּאָעטן זיינען בישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. זייער אמת איז געווען אַ ריינער, אַ רויטער ווי בלוט. ער האָט געשטראָמט פונעם האַרצן. זיי האָבן אויסגעדריקט אַן אונטערדריקטן קלאַס...

ווי וויל אַברהם טאַבאַטשניק האָט אָפּ־געשאַצט די דיכטערס פון דער גרופּע „יינגע", איז ער אָבער פאָרט געווען ממש פאַרליבט בלויז אין איין און איינציקן פּאָעט פון די נייע סאָרט דיכטערס: אין

דעם שלאַנקן, טובקעלן און גרין־אויגיקן פּרינץ פֿון די פּאָעטן, אין מאַני לייבן דעם „געגריוועטן שוסטער־יונג“, וואָס האָט אָבער פֿאַרמאָגט די עלעגאַנץ פֿון אַ געבוירענעם פּרינץ...

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער טיר פֿון יאָסל קאָהנס וווינונג: און ווען דער שוין היפּש־אָנגעשיכורטער און פֿעטלעכער פּאָעט האָט זיך צוגעוואַקלט מיט זיינע מידע און געשוואָלענע פֿיס כּדי אַריינצולאָזן דעם אַביסל פֿאַרשפּעטיקטן גאַסט אין זיין „פּריוואַטער ווײַן־שענק“ אויף וועמענס טישלעך עס זיינען געווען אָנגעשטעלט שווערע פֿלעשער מיט בראָנפֿן, מיט ווײַן־געטראַנקען, מיט לעקעכוואַרג און טאַצן מיט געבאַקענע אַרבעס און אַנדערע דעליקאַטעסן, און געשמאַקע לאַטקעס, האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרשוואַרצטער און דערשלאָגענער אונדזער גאַסט פֿון שיקאַגע, דער פּאָעט זעליק העלער, אַזאַ מין אומגליקלעכער און בייזלעכער פּאַסאַזשיר. ער האָט איצט אַריינגעפֿירט אין דער אָנגעהיצטער אַטמאָספֿערע פֿון ליטעראַטור — לשון־הרע, נישט־פֿאַרגינערײַ און אומצופֿרידנקייט, וואָס איז אַזוי טיפּיש פֿאַרן דיכטער־פֿאָלק בכלל און בפֿרט פֿאַר די אומגעזעטיקטע יידישע דיכטערס, שטיקער הפֿקרדיקן ווינט פֿון דער קאַלטער חנוכּה־נאַכט אין דעם חודש דעצעמבער אויף זיינע ברייטע פּלייצעס. פֿון זיין קאַפּעליוש זיינען געפֿאַלן שטיקלעך פֿייכטער שניי וואָס האָט ממש געוויינט מיט קליינטשיקע געוויינדלעך אין יעדן טראָפּן ערב דעם צעשמאָלצן ווערן אין דער געדיכטער היץ פֿון די ציגאַרן, ציגאַרעטן; פֿון דעם מענטשלעכן שווייס, בראָנפֿן, ווײַן און ליטעראַרישע אַמביציעס, געמישט מיטן אייביקן וויכּוח ווער עס גייט אין דער אמתן מיט זיכערע טריט ווי אַ פֿעלד־מאַרשאַל צו דער אייביקייט פֿון רום און דיכטונג.

זעליק העלער, כאָטש אַ מידער פֿונעם גאַנצענעם טאָג אַרומבלאָנדזשען און נישטערן אין די ניו־יאָרקער בוך־געשעפֿטן אויף דער פֿערטער עוועניו, זוכנדיק זעלטענע מציאות, ווי שילערס דראַמאַטישע ווערק, קלאָפּשטאָקס משיח־פּאָעמע, געטעס שריפֿטן, ווי אויך לעסינגס און הערדערס מאַסיווע בענדער, האָט אויסגעזען צו זיין מיד, אומצופֿרידן און אויפֿגערעגט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דיכטערס, צווישן וועלכע יעדער אַנערקענטער און נישט גענוג אָפּגעשאַצטער שרייבער האָט פֿיינט די אַנדערע גאונים און ער באַטראַכט זיי ווי שונאים. ער האָט איצט עפּעס ווי אומגעלומפּערטערהייט געפּרוּווט אויסטאָן פֿון זיינע רויטע און געשוואָלענע פֿיס די פּאַראַיאָריקע קאַלאָשן.

יאָסל קאָהן, ווי שוין פֿריער געזאָגט, אַ שוין שווער־באַטרונקענער מיט ניינציקער ספּירט און אָנגעפֿילט מיט איבעריקן פֿעטס אין זיין שווערן גוף, ווי דער אוקראַינישער אַטאַמאַן פֿון גאָגאָלס דערציילונגען, טאַראַס בולבאַ, און מיט היפּשע עוולות באַלאָדן וואָס שייך ליטעראַטור אויף זיין אייגענעם חשבון; מיט דערשטיקטע חשבונות מיט זיינע אייגענע ליטעראַרישע קריטיקערס; מיט אַ פּנים וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט שטיקלעך קיט, ווי דאָס געזיכט פֿון אַ קלאָון וואָס צעוויינט און צעלאַכט זיך פּלוצלינג אין מיטן דעם שטורעמדיקן געלעכטער און ענטוזיאַסטישן געשריי פֿונעם פּובליקום אין צירקוס, מערסטנס קינדער, האָט מכלומרשט געפּרוּווט צוצוהעלפֿן דעם אומבאַהאָלפֿענעם פּאָעט זעליק העלער אויסצוטאָן זיינע אומגליקלעכע קאַלאָשן און אַראָפּצונעמען פֿון זיין פֿאַרשוויצטן קאָפּ מיטן ווייסן און טויטלעך־אויסזעענדיקן שאַרבן, דעם קאַפּעליוש.

אין מיטן פֿון דער גאַנצער קאַרניוואַלישער חנוכּה־אַטמאָספֿערע האָט זעליק העלער, אַ באַפֿרייטער פֿון די איבעריקע מלבושים פֿול אָנגעזאַפּטע מיט שניי, רעגן, שווייס און היץ פֿונעם ווײַן טרינקען, מיט כּעס צוגעוואָרפֿן צום שטרענגן קריטיקער טאַבאַטשניק, מיט וועמען ער האָט שוין מסתּמא געהאַט פֿריערדיקע אומהיימלעכע חשבונות:

— וואָס טוט איר דאָ אייגנטלעך צווישן לויטער „גראַפֿאָמאַנען“? איר זענט דאָך דער געשווירענער „קריטיקער־אימפּעראַטאָר“ פֿון די „יונגע“. פֿאַר אייך עקזיסטירט דאָך פּאַקטיש בלויז איין און איינציקער פּאָעט: מאַני לייב! די אַנדערע

יידישע דיכטערס זיינען פאַר אייך בלויז שמעלץ... (אַלט, צעבראָכן און פאַרזשאַווערט אייזנוואַרג). און זיי מעגן אַלע גיין קראַפּירן מיט זייערע משוגענע קעפּ אין „דר׳ערד״ אַריין...

— פריינד זעליק העלער! — האָט טאַבאַטשניק דווקא רויק און „געשייט״ אָנגעהויבן צו רעדן, אָפּדעקנדיק מיט זיין יעדן וואָרט אַלץ מער פון זיין חכמה און זיין מישטיינסגעזאָגטן טאַקט — איר מאַכט אַ גראָבן טעות, זייט מיר מוחל פאַר מיין באַמערקונג. איך לייען אייך שוין דווקא זייער אויפמערקזאַם זיבט לאַנגע יאָרן. איך האָב אפילו לעצטנס געקויפט ביי בידערמאַנען אין בוך־געשעפט אייערע ביידע ערשט־דערשינענע פּאָעטישע בענדער מיט סאָנעטן אין וועלכע איר באַשרייבט, באַלוינט און באַקרוינט, באַזינגענדיק מיט די סאַמע העכסטע לויב־רייד די גרויסע שרייבערס פון דער געשיכטע, און אויך אַ שלל מיט יידישע דיכטערס, אין וועלכע איר האָט אַריינגעטאָן אַ ים מיט כוחות פון אייער ווולקאַניש־הייסן האַרצן, כאָטש לויב, ליבשאַפט און באַוווּנדערונג, ווי איר ווייסט וויל, איז נאָך נישט קיין ליטעראַרישע קריטיק אייערע סאָנעטן זיינען ווי אומענדלעכע טרעפּ אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ וואָס פירן צו די העכסטע הייכן פון די הימלען, אַזש ביז צום כסא־הכבוד פון דער געטלעכקייט אַליין. אָבער גאָט איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, ווייל ער פאַרטראָגט נישט אייערע הויכע רייד און אומענדלעכע שבחים. איר זוכט כסדר איבערצושטייגן אייערע אייגענע שבחים מיט נאָך העכערע און נאָך שטאַרקערע שבחים.

איר פאַרמאָגט טאַקע אַן אַרסענאַל פון שבחים אויף שבחים, וואָס שטייגן זיך איבער איינע די אַנדערע, אַזוי אָן אַ סוף. אָבער מען קען אייערע בערג מיט לויב־רייד בשום אופן נישט פאַרטראָגן. זיי לייגן זיך שווער אויפן געמיט. זיי זיינען מאָנאָטאָנע שטיקער גראַניטענע אַרכיטעקטור. לויב איז אַ געפערלעכע זאַך. אַנאַליז און קריטיק פון אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער איז דער עיקר...

אַברהם טאַבאַטשניק, עס איז געווען גענוג בולט צו זען, האָט זיך אָנגעגורט די לענדן און האָט זיך געגרייט ווייטער צו שטייגן אויף דער לייטער פון שטרענגער קריטיק קעגן זעליק העלערס ביידע מאַסיווע בענדער מיט מאָנאָטאָנער פּאָעזיע ווי שווערע בלאָקן מיט לאַנגווייליקייט. אַזוי האָבן געווינלעך געטראַכט די געסט וואָס האָבן נישט געהאַט געלייענט זעליק העלערס ביידע ביכער און במילא נישט געוווּסט וואָס טאַבאַטשניק האָט ווייטער צוגעגרייט פאַר זיין אָרעמען קרבן... אָבער אין דעם מאָמענט איז דעם שיקאַגער דיכטערס פּנים געוואָרן רויט ווי פייער. ער האָט איצט געמוזט מיט עפּעס אַרויסברעכן כדי זיך צו באַפרייען פון דער ווולקאַנישער לאַווע וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיין געמיט, זיך צוהערנדיק צו די וואָרט־קלעפּ וואָס טאַבאַטשניק האָט אויף אים געשליידערט אין זיין גענעראַל־אַטאַקע, נישט האָבנדיק קיין שום חשק אָפּצולאָזן זיין קרבן. העלער האָט דעריבער ענדלעך אויסגעשריגן:

— הערט שוין אויף, טאַבאַטשניק! טרינקט נישט מער מיין בלוט אַזוי קאַניבאַליש־ווילד ווי אַ צערייצטער טיגער אויף אַ יידישער פאַרזאַמלונג, אין דער עפנטלעכקייט, פאַר אַזוי פיל שרייבערס. איר פאַרשעמט מיך ממש אויף דור־דורות.

נאָך היינט ביינאַכט און ביזן באַגינען וועל איך אויסגיין פון חרפּה. איר פירט מיך צו דער תליה אין דער אָנוועזנקייט פון מיינע פריינד און קאָלעגן, אַלע יידישע שרייבערס. איר זענט אַ ווילדער גזלן, אַ לויז־געלאָזטער טיגער אין דזשאָנגל, וואָס איז הונגעריק נאָך פלייש פון לעבעדיקע צעריסענע גופים און דורשטיק נאָך בלוט וואָס רינט נאָך הייס פון צעפּליקטע אָדערן. יאָ, עס איז צו אייך וואָס קומט טויט־שטראָף פאַר טרינקען מיין בלוט אויף אַזאַ הפקרדיקן שטייגער ווי אַ צעווילדעוועטער פּריץ אין אַ דאָרפישער קרעטשמע זופנדיק קופּליעס מיט שוימענדיקן ביר. איר זענט אַ רוצח!

— האָט אַ טראָפּעלע געדולד, מיין חבר און גרויסער דיכטער, זעליק העלער! — האָט טאַבאַטשניק מיט אַ רויקער שטימע איצט אָנגעהויבן צו רעדן אין אַ גאַנץ נייעם טאָן און נוסח, ווי וועלנדיק פראָסט און פשוט אָפּמינטערן זיינס אַ קאָלעגע,

אַ גאַסט פון שיקאַגאָ וועמענס פרוי איז די גאַנצע צייט פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע געזעסן דערביי ווי אַ פאַרחלשטע — איך זאָג אייך דורך דער גאַנצער צייט דעם ערלעכן אמת, אַזוי העלף מיר גאָט, פון מיין גאַנצן האַרצן. איך בין אַ געטרייער פריינד פון יעדן יידישן דיכטער וואָס שרייבט דיכטונג און בלוטיקט אויף יידיש... איך וויל אייך אָבער אָפּראַטעווען מיט איין באַדייטנדיקן שבח: אייער „שבת"־פּאָעמע איז אַ פּערל. דאָס איז עפּעס אַזאַ אַלטפרענקיש שטיקל גאָלד וואָס וועט בלייבן שטיין אויף דורות אין דער ביבליאָטעק פון דער יידישער ליטעראַטור. איר זענט אין דעם דאָזיקן ווערק וואַרעם, פּשוט, האַרציק, פאָלקסטימלעך, אַלטמאָדיש זיס און פריש ווי אַן אָפּגעבאַקענע און וואַרעמע חלה אויף שבת; ווי די פיש וואָס אַ יידישע באַלעבאָסטע קאָכט אָפּ זיסערהייט לכבוד דער יום־טובדיקער סעודה.

אין דעם דאָזיקן ווערק האָט איר שוין דווקא קיינעם נישט געלויבט. אָבער איר האָט שוין דווקא יאָ געלויבט גאָט און זיין פּראָסט, האַרציקן און האָרעפּאַשנעם יידישן פאָלק. איר האָט ערלעך באַשריבן דאָס באַשיידענע יידישע לעבן אינעם שטעטל, אין אַלע יידישע שטעטלעך.

דער גאַנצער זיסער און גאָלדענער פאָלקלאָר איז אַריין אין אייער פּאָעמע „שבת". דאָס איז שוין דווקא אַ ווערק וואָס קען שטיין אין איין רייע מיט היינריך היינעס מייסטערווערק „די פּרינצעסין שבת". אייער „שבת" איז נאָך שענער און קרעפטיקער. היינעס פּאָעמע איז אַ שטערן וואָס שיינט אויף יעדן שבת אויפן יידישן הימל־פּרוכת. אָבער אייער „שבת", איך זאָג דאָס מיטן גאַנצן האַרצן, איז גאָטס מתנה צום יידישן פאָלק. .זעליק העלער, איך זאָג אייך: דאָס איז דאָס ווערק פון אייער גאַנצן לעבן. איך בין זיכער אַז ווען ביאַליק וואָלט געלעבט, וואָלט ער אייגנס געקומען פון ירושלים כדי אייך צו געבן אַ קוש אין שטערן פאַר דעם דאָזיקן הערלעכן קונסט־אוצר פון דיכטונג — פאַר אייער הויפּט־ווערק „שבת"!

דער שוין מידער עולם איז ממש געהאַט איינגעשלאָפן פון דער פלוצלינגער מתיקות פון טאַבאַטשניקס רייד. עס איז דאָ ערשט פאָרגעקומען אַ טעאַטראַלישע פאָרשטעלונג פון אַ הויכן דראַמאַטישן פאַרנעם, אַזוי האָבן די מערסטע אָנוועזנדיקע מענטשן געפילט. גאָר די רייד פון אַן עולם וואָס איז שוין געווען שטאַרק אויסגעשעפּט, זיינען איצט געווען איבעריק.

דער צעלויכטענער זעליק העלער מיטן צייכן פון טויט אין זיינע ביידע פינצטערע און עפּעס ווי צעלעכערטע אויגן אין וועלכע דער מלאך המות האָט זיך געהאַט איינגעביסן מיט זיינע אייזערנע ציין, און וואָס האָבן קלאָר אָנגעזאָגט זיין נאָענטן סוף, איז אויפגעשטאַנען, אַרומגעהאַלדזט טאַבאַטשניקן דעם „אַכזר", און ביידע שפּעטער האָבן זיך צעקושט ווי צוויי מלאכים וואָס טרעפן זיך בשעת אַ שטורעמווינט ערגעץ־ווו אין אַ ווילדן געשוועב צווישן צעפליקטע שטיקער וואָלקנס און שניי־פלאַכטעס, האָבנדיק אַנטלאָפן פון אַ דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט טאַבאַטשניק מיט דער אַטאַקע אויף העלערס עטלעכע הונדערט סאָנעטן אין דעם ערשטן מאַסיוון באַנד שיער געהאַט דערהרגעט דעם שיקאַגער דיכטער, ווי עס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען. אָבער מיט דער לויב־סאַמפּאַניע פון זיין „שבת"־פּאָעמע אינעם אַנדערן באַנד, האָט ער אים צוריק אָפּגעמינטערט, אים פּשוט אָפּגעראַטעוועט און מחיה מתים געווען פיזיש אויף בלויז אַ קורצער צייט, און ער האָט ממש פאַר זיך אַליין דערוואָרבן אַ גאָלדענע שטול אין גן־עדן צווישן די אָבות און מלכים מיט ריזן־קרוינען אויף זייערע אַלטע און גרייז־גרויע קעפּ...

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# טראַגעדיעס — אַ שטאָף פאַר אַ גרויסן קינסטלערישן ראָמאַן

(וועגן צוויי ליבעס אין לעבן פון אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין)

סאָלזשעניצינס ווערק זענען געוואָרן וועלט־באַרימט. אויך זיין לעבן איז גוט באַקאַנט אין אַלגעמיינע שטריכן. איצט איז אין דער אויסלענדישער פרעסע געשילדערט פרטים פון זיינע צוויי גרויסע ליבעס, וואָס באַגלייטן זיין לעבן און שאַפן.

מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק (1936) איז ער געווען אַ סטודענט אין אוניווערסיטעט פון ראָסטאָוו און דורך זיינס אַ פריינד זיך באַקאַנט מיט אַ סטודענטין פון כעמיע, נאַטאַליאַ רעשעטאָווסקאַיאַ. ביידע זענען דאַן אַלט געווען צו 17 יאָר און דער יונגער אַלעקסאַנדער האָט זיך גלייך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין נאַטאַליען. מיט אַ דריי יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט איר, אַ נישט געוויינטלעכע שיינהייט, מיט אַ פולער רוסישער פיגור, און רויטלעך ברוינע האָר, וואָס האָבן באַצירט אירע עפּל־באַקן.

געלעבט האָט זי מיט אַ מוטער און דריי אומפאַרהייראַטע מומעס, אין אַ שיינעם טייל פון שטאָט, געשפּילט פּיאַנאָ און פאַרהעלטנישמעסיק פאַר יענע צייטן מיט געשמאַק זיך געקליידט, מחמת די מוטער און מומעס האָבן פאַר איר געמאַכט די קליידער.

פאַר סאָלזשעניצין, וואָס האָט דאַן געלעבט מיט זיין מאַמען אין טיפער אָרעמקייט, אין אַ כמו־כאַטע הינטער דער הויפּט־טורמע, האָט נאַטאַליע פערזאָניפיצירט גרויס חן און אַ פיינע היים. ער איז דאַן געווען אַן אַקטיוויסט אין קאָמסאָמאָל און איינצייטיק זיך גוט געלערנט. בעת ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער קאָמסאָמאָל־צייטונג, האָט ער זי פאַרוואַנדלט אין אַ גאָר פּאָפּולערער אויסגאַבע, וואָס האָט אויסגעפילט אירע שפּאַלטן נישט נאָר מיט קאָמוניסטטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך מיט אונטערהאַלטנג.

ווי אַ באַלוינונג פאַר זיין אַקטיוויטעט האָט ער באַקומען אַ סטאַלין סטיפּענדיע אין זיין לעצטן יאָר. דאָס האָט שטאַרק פאַרבעסערט זיין עקאָנאָמישן מצב און מסתמא האָט עס באַווירקט נאַטאַליען, נאָך דריי יאָר וואַקלעניש, זיך צו פאַרבינדן מיט אים. די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַפּריל, 1940, ווען זיי האָבן זיך רעגיסטרירט אין ביוראָ און נאָך דעם צוריקגעגאַנגען צו זייערע באַזונדערע הימען, מחמת זיין סטיפּענדיע האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן ערשט אין סעפּטעמבער.

פּיקאַנט איז דער צושריפט צו זיינס אַ פאָטאָ פאַר איר דאַן, ווו ער זאָגט: „וועסטו אין אַלע באַדינגונגען ליבן דעם מאַן מיט וועמען האָסט דיין לעבן פאַרבונדן אַמאָל?“

בעת דער דייטשער אינוואַזיע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זיי ביידע געאַרבעט אַלס לערערס אין אַ קאָזאַקישן דאָרף וויַיט פון ראָסטאָוו. סאָלזשעניצין האָט גלייך וואָלונטירט אין דער אַרמיי, געדינט אין דער אַרטילעריע, זיך באַטייליקט אין די גרויסע שלאַכטן ביי קורסק, וואָס זענען געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין קריג (זומער, 1943), און סאָלזשעניצין איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם „מעדאַל פון דעם פאָטערלענדישן קריג.“

אין 1944 האָבן זיי זיך געטראָפן אין אוקראַינע. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין זיין באַטאַליאָן און אין אַ פרייער צייט האָט ער פאַר איר פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיינס אַ ראָמאַן וואָס ער האָט אָנגעהויבן וועגן זיין לעבן אין דער אַרמיי (האָט עס קיינמאָל נישט פאַרענדיקט); אויך זיינע דערציילונגען, וואָס זי האָט קאָפּירט. זי האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן די אַרמיי־דיסציפּלין, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר זינלאָז (למשל, סאַלוטירן בעת איר מאַן איז אַריין, וואָס זי

האָט זיך אָפגעזאָגט). זי איז אַוועק און זיי האָבן זיך געטראָפן ערשט אין אַ צייט שפעטער שוין גאָר ביי אַנדערע באַדינגונגען, אין אַ וואַרטצימער פון אַ טורמע.

ווי באַוווּסט איז סאָלזשעניצין, וואָס איז דערגאַנגען מיט זיין איינהייט, איבער אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, פוילן, ביז מזרח פרייסן, מיט דער ראַנגע פון אַ קאַפיטאַן, אַרעסטירט געוואָרן נעבן קעניגסבערג, אין יאַנואַר, 1945, דורך סאָוועטישן קאָנטר־שפיאָנאַזש און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע, ווו ער איז פאַרמשפט געוואָרן אויף 8 יאָר טורמע און גולאַג־לאַגערן פאַר אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט. זיין „חטא" איז געווען אַן אונטערגעכאַפטער בריוו צו אַ קאָלעגע אויפן פראָנט (ניקאָליי וויטקעוויטש), וועגן סטאַלינס פאָליטיק.

זיי האָבן צווישן זיך שוין געהאַט פריער סיכסוכים אַרום זייער פאַרהייראַט לעבן. זי האָט געוואָלט אַ קאָנווענציאָנעלן פאַמיליען־לעבן מיט קינדער, און ער האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן. איר טרעפן זיך מיט אים אין 1945 איז פאָרגעקומען אין אַ קאָנסטרוקציע־לאַגער, ווו ער האָט שוין געאַרבעט אַלס סטאָליער נאָכן דורכמאַכן דעם „אוניווערסיטעט" פון מאָסקווער לוביאַנקער טורמע. עס איז איר אָנגעקומען מיט געהאַקטע צרות ביז זי האָט געקענט פון ראָסטאָוו קומען קיין מאָסקווע אים זען.

געשען איז עס ווען זי איז טראַנספערירט געוואָרן פון ראָסטאָווער אוניווערסיטעט צום מאָסקווער, ווו זי האָט ממשיך געווען איר העכערן קורס פון כעמיע, און געוווינט מיט קרובים. ער האָט איר געזאָגט אַז זי איז פריי אים צו גטן, אויב זי וויל. זי האָט עס נישט אָנגענומען און צוגעזאָגט צו וואַרטן ביז ער וועט פאַרענדיקן זיין אַכט־יאָריקן אורטייל און דאַן וועט זי פאָרן אַהין, ווו מען וועט אים פאַרשיקן.

אין 1949, בעת דעם קולמינאַציע־פונקט פון סטאַלינס נאָך־מילחמהדיקער פאַראַנאָישער מטורפדיקייט, איז דער טעראָר אין לאַנד דערפירט געוואָרן צו אַזאַ מוראדיקער שרעק, אַז אַלץ איז איינגעהילט געוואָרן אין סודותדיקייט, בפרט אין וויסנשאַפטלעכע קרייזן. אין כעמישן אינסטיטוט ווו נאַטאַליע האָט געאַרבעט האָט זי געדאַרפט אויספילן אָן אַ שיעור פאָרמוליאַרן, ענטפערן אויף פראַגן מיט גענויע פרטים וועגן אַלץ אין איר לעבן. זי האָט נישט געוואַגט דערציילן אַז איר מאַן איז אַ פאָליטישער אַרעסטאַנט, אָדער זיך פרוּוון אַרויסדרייען, אַז ער איז אין קריג פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ. טאָמער געפינ טמען אויס דעם אמת, וועט מען זי אַרויסטרייבן פון כעמישן אינסטיטוט. אויך אַ גט וואָלט נישט געהאָלפן איר מערכה. אַ געוועזענער מאַן, אַ פאָליטישער אַרעסטאַנט...

אין 1950 איז סאָלזשעניצין טראַנספערירט געוואָרן אין קאַזאַכסטאַן צו אַ ריזיקן אַרבעטס־לאַגער איבער 3000 קילאָמעטער ווייט פון מאָסקווע. דער לאַגער אין עקיבאַסטרוי איז געווען אַ גאָר שטרענגער. וויזיטן זענען געווען אויסגעשלאָסן און בריוו נאָר צוויי מאָל אין יאָר.

נאַטאַליע האָט זיך דורכגעשריבן מיט אים, געשיקט אים אַ סך פאַסילקעס דורך אַ מומע אין ראָסטאָוו. זי איז דאַן שוין געווען אַ לעקטאָרין פון כעמיע אין ריאַזאַנער אַגריקולטור אינסטיטוט, פאַרהעלטנישמעסיק נישט ווייט פון מאָסקווע און צום ערשטן מאָל מאַטעריעל אַ סך בעסער. די באַציונגען מיטן מאַן האָבן זיך אָבער דורך דער צייט אָפגעקילט; דער פלאָנטער מיט דער קאָרעספאָנדענץ (זיינס אַ בריוו איז פאַרפאַלן געוואָרן), איר שטאַרקע פאַרנומענקייט ביי איר נייער אַרבעט און די באַקענטשאַפט מיטן לעבן אין ראַזאַן—אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן די דערווייטערטקייט צווישן ביידע.

מער פון אַלץ, זי האָט געטראָפן אַן אַטראַקטיוון קאָלעגע אין אַ דערנעבנדיקן מעדיצינישן אינסטיטוט, אַן אַלמן, מיטן נאָמען וסעוואָלאָד, זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן ווי מאַן און ווייב. לכתחילה האָט זי נישט געהאַט די דרייסטקייט צו אינפאָרמירן סאָלזשעניצינען. צו דעם איז די סיטואַציע געוואָרן מער קאָמפליצירט, מחמת ער איז אָפערירט געוואָרן אין אַ לאַגער־שפיטאָל אויף קענסער אין מאָגן.

לסוף, דאָך זיך דערוווּסט דעם אמת פון נאַטאַליעס מומע, נינע.

אין 1953 איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין געגנט פון דזשאַמבול, דרום קאַזאַכסטאַן, אַ פונקט אין בעט־פּאַק־דאַלאַ מידבר. ווי אַ פּאָליטישער פאַרשיקטער האָט אים אָפּגעגליקט צו באַקומען אַרבעט אין דער אָרטיקער שול. נישט לאַנג נאָך דעם האָט זיך איבערגעחזרט זיין קענסער אין מאָגן און ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. נאָך אַן אינטענסיווער ראַדיאָלאָגישער באַהאַנדלונג אין אַ קליניק פון טאַשקענט איז ער געוואָרן פריי פון דער קראַנקייט. דער פעריאָד איז געווען ביי אים באַגלייט מיט אַ שטאַרקער דעפּרעסיע, איינזאַמקייט. פון אַ בריוו־איסטויש מיט נאַטאַליען האָט אויסגעזען אַז זיי וועלן צוריק זיך פאַרבינדן. אָבער עס איז אויסגערינען.

ס'איז געווען נאָך סטאַלינס טויט. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט רעפאָרמען, און ווי באַקאַנט, נאָך כרושטשעווס היסטאָרישער רעדע וועגן סטאַלינען, (1956), איז סאָלזשעניצין צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע רעהאַביליטירט געוואָרן, געמעגט שוין צוריקקומען קיין מאָסקווע. דאָרטן זיך געטראָפן מיט אַנדערע פון לאַגערן וועלכע ער האָט באַקענט בעת זיינע לאַגער־יאָרן. אויך זיך געטראָפן מיט נאַטאַליען ביי זיך אין צימער. זיי האָבן לאַנגע שעהן זיך דורכגערעדט. ער האָט איר געגעבן פּאָעמעס צו לייענען, וואָס ער האָט געשריבן וועגן איר אין די לאַגערן. דערווייל האָט ער באַקומען אַרבעט ערגעץ אין אַ דאָרף און זי איז אַוועק צו איר באַשעפטיקונג און זיי האָבן זיך דורכגעשריבן. זי איז געקומען צו אים אין דאָרף און באַשטעטיקט וואָס זיי האָבן ביידע געוווּסט — זיי זענען צוריק געוואָרן פאַרליבט.

היות זייער גט איז נאָך נישט ענדגילטיק רעאַליזירט געוואָרן, האָבן זיי געקענט צוריק רעגיסטרירן זייער חתונה.

אין 1957 האָט סאָלזשעניצין זיך באַזעצט אין ריאַזאַן. דאָס איז געווען פאַר אים אַ פעריאָד פון שלווה. פאַר דער אויסערלעכקייט האָט ער געלערנט מאַטעמאַטיק און פיזיק אין אַ לאָקאַלער מיטלשול, ווו ער האָט גלייך געקראָגן אַ פּאָסטן, אָבער געהיים האָט ער געשריבן מאַנוסקריפּטן און איר פאַרשווּוירן עס זאָל בלייבן בסוד, קיינער זאָל אים נישט חושד זיין. שוין דאָס זיין אַ לערער אין אַ שול איז געווען אַן אָרטאָדאָקסאַלער זייל פאַר דער לאָקאַלער געזעלשאַפט און ער האָט געקענט במנוחה שרייבן זיינע באַרימטע ווערק: „אַ טאָג אין לעבן פון איוואַן דעניסאָוויטש”, „דער ערשטער קרייז” און אַנדערע. לסוף אויך זיין — „קענסער פּאַלאַטע”.

ווען כרושטשעוו האָט געגעבן פאַר אים די „גרינע ליכט” צו פאַרעפנטלעכן זיין „איין טאָג אין לעבן...” (1962) איז זיין נאָמען געוואָרן וועלט־באַרימט. אין רעזולטאַט פון זיין גרויסן דערפאָלג איז אַריינגעפלאָסן צו אים אַ סך געלט, אַ קאַר, אַ צוטריט צו די בעסטע ליטעראַרישע און אַרטיסטישע קרייזן אין מאָסקווע, אויך אפילו אַ געוויסער קאָנטאַקט מיט הויכע מלוכה־באַאַמטע, און עקאָנאָמישע פרייהייט — גרויסע שבחים און אַנדערע אָנגענעמלעכקייטן פאַר זיי ביידע.

ער האָט רעזיגנירט פון זיין לערער־פּאָסטן, זיך אָפּגעגעבן אין גאַנצן מיט שרייבן. געוואָרן ווי איבערנאַכט אַ נאַציאָנאַלער העלד, מיט שבחים און פרייהייט, זענען געקומען נסיונות דורך דעם שאַרם פון פרויען וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

לויט דעם סאָוועטישן נוסח האָט ער נישט איבערגעכאַפּט די גרענעץ, אָבער פאַר נאַטאַליען האָבן זיך אָנגעהויבן מאַנערן־סצענקעס צוליב וועלכע זיי האָבן זיך סעפּערירט אין באַזונדערע צימערן. שטופּנווייז האָבן די שפּאַלטן פון זייער צוזאַמענלעבן זיך כסדר אויסגעברייטערט.

אין דעם ווינטער, 1965-66, האָט זיך דער פּאָליטישער קלימאַט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דראַמאַטיש געענדערט צום ערגערן. די אַזוי־גערופענע דע־סטאַליניזאַציע פון כרושטשעוון האָט זיך אָפּגעשטעלט, כרושטשעוו איז צוליבן קריזיס אין קובאַ אַראָפּ פון דער אַרענע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף די אינטעלעקטואַלן. דער אַרעסט פון סיניאַווסקי און דאַניעלן. סאָלזשעניצינס אַ ריי מאַנוסקריפּטן זענען ביי זיינס אַ פריינד קאָנ־

פּיסקירט געוואָרן, צווישן זיי אויך „דער ערשטער קרײַז."

סאָלזשעניצין איז אַוועק פון ראַזאַן, מורא געהאַט פאַר אַרעסט. פילנדיק דעם פּאָליטישן דרוק פונעם נייעם קלימאַט, האָט ער זיין באַוועגן זיך געהאַלטן בסוד. נאַטאַליע האָט זיך געשפּירט אומגליקלעך דורך זיינע פאַרלענגערטע אָפּוועזנקייטן פון ראַזאַן. זי איז געוואָרן נאָך שטאַרקער איפּערזיכטיק אויף אים און זיינע העלפערס — אַ גאַנצער לעגיאָן זינט זיין באַרימטקייט. צווישן זיי — אַ סך פרויען, אייניקע טאַלאַנטירטע און שיינע.

נאָכן פאַרעפנטלעכן זיין טרילאָגיע — אַ קאָנפראָנטאַציע מיטן עסטאַבלישמענט אויפן קאָנגרעס פון שרייבער־פאַריין אין 1967, דאָס אויסשליסן אים פון פאַריין אין 1969 און די ביטערע קאָנטראָווערסיע אין ר"פ ביים באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור אין 1970. דאָס זענען נאַטירלעך ביי אים געווען די שווערסטע יאָרן, און נאַטאַליעס אייפערזיכטע סצענקעס האָבן אים אין די באַדינגונגען אויסגעזען אַן באַדייטונג. אַזוי אויך איר סטראַשען אים צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָס שטויביקע אַרומרייסן זיך האָט דאָך אויסגעזען נישטיק לגבי דער אויפמערקזאַמקייט וואָס ער האָט דאַן געהאַט אויף דער וועלט־בינע מיט וועלכער זי האָט נאַטירלעך נישט געקענט קאָנקורירן. דערווייל האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך נאָך אַ בוך, ווי אַ מין פּאָליטישן דועל, וואָס ער האָט געפירט מיט דער מאַכטיקער מלוכה־אַדמיניסטראַציע. עס האָט אויסגעזען אַז ער געווינט דעם פאַרמעסט.

וואָס שייך די איפּערזיכט־סצענקעס, דאַרף מען דערמאָנען אַז אין 1968 האָט ער צוגענומען אַלס געהילפין אַן ענערגישע, אַטראַקטיווע יונגע פרוי מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס האָט געהערט צום ראַנד פון די דיסידענטן. איר נאָמען אויך נאַטאַליע — סוויעטלאָוואַ. 28 יאָר אַלט, אַ מאַטעמאַטיקערין, ווי סאָלזשעניצין, מיט אַ גאָר סימפּאַטישן אויסזען, אַ געגעטע.

זיי האָבן זיך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט, אָבער באַשלאָסן גאָר נישט צו זאָגן דער אַנדערער נאַטאַליען, אויך נישט צו זוכן אַ גט פון איר. די סוועטלאָוואַ האָט סיי ווי גוט געוווסט אַז איר פּאָזיציע איז אַ געזיכערטע. אין 1970 האָט זי אים אויך מודיע געווען אַז זי שוואַנגערט, הגם ער האָט געמיינט אַז צוליב זיין ראַדיאָלאָגישער קוראַציע איז ער געוואָרן סטעריל. איבּ פריער איז ער געווען קעגן האָבן קינדער, האָט ער איצט עס באַטראַכט ווי אַ נס מן השמים און געענדערט זיין מיינונג.

נאַטירלעך, אַז ער האָט גלייך באַשלאָסן דאָס קינד זאָל טראָגן זיין נאָמען און האָט וועגן דעם אין אַ בריוו צו וויסן געגעבן דער נישט געגטער פרוי. ער האָט איר ווייטער נישט פאָרגעלייגט קיין גט נאָר אַ מין קאָ־עקזיסטענץ מיט ביידע... פאַרשטענדלעך, אַז ביים איבערלייענען זיין בריוו האָט היסטעריע גענומען די אויבערהאַנט און נאָך שטאַרקער געדראָט מיט זעלבסטמאָרד. אַ וואָך נאָכן באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע האָט זיין פרוי, נאַטאַליע, אין דער פרי נישט געענטפערט אויף זיין קלאַפּ אין טיר. ווען ער איז אַריין אין איר צימער האָט ער אויסגעפונען אַז זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ גרויסע דאָזע שלאָף־פּילן. מען האָט זי געכאַפּט אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען דער פינאַלער קלאַפּ אין זייער הייראַט.

נאָכן אַרויסקומען פון שפּיטאָל, געפאָדערט פון איר אַ גט. לכתחילה איז זי געווען גרייט עס צו געבן, אָבער געענדערט איר מיינונג און אָפּגעשלעפּט דעם גט אויף דריטהאַלבן יאָר. אַ חודש נאָכן קריגן עס, גלייך חתונה געהאַט מיט סוועטלאָוואַן, וואָס האָט שוין געהאַט אים געבוירן (געהיים) אַ צווייטן זון. די חתונה מיט סוועטלאָוואַן איז פאָרגעקומען אין דער מאָסקווער קירכע מיטן צוגעפּאַסטן נאָמען: „קירכע פון אומדערוואַרטעטער פרייד".

עס איז נאָך אַלץ נישט געווען לגמרי פאַרענדיקט זיין ענין מיט דער ערשטער נאַטאַליע. אין סעפּטעמבער, 1973, ביי דער העכסטער פּוריע אין לאַנד, ווען עס איז באַוווסט געוואָרן זיין פאַרעפנטלעכן „דער גולאַג אַרכיפּעלאַג", האָט זי אים אַרויסגערופן אויף דער קאַזאַנער באַן־

סטאַנציע צו אַ וויכטיקן שמועס מיט אים. ער האָט געהאַלטן אַז די לעצטע עטלעכע יאָר איז די ק.ג.ב. אַריינגעמישט אין זיינע פאַמיליע־באַציונגען און זי איז אַ געצייג אין זייערע הענט, האָט נאַטירלעך געגלייבט אַז זי איז אינסטרוירט געוואָרן דורך זיי אַריינצוציען אים אין זייער נעץ.

אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז עס געווען אויף איר אייגענער איניציאַטיוו. אירס אַ פיקס־אידעע אויסצונוצן איר נישטיקע פאַרבינדונג מיטן צענטראַל קאָמיטעט און „העלפן" איר געוועזענעם מאַן אין זיין עת צרה. איר געדאַנק איז געווען, אַז ער וועט אויס דאַנקבאַרקייט פאַר איר הילף אין זיין קאָנפראָנטאַציע מיט דער מאַכט איר פאַרגיטיקן מיט צוריקשטעלן גוטע באַציונגען מיט איר.

ביים לייענען עס האָב איך געזען ווי אַזוי דאָס נישט־ראַציאָנעלע קען באַווירקן אַ מענטש צו זאַכן וואָס זענען פשוט צעקריגט מיטן שכל הישר. אָבער ווי האָט מען געקענט פון דער צוזאַמענגעבראָכענער נ א ט א ל י ע ן דערוואַרטן אין איר פאַרצווייפלטן צושטאַנד שכל הישר? אגב, איז כדאי דאָ צו באַמערקן אַז אין זעלבן חודש האָט די צווייטע נאַטאַליע אים געבוירן אַ דריטן זון, און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן פאַר אים שטורמישן און צערודערטן יאָר, וואָס האָט דערפירט צו דעם פינאַל, אַרויסצושיקן אים פון ראַטן־פאַרבאַנד (פעבר. 1974).

גראָד די נאַטאַליע סוועטלאָוואַ האָט זיך אין דער מאָמענט צייט פאַר זיי אַרויסגעוויזן פאַר אַן אידעאַלער פאַרטנערקע ביים העלפן איר מאַן צו קענען זיך צופּאַסן צו דער נייער לאַגע אויסצוטראָגן דעם אויסמאַטערנדיקן דרוק, וואָס האָט געפרעסט אין לאַנד פון אַלע זייטן.

פאַרשטענדלעך, אַז דער נישט־פאַמיליערער מערב מיט זיין נוסח איז ווייט נישט געווען אַזוי לייכט פאַר זיי, ווי עס שיינט צו זיין אויבנאויפיק. די צוויי יאָר זייערע אין דער שווייץ זענען געווען גאַנץ אָנגעשטרענגטע ביז זיי זענען אַוועק קיין אַמעריקע און וווינען היינט אָפּגעצימט מיט אַ $2\frac{1}{2}$ מעטער הויכן פלויט אַרום זייער הויז אין ווערמאָנט, עס זאָל נישט זיין לייכט פאַר די צודרינגלעכע צייטונג־רעפּאָרטערן.

וואָס שייך דער ערשטער נאַטאַליע


# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָם אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# סאָל ליפּצין'ס
# „ביבלישע טעמעס אין דער וועלט־ליטעראַטור"

די תנכישע געשטאַלטן, ווי באַקאַנט, זענען אַן אומאויפהערלעכער אָנרעג נישט נאָר פאַר דיכטער, ראָמאַניסטן, דראַמאַטורגן, נאָר אויך פאַר געלערנטע, פלייסיקע פאָרשערס און עסייאיסטן, וועלכע שטודירן און אַנאַליזירן די ביבלישע פיגורן וואָס האָבן — לויט דער פאָפולערער פראַזע — געמאַכט געשיכטע אָדער געהאָלפן פורעמען די היסטאָרישע געשעענישן אין זייער צייט. די עטישע קאָלירפולע תנ״ך־געשיכטעס זענען אַן אומאויסשעפלעכער קוואַל פאַר קינסטלערס אויף פאַרשיידענע געביטן.

ס'איז אַ טעמאַטיק וואָס אינטריגירט דעם היסטאָריקער און סטימולירט דעם מעשה־דערציילער. מאָלערס פאַראייביקן די תנך־פיגורן אויף לייוונטן, סקולפטאָרן קנעטן זיי אויס אין ליים און גראַניט, דיכטערס באַזינגען זיי אין באַלאַדעס און פראָזאַיקערס שילדערן זיי אין עפישע ווערק—ואחרון אַחרון: דראַמאַטורגן פירן זיי אַרויף אויף די בינע־ברעטער.

ביי פריערדיקע געלעגנהייטן איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען, אַז אָן דעם תנ״ך, אָן דעם ספר־הספרים וואָלט קיין שעקספּיר זיך נישט באַוויזן. זיינע מונומענטאַלע בינע־פיגורן, זיינע נאָבל־לייט, ריטערס, פירשטן, קריגסלייט, קעניגן און הויפלייט — אַלע ריידן זיי די שפראַך פון די ביבלישע מלכים. די דערהויבענע פראָזע, די עקזאַלטאַציע, די פייערלעכע רעטאָריק, אפילו טייל הויף־אינטריגעס זענען געבויט לויטן מוסטער פון די דראַמאַטישע פאַרלויפענישן ווי זיי ווערן געשילדערט אין ספר־הספרים.

די טעמאַטיק, וואָס איז אוניווערסאַל, ווערט דור־איין, דור־אויס, גענוצט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן און אַלערליי קונסט־פאָרמען — און פראָפעסאָר סאָל ליפצין האָט אין זיין ניי ווערק אין ענגליש: „ביבלישע טעמעס אין דער וועלט־ליטעראַטור", וואָס איז איצט דערשינען* געשעפט מלוא חפניים. ליפצין, דער געלערנטער און ערנסטער ליטעראַטור־פאָרשער, אַמאָליקער פראָפעסאָר פון סיטי־קאָלעדזש אין ניו־יאָרק, וועלכער האַלט אַ קאַטעדרע אין אַמעריקאַנער קאָלעדזש אין ירושלים, האָט — ווען ער איז געווען אַ תושב אין ניו־יאָרק, אָנגעפירט מיט דעם אָפטייל פון גערמאַנישע און סלאַווישע שפראַכן אין ניו־יאָרקער שטאַט־אוניווערסיטעט און איז געווען שטאַרק טעטיק אין ליטעראַטור־פאָרשונג. אַ צאָל ווערק זיינע אין ענגליש וועגן ליטעראַרישע געשטאַלטן אין יידיש, העברעיש און אין פרעמדע שפראַכן, האָבן אים געגעבן אַ וועלט־נאָמען.

ווען ער האָט מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק זיך באַזעצט אין ישראל און געוואָרן פראָפעסאָר אין בר־אילן אוניווער־

*"*Biblical Themes in World Literature*" *by Sol Liptzin, Ktav Publishing House Inc. Hoboken, New Jersey*, 1985.

---

רעשטאָווסקאַיאַ, לעבט זי אַליין אין מאָסקווע. איר פאַרביטערטקייט איז מסתמא שוואַכער געוואָרן מיטן לויף פון צייט. זי דערמאָנט אפשר זיך אויך די „זיבן גוטע יאָר" פון איר לעבן מיט דעם באַרימטן שרייבער. פיקאַנט איז, אַז די זיכערקייט אָרגאַנען האָבן אויף איר אַן אויג.

זי האָט אויך דורכגעמאַכט לעצטנס קענסער און איז ווייט נישט ביים גוטן געזונט. זי האָט פריינד אָבער זי קען נישט פאַרשטעלן איר פאַרצווייפלונג דורך אַן אויסערלעך־מאַסקירטער גלייכגילט.

איר לעבן און גורל איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ פסיכאָלאָגישן ראָמאַן, פון אונדזער טראַגיש־צעבראַסטעטער עפאָכע.

סיטעט אין רמת־גן און דערנאָך אויך אין
אַמעריקאַנער קאָלעדזש אין ירושלים,
האָט ער מיט מער התמדה ממשיך געווען
זיינע שטודיעס און פּאָרש־אַרבעטן, ווי
עס זאָגן עדות זיינע ווייטערדיקע אײַנ־
האַלטסרייכע ווערק. איינס פון זיינע גאָר
ווערטפולע ביכער אין דער ענגלישער
שפּראַך, וואָס איז דערשינען אין יאָר
1972, איז די געשיכטע פון דער יידישער
ליטעראַטור (איי היסטאָרי אָוו יידיש
ליטעראַטשור")— אַ ווערק וואָס נעמט
אַרום דעם אויפקום, אַנטוויקלונג און
וווקס פון דער יידישער ליטעראַטור פון־
נעם 16טן יאָרהונדערט ביז דער צוויי־
טער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט.

די תנכישע טעמעס אין סאָל ליפצינס
ניי ווערק פאַרנעמען 28 קאַפּיטלעך. ס'איז
דער אַרויספיר פון אַ רייכער גאַלעריע
כאַראַקטערן, וואָס זענען צענטראַלע
פיגורן נישט נאָר אין דער געשיכטע
פון יידישן פאָלק, נאָר פון דער וועלט־
געשיכטע ביז צום אָנפאַנג פון דער
היינטיקער מערב־ציוויליזאַציע. ווער
ווערט ביים געלערנטן אַלץ נישט גע־
פּאָרשט, שטודירט און אַנאַליזירט?
לילית, וועלכע זאָל — לויט אַ לע־
גענדע — האָבן געווען די ערשטע ווייב
פון אָדם הראשון, איידער דער באַשעפער
האָט אויסגעקנאָטן פון אָדמס ריפּ חוהן,
די אם כל חי. די עסייען שליסן איין דעם
ערשטן בלוט־פאַרגיסער, קין, די
עגיפּטישע דינסט און קעפּסווייב הגר
און די צווייטע פון די אמהות רבקה.
עס ווערן אַרויסגעפירט משה און רחב
פון יריחו, נבל און אביגיל, שלמה
המלך און שולמית און די מלכה
שבא. עס דערשיינען אליהו און
איוב און בלשאצר און אַ צאָל אַנ־
דערע פיגורן ווערן דורך סאָל ליפצין
גרינטלעך פאַרטייטשט און זייערע טוואונ־
גען קריגן פירושים אין ליכט פון די אומ־
שטענדן אין זייער צייט.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל: „די רעהאַ־
ביליטאַציע פון לילית", פאַררופט זיך
דער מחבר אויף די ווערקט פון אַ צאָל
אייראָפּעישע שרייבערס און הויפּזאַכלעך
אויף דעם איטאַליענישן מאָלער און פּאָ־
עט דאַנטע גאַבריעל ראָסעטי, וועלכער
האָט צוערשט אַ באַגייסטערטער געמאָלן
אַ לילית־פּאָרטרעט און דערנאָך זי באַ־
זונגען אין באַלאַדעס. אָבער מיר הערן
אויך ליפצינס אייגענע אינטערפּרעטאַ־
ציע. שרייבערס פון פריערדיקן יאָר־
הונדערט האָבן אויך געזוכט רעהאַבילי־
טאַציע פאַר אַנדערע נעגאַטיוו־געשילדער־
טע געשטאַלטן אין תנ"ך ווי: קין, הגר,
רחב, די צעטומלטע בויערס פון בבל־
טורעם. אַ ברייטע אַנאַלאָגיע ווערט גע־
מאַכט צווישן רות, די טאָכטער פון
מואב און דער מיטאָלאָגישער גריכישער
געשטאַלט מעדעאַ. ביידע פרויען האָבן
פאַרלאָזט זייער גאָט, זייער פאָלק, זייער
פאַמיליע, כדי זיך צו באַהעפטן צו אַן
אַנדערן גאָט, אַן אַנדער פאָלק און אַן
אַנדערע משפּחה. אָבער ווי אַנדערש זע־
נען געווען זייערע גורלות.

די מעלה פון די עסייען אַרום די ביב־
לישע געשטאַלטן איז קודם כל וואָס ליפּ־
צין נוצט אָפט אַ בעלעטריסטישן טאָן.
די מערסטע קאַפּיטלעך זענען געשריבן
אין נוסח פון אַ מעשה־דערציילער— ווי
עס מערקט אָן דערויף אויך אלי וויזעל
אין זיין נאָכוואָרט צום בוך.

די עסייען דעקן נישט אַלע צענטראַלע
געשטאַלטן, וואָס זענען דאָמינירנדיק אין
די תנכישע געשיכטעס. סאָל ליפצין האָט
געמאַכט אַן אייגענע סעלעקציע ביים
אַרויסהייבן די כאַראַקטערן. די מערסטע
עסייען זענען פריער פאַרעפנטלעכט גע־
וואָרן אין די ענגלישע 3־חדשים־העפטן
„דור לדור", וואָס ווערן אַרויסגעגעבן
דורך „וואָירלד דזשויש בייבל סאָסייעטי".
ס'איז אָנצונעמען, אַז דער פאָרשער האָט
— ווי ס'איז דער שטייגער — די קאַפּיט־
לעך פריער דורכגעזיפּט, פּאָלירט און גע־
שליפן איידער זיי זענען אַריינגענומען
געוואָרן צווישן טאָוולען.

ביים אָפּשאַצן די שטודיעס און אַנאַליזן
פון תנכישע כאַראַקטערן איז פּאַסיק
אויסצומיידן פּילפּולדיקע דעפיניציעס
אָדער השערות וואָס שייך די כוונות און
צילן פון דעם מחבר. די דערפאַרונג
לערנט אונדז אַז אויך ביים קינסטלער—
צי דאָס איז דיכטער, דערציילער, מאָלער

— איז נישטאָ קיין פולע אָביעקטיוויקייט ווען ס'קומט צו שילדערן אָדער כאַראַקטעריזירן היסטאָרישע געשטאַלטן. די טעמע ווערט אויסגעבאָרגט פון געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, פון פאַרצייטיקע כראָניקעס און דער קינסטלער טוט איבערשאַפן, איבערפורעמען זיינע הויפט־פיגורן און די געשעענישן אַרום זיי אין אַ נייליכט און אין אייגענער אינטערפּרעטאַציע. דאָס איז די פּריווילעגיע פון דעם שעפערישן מענטש אויף יעדן געביט, און אויך דער פאָרשער, דער היסטאָריקער נעמט זיך דאָס רעכט צו געניסן פון דער פּריווילעגיע.

אַזוי אַ שטייגער ווערט ק י ן, דער ערשטער רוצח, לויט דער תנ"ך־ווערסיע, באַצייכנט ביי ליפּצינען ווי דער ווידערשפּעניקער בכור אין דער ערשטער משפּחה גלייך נאָכן וועלט־באַשאַף. ק י ן אין דער ערשטער מענטש וואָס שטעלט אַרויס תרעומות צום בורא־עולם און דערהרגעט, אויס אייפערזוכט, זיין ייִנגערן ברודער ה ב ל. דער רעזולטאַט? אין 'עם סאַמע ערשטן קאָנפליקט אויף דער ערד סימבאָליזירט ק י ן רציחה און ה ב ל ווערט אידעאַליזירט אַלס קרבן און מאַרטירער. אומצאָליקע ווערק זענען געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע: ק י ן און ה ב ל.

ווידערשפּעניק צו גאָט זענען אויך געווען די בויערס פון בבל־טורעם, ווייל זיי זענען געשטויסן געוואָרן פון נייגיר און בונטאַרישקייט צו דערגרייכן דעם הימל, מיט אייגענעם אָנשטרענג, קעגן קאַטעגאָרישן געטלעכן פאַרבאָט.

ה ג ר, וועלכע ווערט באַקרוינט אין ליפּצינס עסיי אַלס פּרינצעסין הגר, דאַרף פאַקטיש — לויט דער מערקווירדיקער מעשה אין ספר בראשית — באַטראַכט ווערן אַלס די ברוטאַל־געקריוודעטע פּרוי, אַ טראַגישער קרבן פון אַ פּאַטריאַרך אַן אַכזר. דער עסייאיסט קאָמענטירט, אַז דאָס אַרויסטרייבן פון הויז ה ג ר, די געטרייע דינסט און קעפּסווייב נאָכן פאַרשוואַנגערן פון דעם בעל־הבית — וואַרפט נישט קיין גינסטיק ליכט אויף דעם ערשטן פּאַטריאַרכאַלישן פאָרפאָלק אַ ב ר ה ם און ש ר ה. און לאַנג פאַר דעם מחברס קאָמענטאַרן האָט דער כראָניקער פון בראשית אָנגעוויזן, אַז דאָס אַרויסטרייבן הגרן אין מדבר איז געווען אַן אַקט פון אַכזריות.

מ ש ה, דער לוחות־טרעגער, שטייט אויף תחית המתים אין יעדן דור — דערמאָנט אונדז ליפּצין — דער ערשטער געזעצגעבער, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט די צען געבאָטן, דעם ערשטן קאָדעקס פון הר סיני צום פאָלק, ער איז געוואָרן אַן אייביקע טעמע. די פּערזענלעכקייט מ ש ה, פול מיט רעטענישן און סתירות, איז געוואָרן דאָס רייכע מאַטעריאַל וואָס אינטריגירט און סטימולירט אומאויפהערלעך פאָרשער, היסטאָריקער און קינסטלער.

אין סאָל ליפּצינס ווערק מאַרשירן פאַרביי ווי אין אַ פּאַראַד אַזעלכע היסטאָרישע כאַראַקטערן ווי י פ ת ח און זיין טאָכטער, שמואל הנביא, שאָול המלך און זיין זון יהונתן, יונה הנביא, וואָס איז געוואָרן אומגעהאָרכזאַם צו גאָט און אַנטלאָפן קיין תרשיש. גאָר אויספירלעך קאָמענטירט און באַלויכט דער מחבר די קאָנטראָווערסאַלע געשטאַלט פון ד ו ד ה מ ל ך, דער פּאָליטיקער, דער קריגסמאַן, דער משורר, דער בעל התהילים — און זינדיקער פרויען־יעגער. דער תנ"ך, וואָס אויף זיינע בלעטער איז אַלץ אָפן, אָן פאַרהוילענישן, די הייליקייט און טומאה, אמונה און לעסטערונג, רחמים און אַכזריות, דער ספר־הספרים וואָס שאַנעוועט נישט די בחירי האומה, די אויסדערוויילטע פון פאָלק, פאַרפעלט אויך נישט אויפצודעקן, אַז דער שטאַרקער מלך, דער זיגרייכער שלאַכטמאַן און נעים זמירות, האָט נישט געהאַט דעם כוח צו באַהערשן זיינע לוסטן און ערדישע שוואַכקייטן. איינע פון זיינע גרעסטע אומפאַרגעבלעכע חטאים איז געווען די זינדיקע תשוקה צו דער שיינער בת־שבע און דאָס אַוועקשיקן אויפן שלאַכטפעלד צו אַ זיכערן טויט איר מאַן ־וריה החתי. סאָל ליפּצין האָט וואָס מוסיף צו זיין צו דעם מלכס אויפפירונג פּונקט אַזוי ווי ער ברענגט זיינע אייגענע אויספירן וועגן די אוממאָראַלישע האַנדלונגען פון אַנדערע תנכישע געשטאַלטן. אויב דער ספר־

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# די סימבאָלישע דראַמעס פון י. ל. פּרץ

1.

די צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס: „די גאָלדענע קייט" און ‚ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", זיינען דערשינען אין די אָנהייב יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, אין דער זעלביקער ליטעראַרישער תקופה, און דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים און שינויים מחמת זיי האָבן ניט פולשטענדיק באַפרידיקט פּרצעס קינסטלערישן געפיל פאַר שלימות, און מעגלעך צוליב אידייאישע ספקות.

ביידע דראַמעס זיינען געווען באַאייַנפלוסט פון סימבאָליזם און פוילישן ניי־ראָמאַנטיזם, און שפּיגלען אָפּ אונדזער יידיש־אוניווערסאַלע בענקשאַפט נאָך גאולה. די צייט איז געווען אָנגעלאָדן מיט רעוואָלטירנדיקן אומרו, באַגלייט פון פּאָגראָמען, רעאַקציע און סאָציאַלן ווידערשטאַנד פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט צערודערט די פאַרגליווערטקייט פון שטעטל. ס'האָבן אַריינגעדרונגען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס אין דער יידישער השקפה דריקט זיך דאָס אויס אין „דוחק זיין דעם קץ" — צואיילן די גאולה, ווייל „לענגער וואַרטן ניט געקענט." אין דער „גאָלדענער קייט" וויל שלמהלע אַרויפצווינגען אויף דער השגחה דאָס שיקן די גאָלדיקע דערלייזונג דורך איינהאַלטן דעם שבת: „מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין," וואָס די מיטלען זיינען כולו זכאַידיקע, ריינע און הייליקע. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" וויל דער בדחן (אָדער לץ) ברענגען די גאולה פאַר דער ריכטיקער צייט דורך איינהאַלטן די נאַכט, די ממשלה פון שטן, הפקרות, פינצטערניש און זינד, וואָס די וועגן זיינען כולו חייבדיקע, אַ וועלט אָן געטלעכן קאָנטראָל.

פּרץ, וועלכער איז געווען דער סינטעז פון פּראָגרעסיוון אוניווערסאַליזם און טיף־פאַרוואָרצלטער עטישער יידישקייט, איז געווען סקעפּטיש צו די מיליטאַנטישע, רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון ענדערן דעם סדר העולם. ער האָט געצווייפלט צי דער צוקונפטיק־אויסגעבענקטער און אויסגעקעמפטער סאָציאַליסטישער סיסטעם וועט ברענגען די גאולה. זיינע ספקות דריקט ער אויס אין עסיי „האָפענונג און שרעק".

פּרץ האָט געקענט די קאָמפּליצירטע מענטשלעכע נשמה, זיין פּחד, זיינע שוואַכקייטן, זשעדנעקייט פאַר מאַכט און ווי אַ וויזיאָנער האָט ער פאָרויסגעזען אַז דער זיגער קען ווערן אַ פאַנאַטישער פאַרפאָלגער. הגם ער האָט מיטגעפילט מיטן אָנגעוויטיקטן פאָלקישן צער און

---

הספרים פאַרהוילט נישט צו אַנטפּלעקן די מעשים תעתועים פון די פאַרהייליקטע פירער, פאַרוואָס זאָל דער פאַרשער און היסטאָריקער זיי באַגנעדיקן אָדער ריינוואַשן?

דעריבער פאַרדינט דער מחבר אַנערקענונג פאַר זיינע אויספירלעכע פּירושים און באַלויכטונגען פון די מענטשן און געשעענישן אין דער אַנטיקער וועלט. ליפּצין טוט דאָס מיט אַ סך אייפער און התלהבות. ער גראָבט אין אַלטע מקורות ווי אַן אַרכעאָלאָג גראָבט זיך אין די טיפענישן פון דער ערד כדי אַרויסצוברענגען אויף דער אויבערפלאַך דאָס, וואָס איז אין לויף פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער געווען איינגעהילט אין מיסטעריע.

ליפּצינס נטיה אויפצולעבן דראַמאַטישע עפּיזאָדן אין פּאַרצייטיקע עפּאָכעס און באַלויכטן די כאַראַקטערן וואָס האָבן דאָמינירט יענע עפּאָכעס, קריגט קלאָרן אויסדרוק אין זיין לעבעדיקער, קאָליר־פולער נאַראַציע. ער פאַרטייטשט, ער מאַכט פּירושים און איז מוסיף פּרטים אין אַ באַמיונג צוצוגעבן דאָס, וואָס איז נישט דערזאָגט געוואָרן אין די סיפורי המקרא.

די גאַלעריע פון זיינע געשטאַלטן נעמט אַריין אַלערליי היסטאָרישע כאַראַקטערן, וואָס שטעלן צו אַ שלל מאַטעריאַל

זיינע האָפּענונגען פֿאַר אַ דערלייזט וועלט, איז ער ניט געוואָרן מיטגעריסן מיט די ראַדיקאַלע דאָקטרינעס.

דוד פּינסקי האָלט אַז פּרץ איז געווען אַ רעאַליסט, ראָמאַנטיקער, סימבאָליסט, און דאָך זיך ניט אידענטיפֿיצירט מיט קיין ליטעראַרישער שולע. ער האָט אָבער ניט אויסגעמיטן איינפֿלוסן. פּרץ איז בעצם געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַן אינטעלעקטועלער קינסטלער און וויזיאָנער, דורכגעדרינגען מיט די סאָציאַלע נויטן פֿון זיין צייט, האָט ער, ווי דער הייַנטיקער מאָדערנער דיכטער, געזוכט בייַעם אינדיווידועלן אויסדרוק, וואָס איז אָפֿט געווען קאָנטראָווערסיאַל, פֿול מיט ספקות, סקעפּטיציזם און יאוש, און אַנטריבונג צום סימבאָלישן חלום און אילוזיע.

אין ביידע דראַמעס שפּיגלט זיך אָפּ בולט פּרצעס עסקייפּיזם. אין אַ צייט פֿון אידעאָלאָגישן געראַנגל אַנטלויפֿט ער פֿון דעציזיע, ציט זיך צוריק. אין פֿינצטערע צייטן זוכט מען אידעאַלן. אילוזיעס פֿון אמת וואָס מען קריצט אויס אויפֿן שטערן און ס'ווערט דערפֿון גלויבן. „אין וואָס מען גלויבט, דאָס עקזיסטירט" זאָגט דער לץ אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". אין ביידע סימבאָלישע דראַמעס ענדיקט זיך דער משיחישער עקספּערימענט אין אַ פֿיאַסקאָ. אין „די גאָלדענע קייט" פֿאַרשווינדט דער שבת און ס'קומט אַריין די גרויע גיהנומדיקע וואָכעדיקייט און אין 'ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" ענדיקט זיך דעם אייביקן וואַנדערערס חלום פֿון אַ פֿיבערנאַכט און ס'גייט אויף דער מאָרגנשטערן געהילט אין גרויער טאָג-טעגלעכער מי און פּיין. פֿון חלום ווערט אַ זייפֿנבלאָז און ווי שטענדיק פֿרעגט דאָס האַרץ אין שטילן פּיין: געוועט וועט קומען און ווו איז זיין?

## 2.

„די גאָלדענע קייט" איז צווערשט דערשינען אין העברעיש, אין אַ פּראָזאַישער פֿאָרם, מיטן נאָמען „חורבן בית צדיק" אין אחד העמס השילוח, דערנאָך אין אַ געענדערטן נוסח אין יידיש, דער „נסיון". נאָך ענדערונגען איז דערשינען דער לעצטער אויסקריסטאַליזירטער וואַריאַנט, ווי אַ דראַמאַטישע פּאָעמע: להיפוך צו דעם „חורבן בית צדק" און דער „נסיון" איז דער ערשטער אַקט אין „די גאָלדענע קייט" דאָמינירנדיק אין דער דראַמע. אין די פֿריערדיקע וואַריאַנטן ווערט אַקצענטירט די משכילישע נעגאַטיווע באַציונג צום שבת-יומטוב-דיקן, נשמה-יתירהדיקן צדיק (לויט ד"ר מוקדוני) וואָס איז שוין פֿאַררעכנט געווען ווי אַן אָפּגעלעבטע קאָנצעפּציע פֿון פּאָזיטיוויזם. אין דער „גאָלדענער קייט" איז דער חסידיזם פֿאַר פּרצן אַ פּאָעטיש דערהויבענער קוואַל פֿון סימבאָלישער יידישקייט און פֿאָלקלאָר. דאָ איז שוין קענטיק דער חותם פֿון ניי-ראָמאַנטישע איינפֿלוסן.

עס זיינען געווען מיינונגען אַז פּרץ איז אין זיינע סימבאָלישע דראַמעס מער דיכ-

---

פֿאַר נאָוועליסטן און דראַמאַטורגן און דער מחבר דערציילט טיילמאָל אויך חידושים. ער מאַכט אַנאַלאָגיעס און פּאָלעמיזירט מיט יענע אוניווערסאַלע שרייבערס, וועלכע האָבן געניצט אַזוי פֿאַרשווענדעריש און נישט אַקוראַטנע דאָס מאַטעריאַל פֿאַר זייערע ווערק.

דאָס 28טע קאַפּיטל, דער לעצטער עסיי אין בוך וואָס טראָגט אַן איבערקעפּל: „די ביבלישע טראַדיציע אין דעמאָקראַטיע" דאַרף דינען ווי אַ רעזומע, אַ סך-הכל וואָס באַרעכטיקט אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין די פֿריערדיקע 27 קאַפּיטלעך. ס'איז אַן עסיי פֿון אַ געלערנטן, אַן ערודיט, אַ פֿאָרשער וואָס ברענגט אַ באַשטעטיקונג אויף דער אוניווערסאַלקייט פֿון דער תנך-טעמאַטיק — די דערהויבענע פֿאַרהייליקטע אינספּיראַציע נישט בלויז ביי דעם פֿאָלק ישראל נאָר ביי יעדער אומה ולשון אויף דעם פּלאַנעט.

דאָס נייע ווערק איז אַ ווערטפֿולער צוגאָג צו די 17 ביכער וואָס פּראָפֿעסאָר סאָל ליפּצין האָט ביז היינט אַרויסגעגעבן. דאָס זענען ווערק, וואָס אַנטהאַלטן אַ רייכן אויסוואַל פֿון פֿרישע ערנסטע שטודיעס וועגן ליטעראַטורן און זייערע שעפֿערס אין יידיש, עברית און אין אַנדערע שבעים לשונות.

טער ווי דראַמאַטורג; אַז די „גאָלדענע קייט" איז אָנגעלאָדן מיט פּאָעזיע און פאַרמאָגט ווייניק דראַמאַטיש־געשפּאַנטע אַקציע. דר מוקדוני, וואָס איז געווען אין זיין צייט אַ באַקאַנטער טעאַטער עקספּערט, שרייבט וועגן ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" אַז „דער עיקר אין דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע איז ניט די סצענישקייט, נאָר איר הויכע און שטאַרקע פּאָעטישקייט." מיר זיינען זיך משער אַז דער יידישער טעאַטער־גייער איז ניט גרייט געווען פאַר דער אייגנאַרטיקער קונסט פון סימבאָליש דראַמאַטישער דיכטונג.

פאַראַן חילוקי־דעות וועגן פּראָטאָטיפּ פון רב שלמה. דער קאָצקער רב מענדל האָט פון זיך געטריבן דעם עולם, קליינע יידעלעך וואָס האָבן געלעכצט נאָך „אַ נס, אַ מופתל פאַר זיך, פאַר אייגן ווייב און קינד, פאַר אייגן הויזגעזינד, אין אַ צייט ווען צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט." אָבער זיין אייניקל משה דערמאָנט זיין אָפּשטאַם פון בעל־שם. דאָס האָט מעגלעך געקענט זיין רב נחמן בראַצלאַווער, וואָס איז נאָך געווען די ליכטיקע רינג פון דער קייט.

הילל צייטלין דערציילט אין לעצטן קאַפּיטל פון בוך „ר' נחמן בראַצלאַווער" וועגן זיין פאַרברענגען אין בערדיטשעוו צווישן די קאַרלינער חסידים: „ווען דער הייליקער שבת גייט אַוועק און די בערדיטשעווער וואָך קומט אָן מיט איר וויסטקייט, פינצטערניש און אָרעמקייט, זיינען די קאַרלינער חסידים געווען נאָך אַלץ אין רעכטן ברען; זיי קומען ערשט אַריין בגילופינדיק און עס חלומט זיך זיי גאָרנישט וועגן זיך געזעגענען מיט דער מלכה־שבת." די אָ חסידישע שטימונג איז פּרצן זיכער באַקאַנט געווען און ער האָט עס אַריינגעוועבט אין דער דראַמע און סימבאָליש דערהויבן צו דער אוניווערסאַלער אידעע פון ראַטעווען די יאושדיקע, פאַר'מרה־שחורהטע וועלט דורך איינהאַלטן דעם הייליקן שבת אויף אייביק, אפילו ס'זאָל חרוב ווערן דער סדר העולם:

„חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר — מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובדיקע ,
מיר נשמה־יתירהדיקן יידן
מיר וועלן איבער אירע חורבות גיין..."

אין דער דראַמע זיינען פאַרקייטלט פיר דורות: שלמה, פינחס, משה און יהונתן. אין פאַרגלייך מיטן ערשטן אַקט ווערט די אַקציע אָפּגעשוואַכט, הגם אין די ווייטערדיקע צוויי אַקטן איז דער סוזשעט ביז גאָר שפּאַנענדיק. לאה, די טאָכטער פון ר' משהן, איז אַוועק פון רבישן הויף מיטן משכילישן דאָקטער בערגמאַן, פון צודיקגעשטאַנענער יידישקייט צו ליכט. זי געבירט אַ בלינד קינד מיט גרויסע אָפענע אויגן. מיט חרטה קומט זי צוריק צום טאַטן ער זאָל פאַר איר קינד אויסבעטן אַ נס. איר פאָטער, ר' משה, האָט אָבער ניט מער דעם כוח האמונה פון זיינע אָבות, ער איז ניט יענער שבת־יום־טובדיקער צדיק: „געפאַלענע זיינען מיר, אויף בעטלברויט געקומען זיינען מיר." ער רופט צו הילף זיינע זיידעס, די עלטערזיידעס, די גאַנצע גאָלדענע קייט ביז דעם בעל־שם.

אין זיינע פאַרצווייפלטע תפילות ווערט ער אָבער געשטרויכלט און פאַלט אַריין אין ספקות: „און דו, דו אַליין, ווען איך רוף דיך, גיב אַ צייכן מיר אַז דו ביסט, אַז ס'איז פאַראַן אַן אויג." דאָס הייסט שוין פרווון די עקזיסטענץ פון גאָט. דאָ איז שוין די סכנה אַז די גאָלדענע קייט קען ווערן איבערגעריסן. ביים ראַנד פון אָפּגרונד קומט יהונתן, דער פערטער דור און ראַטעוועט די גאָלדענע קייט. אָבער יהונתן האָט ניט מער די געהאָדעוועטע ווייסע טויבן פון שלמהס אמונה. זיין שוועסטער לאה, וואָס איז צוריקגעקומען פון די געפרוירענע געזעצן, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון איר מאַן, דעם אַגנאָסטיקער, צוריק צו דעם ליכטיקן קוואַל פון גלויבן, ווייל אַז איר קינד מיט די גרויסע אָפענע אויגן זאָל כאָטש איין מאָל דערזען איר אָפּגלאַנץ. זי גלויבט „אין דעם האַרץ פון דער וועלט, אין דעם באַרמהאַרציקן האַרץ."

אין לאהס אַנטלויף און צוריקקער, אין דער טראַגעדיע פון בלינדן קינד, קען איך ניט אויסמיידן צו זען דעם סימבאָל פון פּרעצעס פערזענלעכער טראַגעדיע,

זיינע אַנטוישונגען, זיינע סתירותדיקע און יאושדיקע איבערלעבונגען — פון פאַרלוירענעם יידישן גאָט, אויסגעביטענעם אויף פרעמדע פאַרכישופטע אידעען, וואָס האָבן באַדראָט די עקזיסטענץ פון יידישקייט.

אין פרצן האָט געגליט די בענקשאַפט נאָך די גרויסע שטאָלצע שבת־יום־טובדיקע יידן, וואָס זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי יהונתנס אמונה־טויבן. דער ערשטער אַקט איז ביז היינט אַ פּערלדיקער מוסטער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין גליכן אין דער דראַמאַטישע רעדיכטונג. „די גאָלדענע קייט" איז געבליבן דער סימבאָל פון גאולה און געראַנגל פאַר יידישער המשכדיקייט. דאָס אויסלייזן די זינדיקע נשמות פון גיהנום מיטן כוח פון ניטשעאַנישן גייסטיקן אדם עליון, וואָס וועט איבער די חורבות גיין צו אַ נייער שבתדיק אויסגעחלומטער וועלט:

„און אַזוי גייען מיר,
מיר גרויסע יידן,
שבת־יום־טובדיקע יידן
— — — — — — — — —
און מיר בעטן ניט
און מיר בעטלען ניט,
גרויסע שטאָלצע יידן זיינען מיר;
מיר זאָגן אים:
לענגער וואַרטן ניט געקענט,
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק גייען מיר."

3.

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט נאָך אין פרצעס צייט אַרויסגערופן צערודערונג אין די ליטעראַרישע קרייזן מחמת דעם קאָמפּליצירטן זשאַנער, אומקלאָרן סוזשעט, מיסטישע סימבאָלישקייט, וואָס איז דעמאָלט געווען ניט פאַרשטענדלעך פאַרן לייענער. די דראַמע איז געוואָרן פון יעדן קריטיקער אַנדערש אויסגעטייטשט. פרץ אַליין האָט ניט געגעבן קיין גענויעם אַנדייט וועגן די סימבאָלישע בילדער און דיאַלאָגן. ער האָט ניט „צעלייגט אויף טעלערלעך" ווי דער לייענער וואָלט פאַרלאַנגט. פרץ האָט אויפגעפירט זיין חלום אין פיבערנאַכט אָבער ניט פותר חלום געווען. פיר מאָל האָט ער געענדערט די דראַמע זינט 1907, ווען ס'איז דאָס ערשטע מאָל דערשינען אין ראָמאַן צייטונג און אין בוך־פאָרם, דערנאָך — 1909 אין אַ געענדערטן נוסח, אין 1912, און איבערגעלאָזט אַ פערטן נוסח אין „עזבון" וואָס איז דערשינען נאָך דעם דיכטערס טויט.

פרץ האָט זיך געווערט קעגן די כסדרדיקע איבערחזרונגען פון שרייבערס ווי ניגער, עריק, באַריישאַ און אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויפן דירעקטן איינפלוס פון וויספּיאַנסקי אויף: „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ס'זיינען אויך געווען פאַרקערטע מיינונגען. אָט די קאָנטראָווערסיע גייט אָן ביזן היינטיקן טאָג. אין 1946 האָט דער פּראָפעסאָר וויקטאָר ערליך, אַ וויכטיקער ליטעראַטור־פאָרשער, אָנגעוויזן אויף די איינפלוסן און פאַראַלעלן ניט נאָר פון וויספּיאַנסקיס „וועסעליע" „חתונה" נאָר אויך פון די דראַמעס: „וויזוואָלעניע" (דערלייזונג) און „אַקראָפּאָליס". וויספּיאַנסקי איז געווען פון די וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דער גרופּע „יונג פּוילן" און פון פּוילישן ניי־ראָמאַנטיזם, וואָס איז אינספּירירט געוואָרן פון רייכן פּוילישן פאָלקלאָר. פרצעס ניי־ראָמאַנטישקייט קומט צום אויסדרוק אינעם אומאויסשעפּלעכן רייכן יידישן פאָלקלאָר וואָס איז פאַראייביקט אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס", אין „חסידיש" און דער עיקר אין די סימבאָלישע דראַמעס, באַזונדערס אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

וויספּיאַנסקי איז ניט געווען קיין חידוש מיטן אַריינברענגען אין דער דראַמע געשיכטע־פּערזענלעכקייטן פון יענער וועלט; סטאַנטשיק, ווערניהאָראַ, און סתם דוממים, נישן, כאָכלעס, ווי סימבאָלן פון אידעען, טראַכטונגען פון העלדן אָדער פון דיכטער. פאַר אים זיינען געווען: געטע, מיצקעוויטש, מעטערלינק, איבסען און אַנדערע. דער זשאַנער (פון פרצעס דראַמאַטישע פּאָעמע און די סימבאָלן) איז געווען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ רעוואָלוציע.

דער אומקלאָרער פאַרנעפּלטער סוזשעט אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז דער חלום פון וואַנדערער וואָס קומט אָן צום

ראַנד פון שטעטל, מיט קוהלת שטימונג:
„דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן
און דאָס אויער הערט ניט אויף צו הערן...
דאָ אין שאָטן פאַרבאָרגן
רו איך ביז מאָרגן.
זאָל דאָס האַרץ שפּיגען און וועבן
איף יענער זייט לעבן.“

פּרץ וויקלט פאַנאַנדער דעם קאַליידאָסקאָפּ פון פּראָבלעמען און קאָנפליקטן און דורך דער פּריזמע פון האַלב־דרימלדיקן שטעטל ווו ס'איז פאַראַן אַ דינע גרענעץ צווישן די לעבעדיקע און טויטע זעט ער די פאַרגליווערטקייט, גלותדיקייט אָן אויסבליק אויף אַ באַנייט לעבן. פּרצעס צווייפל אין די אויפבראַוזנדיקע רעוואָלוציאָנערע־אידעען, זיין האָפענונג און שרעק, זיינע יאושדיקע השקפות ווערן דערקלערט אין פּאָעטישע לאַנגע אַריינפירן פון דיכטער און לעקטאָר וועגן דעם באַדייט פון די דעקאָראַציעס, די גלויבונגען און לעגענדעס, די קאָנפליקטן צווישן שול און קלויסטער, דער מיסטעריעזער ברונעם־גץ, דער בדחן־לץ, דער פּירוש און „עמעץ“ — אַ גאַנצע לעבעדיקע און טויטע גראָטעסקע וועלט וואָס שפּילט אויס די נאַכט־שפּיל פון אַתחלתא דגאולה.

וויקטאָר ערליך באַמערקט ריכטיק אַז וויספּיאַנסקיס „חתונה“ איז די וויזיע פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט. פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ איז דער חלום פון אוניווערסאַלער און יידישער גאולה.

דער הויפּט־העלד אין דער פיבער־נאַכט־שפּיל איז דער לץ אָדער בדחן, וואָס לאַכט אָפּ פון די אַלטע איינגעפונדעוועטע באַגריפן, איינגעוואָרצלטע מנהגים, פאַלשע צניעות, עראָטיש־דערדריקטע געפילן, געצאַמטקייט פון פרייען ווילן און באַגערן וואָס דער לץ וויל באַפרייען אין זיין מאַגישן חלום.

זיגמונד פרויד אין זיין עסיי „אומבעהאַגען דער ציוויליזאַציאָן“ ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז רעליגיע און געזעץ דערשטיקן די פּרימיטיווע אינסטינקטן פון מענטש, וואָס לעבן סיווי אין אונטערבאַוווסטזיין. אין פיבערנאַכט חלום „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“, ווען גאָט שלאָפט ווי זיין עבנבילד — דער נאַכט־וועכטער, און די וועלט איז הפקר, קען דער בדחן „פעלדמאַרשאַל“ באַפרייען דעם מענטש פון אַלע תורות און מסורות, פון פאַרשימלטן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט דערשטיקט זיינע נאַטירלעכע געפילן:

„טאַנצן, טאַנצן,
פלאַמט כאָטש אויף אין גאַנצן,
זאָלן טויטע אויגן שפּריצן
פונקען־פייערדיקע בליצן...“

און ס'קומט פאָר אַן אָרגיע־טאַנץ פון טויטע, די שטיינבילדער, די ריטער נישן רייסן זיך אָפּ פון די מאַגיסטראַט־ווענט און פאַרבעטן זיך צום טאַנץ מיט די זשידוווקעס, וואָס צעלאָזן תאווהדיק די האָר און ווען אַ פרומער מת פון שול־פּענצטער רופט־אויס: „מע טאָר נישט“! ענטפערן די טענצערינס: מען טאָר, מען טאָר, ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. אַזוי גייט אָן דער טויטן־טאַנץ ביזן שאַריען פון טאָג. מיטן קריי פון בלעכערנעם האָן אויפן שול־דאַך קומט די אויסניכטערונג.

### 4.

אין דער קאָליר־פולער „שאַגאַל־דעקאָראַציע“ פון אונדזער פאַרשוווּנדענעם אַלטן מאַרק קומט נאָך צו דער אויסטערלישער דעמאָנישער ברונעם גץ, אַ האַלבער מאַן און האַלבע פרוי, וואָס די שטעטלדיקע לעגענדע דייט אָן וועגן הפקרדיקע קלעזמער־יונגען אויף פּריצישע חתונות, וואָס זיינען אויפן באַפעל פון גץ אַריינגעשפּרונגען אין ברונעם. דער ברונעם־גץ וועט ווערן דער מיט־שיתוף צום בדחנס פּלאַן פון תחית המתים און אילוזאָרישער דערלייזונג.

חנן שמערוקס בוך „פּרצעס יאוש־וויזיע“ איז אַ ריזיקע פאָרש־אַרבעט און אַנאַליז פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“. ער פירט אַ פּאָלעמיק מיט די פאַרשידענע קריטיקערס און זייערע אינטערפּרעטאַציעס פון ברונעם־גץ. י. י. טרונק האָט אין גץ געזען דעם ספינקס, די רעטעניש פון יידישער עקזיסטענץ. נאַטאַנסאָן גלויבט אַז דער ברונעם־גץ דריקט אויס דעם סימבאָל פון מענטשנס באַגער צו פּערזענלעכער פרייהייט. געצנדינסט האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַרן פרייען עסטעטישן געפיל פון יחיד. לויט חנן שמערוקס אייגענער היפּאָטעזע איז דער האַלב־מאַן האַלב־פרוי, דעמאָנישער

ברונעם־געץ געווען דער סעקס־קולט וואָס האָט דורך פּזשיבישעווסקיס טעאָריע און נאָוועלן באַווירקט די יידישע יוגנט. פּרץ האָט חוזקדיק רעאַגירט אויף יענעם דעקאַדענטישן איינפלוס. מיר גלייבן אַז דער ברונעם־געץ איז דער שטן, וואָס דער בישאָף ב״יש, אַ דערשראָקענער, רופט אויס: ס׳איז די מאַכט פון אַנטי־קריסט.

דעם בדחנס שיתוף איז אויך דער „עמיץ״ וואָס קומט אויף די פליגל פון ליבע און עסטעטיק, ניט געצוימט פון רעליגיע און געזעץ צו געניסן פון לעבן. ער העלפט דעם בדחן וועקן די טויטע פון פאַרגליווערטן שלאָף. אָבער זיינע כישוף־רייד זיינער „לער״. ער איז ניט דער באַשייד אויף די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען אין געראַנגל פאַר יידישן קיום. ער פאַרשווינדט צום גויישן קלויסטער־געסל.

דער בדחן בלייבט אַליין מיט זיין כישופדיקן כוח, וואָס שוועבט אין דער פינצטערניש אַ דאַנק דעם הפקרדיקן כולו חייב, איינצוהאַלטן דעם תחית המתים טאַנץ. מיטן קריי פון האָן דערשרעקן זיך די מתים, און ס׳העלפט ניט דאָס פאַרצווייפלטע מונטערן פון בדחן־לץ: „וואַשט די קעפּ אין פרישן טוי, באָדט אייך אין פרימאָרגן גלאַנץ, טאַנצט אַריין דעם גרויסן טאַנץ אין גרויסן טאָג.״

מיטן שאַריי פון טאָג פאַרשווינדט דער חלום, ס׳וועקט זיך דער גרויער אומעטיקער מאַרק. דער קלויסטער־זייגער שטייט ווייטער פון סאָביעסקיס צייטן און דער בדחן הכנעהדיק וועקט אין שול אַריין. און די פאַבריק־סירענע צערודערט די רו. דער וואַנדערער וואָגלט אַוועק מיט זיין חלום אַז —

„אין מזרח־ראַנד שאַפט אַ פאַרבאָרגענע האַנט,
ליכטיקע שטראַלן בינדט זי,
ראָזיקע נעפּלען שפּינט זי,
אַ נייער טאָג ווערט אויסגעוועבט.״

ער וועט פאַרגעסן פון וואַנען ער קומט. ווו איז דער ציל? דאָס ווייסט קיינער ניט, פּרץ גיט ניט קיין באַשייד. „דאָס (זאָגט דער לעקטאָר) באַלאַנגט ניט צום שפּיל״. אָבער ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין אַז דעם וואַנדערערס וועג פירט צו אַ נייעם חלום. אַן אייביק וואַנדערן פון חלום צו חלום, פון חלום צו חלום.

## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**הערש סמאָליאַר:** „סאָוועטישע יידן הינטער געטאָ־צוימען״, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב, 1982. 072 ז״ז. ווייכער איינבונד. הילע פון רבקה בריסק. אינעם בוך ווערן געשילדערט די ליידן, פּיין, גבורה און ווידערשטאַנד פון די יידן אין מינסקער געטאָ (ווייס־רוסלאַנד), ווי אויך דער אָנטייל פון יידן אינעם פאַרטיזאַנער קאַמף אין די ווייס־רוסישע וועלדער.

* * * * *

**„די גאָלדענע קייט״** נום. 113 און 114. פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. תל־אביב, 1984.

* * * * *

**יעקב זיפּער:** „אַריינבליקן אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן״ — מאָנטרעאַל 1983. 330 ז״ז, ווייכער איינבונד. הילע און שער־בלאַט פון שלמה פּאָמעראַנץ. אינעם בוך קומען אַריין עטלעכע און דרייסיק עסייען וועגן יידישע שרייבער און זייערע ווערק, ווי אויך אַ צאָל דערמאָנונגען וועגן חברים און טוער.

* * * * *

**מאיר סעגאַל:** לידער, ניו־יאָרק, 1985. 88 ז״ז. די לידער זיינען פאַרטיילט אין דריי אָפּטיילן. חוץ דעם קומט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן מחבר פון ש. ניגער, ווי אויך פראַגמענטן פון בריוו פון ש. ניגער וועגן ה. לייוויק און שלום אַש.

* * * * *

**אברהם ליס:** „שמועסן בכתב״, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, 1985. 335 ז״ז. אין בוך קומען אַריין פערציק עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ווערק, ווי אויך אַ שטימונגספולער רעפּאָרטאַזש וועגן דעם שרייבערס באַזוך אין זיין געבוירנשטאָט ביאַליסטאָק, וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

# ד״ר טוביה מייזעל

שבת, דעם 15טן יוני ה״י, איז אין מעקסיקע, נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט, געשטאָרבן דער באַקאַנטער געזעלשאַפט־לעכער טוער, לערער און בויער פון דער יידישער שול, טוביה מייזעל. ער איז אַלט געווען קרוב צו 88 יאָר.

טוביה מייזעל האָט געשטאַמט פון אַ רייכער משפחה אין יעקאַטערינאָסלאַוו, רוסלאַנד. נאָכן ענדיקן אַ רוסישע גימ־נאַזיע האָט ער שטודירט פעדאַגאָגיק אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט.

אין 1926 האָט ער זיך באַזעצט אין דער הויפּט־שטאָט פון מעקסיקע און גע־וואָרן אין גיכן אַ צענטראַלער טוער אין דאָרטיקן יידישן ישוב און גלייכצייטיק געהאָלפן אויפבויען די מעקסיקאַנער אָר־גאַניזאַציע פון „בונד״. זייענדיק גע־בענטשט מיט אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, האָט ער געהאַלטן אַ סך רעפעראַטן וועגן יידישע און אַלגעמיינע ענינים.

פון יאָר 1955 איז ער כסדר געווען אַ מיטגליד פון וועלט־קאָאָרדינִיר־קאָמי־טעט פון „בונד״. אין מעקסיקע גופא איז ער געווען אַ ראַטמאַן פון דער אשכנזי־שער קהילה און איר קולטור־דירעקטאָר. ער איז אויך געווען דירעקטאָר פון יידיש־העברעישן לערער־סעמינאַר.

טוביה מייזעל איז געווען רעדאַקציע־גליד פון בונדישן חודש־זשורנאַל „פאָר־אויס״ און געדרוקט אַרטיקלען מיט גרע־סערע ליטעראַרישע פאָרשונגען אין אַ ריי אַנדערע אויסגאַבעס. ער האָט אויך גע־האַט אַ קאָנטאַקט מיט אַ ריי מעקסיקאַנער פּערזענלעכקייטן. בכלל געווען אַ פּער־זענלעכקייט מיט פאַראינטערעסירונג אין אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען און געקעמפט פאַר דעם, וואָס ער באַטראַכט פאַר גערעכט און נייטיק. אַ פיינער מענטש און אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פירער און טוער.

* * * * *

טוביה מייזעל האָט זיך זייער שטאַרק פאַרנומען מיט פאָרשן די געשיכטע פון די געטאָס אין אייראָפּע און ספּעציעל מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און היטלע־ריסטישע מאָרד־פּאָליטיק און טעראָר אין וואַרשע, לאָדזש, טרעבלינקע, אויש־וויץ, מיידאַנעק און אַנדערע לאַגערן.

די יאָרלעכע טרויער־דעמאָנסטראַציעס אין מעקסיקאָ סיטי זיינען צוגעגרייט גע־וואָרן פון טוביה מייזעל און די פּראָגראַ־מען זיינען אויך צוגעגרייט געוואָרן דורך אים.

זייער אַ סך מי און אַרבעט האָט טוביה מייזעל אַריינגעלייגט אין די יאָרלעכע מוזיקאַלישע קאָנצערטן צו וועלכע ער האָט איינגעלאָדן די גרעסטע טאַלאַנטן, און צו וועלכע עס זיינען געקומען טויזנ־טער יידן און פיל פון דער מעקסיקאַנער אינטעליגענץ.

מיט זיינע אייגענע הענט האָט דער נפטר אויך אויפגעבויט אַ געטאָ־מוזעום און איינגעשאַפן עקספּאָנאַטן פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט.

מיט לאָס אַנדזשעלעס האָט ד״ר מייזעל אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט; פלעגט קומען אויף לעקציעס אַן פייערונגען און האָט זיך באַליבט געמאַכט צווישן דעם היגן עולם.

מיט צוויי יאָר צוריק האָט די מעקסי־קאַנער רעגירונג באַערט ד״ר מייזעל מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיינע קולטור־אויפטוען און פעדאַגאָגישע אַרבעטן אין מעקסיקאָ.

אויך די ישראל־רעגירונג האָט אויס־געצייכנט טוביה מייזעל מיט אַ מעדאַל פאַר זיינע שפּראַך־פאָרשונגען ביי יידן און זיינע היסטאָרישע ביטראָגן צו די פיל צוויגן פון יידישער קולטור.

מיט טיפן טרויער איז ער באַערדיקט געוואָרן אויפן בית־עולם אין מעקסיקאָ סיטי. דורות יוגנט און דערוואַקסענע וועלן אים געדענקען.

ס. נ.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

**אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.**

ציטווייליקער דירעקטאָר:
בערנאַרד דזשייקאָבסאָן

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................

Address..............................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................

Date..............................Signature of Applicant..............................

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל און מדינת ישראל איבער דער גאַנצער וועלט

## באָראָכאָוו-פינסקי, עמק און וויצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

גמליאל שלאַפמאַן, פאָרזיצער
דוד שרגא, וויצע־פאָרזיצער
אהרן קאָלאָדני „ „
מאַקס גאָלדשטיין „ „
מרדכי בן דוד „ „
בערטאַ קאָרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
עדינה פרידמאַן, קולטור פאָרזיצער

## בן גוריון - סירקין צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

הערי הירש, פאָרזיצער
לייב גאָלדבערג, פינאַנץ-סעקרעטאַר
רעי קאַהאַן, רעקאָרדינג סעקרעטאַר

## שלום עליכם צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

לייב ראָזענבלאַט, פאָרזיצער

## זיגלבוים אַרב. רינג ברענטש 486

לילקע מייזנער, פאָרזיצערין

## הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
בען טאָובער, קאַסירער

## מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443 אַרבעטער רינג

משה גאָדעלמאַן, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

## נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס

יוסף קאָרן, פרעזידענט

## דרורה צווייג פיאָנערן פרויען

ליבע שלאַפמאַן, פאָרזיצער
פריידל טראָפימאָוו, וויצע־פאָרזיצער
פרומע גאָרענשטיין, וויצע־פאָרזיצער
בערטאַ קאָרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
רעגינאַ שידלער, קאַסירער

## די נאָווידוואָר סאָסייעטי

ווינטשט אירע מיטגלידער און אַלע יידן אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

רחל קליינבאָרד, פרעזידענט

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

# יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס

ווינטשט אַלע יידן אַ געזונט יאָר און שלום אויף דער וועלט.

ה. מ. סקאַלסקי, פּאַרזיצער

---

# פריידל און יאַנקל אַנזשעליק (אַנגעלטשיק)

אונדזערע גוטע פריינד פון אַדינקור, פראַנקרייך

ווינטשן אַ געזונט, גליקלעך יאָר תשמ״ו. אַ גיכע רפואה שלימה פאַר פריידלען.

רחל און מענדל סלוצקי חיה און גרשון פרידמאַן

---

# בענסאַן שעיפער און משפחה

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

אונדזערע בעסטע ווונטשן צו דער „חשבון" רעדאַקציע קאָלעגיע און כלל ישראל

## שלמה און רחל שוואַרץ — שיקאַגאָ

---

# ראָזאַ און גרשון ירושלמי

און משפחה — אַנאַהיים, קאַליפ.

---

# ד״ר און מרת י. ב. פישמאַן

---

# צוקערמאַן, ציליע און שלמה

---

# חיים פלאָטקין

ניו־יאָרק

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

## מנחם קאַרסאָן

---

## נתן און לודמילאַ גערשאָוויטש

---

## יודזשין ווייס

---

## קאַפּלאַן, רחל און דוד

---

## אַבֿרהם און סימע קאַרפּ-לעפּקאָוויטש

אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

---

## שרה און שמחה ליינער און משפּחה

---

## חנה רוהמאַן

---

## דייטש, לוסי און שמואל — שיקאַגאָ

---

## לאַרי און עלסי שאַרף

---

פיל שעפערישע, געזונטע יאָרן פאַר אונדזער טייערן ברודער
חיים קוזנעץ — ניו־יאָרק

## חנה און משה האַמבורגער

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

בלושטיין, שרה, נחום און קינדער

בוירנס עליזאַבעט
ווינטשט אירע קינדער און אייניקלעך אַ געזונט און דערפאָלגרייך יאָר.

הירש — טאָני, ארי און אילאַי

זייף — צפורה און אליעזר

טאַובער, סאלי און בעריש

לאַנצמאַן, ליליען און בערנאַרד

לובין, דוד

מלאך-קרעמער, לאָטי

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק — סקאָקי, איל.

נאָדעלמאַן, משה

סילבער — אַדעל און יצחק

סיג׳על, סאָפי

עלבערג — שיינדל און יהודה
מאָנטרעאַל

שלאַפמאַן — ליובע און גמליאל

לעווין — רעגינאַ און דושעק

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

אַפּטייקער, אסתר
בייראַק, דאָראַ
גובקין, ישראל
גילינסקי, ליובע
גאָרנשטיין, לאה און משה
גאָרענשטיין, פרימע און דוד
דזשאַריק, בלומע
הערבסט, ד״ר הערי און מאַריאָן
הירש, מאָריס
האָראָוויץ, עוועלין און מאָטל
ווײַנשעל, האָווארד — מילוואָקי
ווײַנשטיין, רחל און אליעזר
זשוק, חיים און משפּחה
טראָפימאָוו, פריידל
ליבערמאַן, ראָזעלין
לעבאָוויצקי, דוואָשע און אַהרן
לעווענטאַל, בעבע און עלי
לאַנג, נעמי
נוויווירט, אידיט און משפּחה
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
פּערטשוק, טערעסאַ און חיים
פּריזענט, פאַני און משולם, פּיטסבורג
קאָרין, בערטאַ און נאָרמאַן
קאַפּלאַן, משה
קליינבאַרד, רחל און בען
קאָרן, יוסף
קוליק, עטל און חיים
רויטבלום, זהבה און יצחק
שוגאַר, ד״ר קאַרל
שטראַסבערג, מאָריס